STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06264

DEM ZEYDNS KROYN

Zeev Blum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאב בלום (בנימין מאַכלין)

✶

דעם זיידנס קרוין

(וועגן מענדעלע מוכר ספרים)

קאָמיטעט
פאַר
ייִדישער קולטור
אין ישראל

ביכער-סעריע

שרײַבערס עולים פון
סאָוועטן-פאַרבאַנד

זאב בלום (בנימין מאַכלין)

דעם זיידנס קרוין

פאַרלאַג
י"ל פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל״ח — 1978

Zev Blum (B. Machlin)
DEM ZEIDNS KROIN
I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel
Printed in Israel 1978
©
נדפס בישראל, תשל״ח

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
קרן הזכרון לתרבות יהודית ניו־יורק
והאגודה לחקר תפוצות ישראל, ירושלים

* * *

שרה און מאַקס קאַופמאַן
מיאַמי ביטש — צפון־אַמעריקע

פון קאָמיטעט
פאַר יידישער קולטור אין ישׂראל

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס דער לייענער באַקומט איצט אין האַנט אַריין, ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל, אין דער ביכער־סעריע געווידמעט די שאַפונגען פון שרייבער, נייע עולים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

דאָס אַרויסגעבן אָט די סעריע ביכער האָט פאַר זיך פאָלגנדיקע צילן:

א) אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט דעם שרייבער וואָס איז געקומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד און האָט אויפגעשטעלט זיינע שעפערישע געצעלטן אין דער אַלט־נייער יידישער היים. צו דעם צוועק גיבן מיר אויך אַרויס די העפטן „ביי זיך" און מיר גרייטן צו אַן אַנטאָלאָגיע פון זייערע שאַפונגען אין עברית.

ב) באַקענען די ייִדישע לייענער אין ישׂראל און אין די תּפוצות מיט די שאַפונגען פון די דאָזיקע שרייבער, וועלכע זענען געווען אָפּגעריסן פון דער פרייער ייִדישער וועלט, אין וועלכער די ייִדן האָבן תּמיד געהאַט אַ גרויסן אינטערעס צו דעם לעבן פון זייערע ברידער און שוועסטער אונטערן סאָוויע־טישן רעזשים.

ג) אַרויסברענגען מיט דער דאָזיקער איניציאַטיוו אונדזער פולע אידענ־טיפיקאַציע מיט די שרייבער נייע עולים און שאַפן מעגלעכקייטן, אַז זיי זאָלן זיך וואָס גיכער איינוואָרצלען אין דער מדינה; דערמיט אויך סטימולירן זייער ווייטערדיק שאַפן אין באַדינגונגען פון פולער פרייהייט און טריישאַפט צו זייער נאַציאָנאַל־גייסטיקער שליחות.

ד) העלפן די שרייבער נייע עולים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד זיך איינ־שליסן אין דער ישׂראלדיקער קולטור אין וועלכער עס קומען זיך צונויף אַלע ווערטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין משך פון דורות דורך אַלע טיילן פון ייִדישן פאָלק אין דער וועלט.

אַ האַרציקן יישר כּוח די אַלע, וואָס העלפן אונדז ביים רעאַליזירן די דאָזיקע איניציאַטיוו און אַ ספּעציעלן דאַנק דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תּל־אביב, וואָס האָט אויף זיך גענומען דאָס אויספירן די פאַרלעגערישע זייט פון דער דאָזיקער אויסגאַבע מיט אַלעם, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן.

הקדמה

אין יאָר 1935, ווען דער מחבר האָט געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פון יודאַיִקאַ אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער מלוכה־ביבליאָטעק א"נ סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, האָט ער אָנטייל גענומען אין צוגרייטן אַ גרויסע מענדעלע־אויסשטעלונג, וואָס דער אָפּטייל פון יודאַיִקאַ האָט דעמאָלט איינגעאָרדנט אין דער ביבליאָטעק. ביי דער געלעגנהייט האָט זיך דער מחבר באַקענט מיט די „די קליאַטשע"־וואַריאַנטן און אָנגעשריבן די ערשטע אַרבעט איבער די וואַריאַנטן. אין 1936 האָט ער די אַרבעט איבערגעגעבן דעם באַוווּסטן ביבליאָגראַף און ליטעראַטור־פאָרשער אהרן גורשטיין. לויט ווי ער האָט מודיע געווען אין אַ בריוו צום מחבר, האָט ער דעם כתב־יד איבערגעגעבן מ. ליטוואַקאָוון פאַר דער וויסנשאַפטלעכער מענדעלע־אויסגאַבע, וואָס דער פאַרלאַג „עמעס" האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַרויסגעבן.

באַלד נאָך דעם איז מ. ליטוואַקאָוו געוואָרן אַרעסטירט. די מענדעלע־אויסגאַבע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין מאַי 1937 איז דער מחבר אַרעסטירט געוואָרן, און נאָך צען יאָר לאַגער אין 1947 באַפרייט געוואָרן און געמאַכט אַ באַזוך אין מאָסקווע. אין פאַרלאַג „עמעס" האָט ער זיך דערוווּסט ביי אליהו פאַלקאָוויטש, אַז ס'איז גאָרנישט פאַרבליבן פון ליטוואַקאָווס פאָרטפעל.

דער מחבר האָט געפּרוּווט אין זיין אַרכאַנגעלסקער גלות זיך פאַרבינדן מיט דער יודאַיִקאַ־אָפּטיילונג און אָנגעהויבן באַאַרבעטן פון ס'ניי די „קליאַטשע"־וואַריאַנטן, אָבער געמוזט איבעררייסן די אַרבעט, ווייל ער איז ווידער אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

נאָך לאַנגע נע־ונד־יאָרן האָט ער געקריגן די מעגלעכקייט זיך אומקערן קיין לענינגראַד. דאָ האָט ער נאָך דער אַכט־און־צוואַנציק־יעריקער הפסקה ווידער באַנייט זיין מענדעלע־פאָרשונג.

אין זאַמלען און באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל, באַזונדערס דעם שפּראַכלעכן, האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט די פרוי פון דעם מחבר, רחל מאַכלין, וועלכע האָט מיט אים צוזאַמען דורכגעמאַכט דעם פּיינפולן וועג פון טורמעס, לאַגערן און נע־ונד.

די אַרבעט „וואַריאַנטן פון מענדעלעס ,די קליאַטשע'" איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אין סאָוועטיש היימלאַנד 1967, נומ' 6 נאָך דעם ווי דער כּתב־יד האָט זיך געפונען אין דער רעדאַקציע ביי צוויי יאָר און באַקומען פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען פון ל. פּאָדריאַטשיק און א. פאַלקאָוויטש. צום פאַרעפנטלעכן די אַרבעט האָט מיט־געווירקט אויך ה. אַלעקסאַנדראָוו, וועמען דער מחבר האָט געלייענט דעם כּתב־יד.

אין דער רעדאַקציע האָט דער פאַרוואַלטער פון דעם ליטע־ראַריש־קריטישן אָפּטייל ע. רעמעניק געוויסנהאַפטיק רעדאַקטירט און מסדר געווען די אַרבעט צום דרוק מיט מינימאַלע אַנטשפּרעכנ־דיקע רעדאַקציאָנעלע אויסבעסערונגען.

דער מחבר האָט פאַר נויטיק צו באַמערקן :

די אָפּשאַצונג פון מענדעלעס „יודל", „זמירות ישׂראל", „פרק שירה", „שלמה ר' חיימס" איז דורכן מחבר געגעבן אין זיינע אַרבעטן : „דער אַשמדאַי און ישׂראליק", ביי זיך 1973 נומ' 2 ז' 70 (וועגן „יודל") און „דער פאַלקלאָר אין מענדעלעס שאַפן" ביי זיך 1974 נומ' 3 ז' 108 (וועגן „יודל", „זמירות ישׂראל" און „פרק שירה").

מיט דאַנקבאַרקייט האָבן מיר דאָ אויבן דערמאָנט די פּאָר־שער און געלערנטע, וועלכע האָבן נאָך אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט־געווירקט צו פּובליקירן די פאָרשונג איבער די וואַריאַנטן פון מענדעלעס „קליאַטשע".

וואַריאַנטן פון מענדעלעס „די קליאַטשע"*

אין דער רייכער מענדעלע־פאָרשונג זענען ביים אָפּשאַצן „די קליאַטשע" נישט באַהאַנדלט געוואָרן געננוי אירע דריי וואַריאַנטן.

דער קינסטלערישער וווקס פון מענדעלען אין זיינע ווערק איז געקומען מיט זייער סאָציאַל־אידעיִשער פאַרטיפערונג. פאַר די יאָרצענדליקער, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען פון וואַריאַנט צו וואַריאַנט, איז פאָרגעקומען אַ וווקס פון דער יידישער ליטעראַטור און עס זענען אויסגעוואַקסן ביי די לייענער זייער קינסטלערישער געשמאַק און זייערע אידעיִשע פאָדערונגען.

מענדעלע האָט איבערגעאַרבעט זיינע ווערק, כדי צו מאַכן זיי אַקטועל. ער האָט געשליפן דעם זאַץ און דאָס וואָרט, זיי זאָלן זיין אין איינקלאַנג מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן אין דער געגעבענער צייט. די איבער־אַרבעטונג האָט געמאַכט דאָס ווערק היינטצייטיקער.

„די קליאַטשע", אַ ביכעלע פון 16 קאַפּיטלען, איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ בוך פון פיר און צוואַנציק קאַפּיטלען.

דאָס נייע אין די וואַריאַנטן איז געוואָרן אָנגעהויבט דורך די געשעענישן פון דער צייט. מען דאַרף דעריבער באַטראַכטן „די קליאַטשע" ווי אַ ווערק,

---

* פונעם מחבר

די פאָרשונג איז צו ערשט געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" (מאָסקווע 1967, נומ' 6).

דער מחבר האָט דאָ אַריינגעבראַכט געוויסע ענדערונגען, קיצורים און תּוספות, וועלכע ס'האָט גורם געווען די צייט (צען יאָר) און ניי־באַקומענע מאַטעריאַלן. טיילווייז איז דער תּוך פון די קיצורים געגעבן אין די אַנדערע אַרבעטן איבער „די קליאַטשע" אין דעם בוך. (זע באַמערקונגען און מקורות צום סוף פון דער פאָרשונג).

וואָס שפּיגלט קינסטלעריש אָפּ אין זײַנע דרײַ וואַריאַנטן דרײַ געשיכטלעכע פּעריאָדן.

די „קליאַטשע"־וואַריאַנטן (1889—1913), אָנגעפּילט מיט נײַעם אינהאַלט פון צײַט־געשעענישן, געשילדערט מיט נײַע קרעפטיקע אויסדרוק־מיטלען און בילדער, באַווײַזן, אַז מיט דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן ווערק (1873) האָט זיך די פּובליציסטישקייט ביי מענדעלען נישט פאַרענדיקט, אַז ער זעצט זי פאָר אויך שפּעטער, אַז די פּובליציסטישקייט, די טענדענציעזקייט, דער אידעיִשער אָנציל העלפן דער קינסטלערישער פאַרפולקאָמונג און מאַכן בולטער די אידעע פונעם ווערק.

מענדעלע האָט פאַרשטאַנען די געזעלשאַפטלעכע פונקציע און די עסטעטישע אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור.

אין דעם ווייניק באַקאַנטן ווערק „מה נעשה" (וואָס דאַרף מען טאָן"; דאָס קעפּל רופט זיך, הפּנים, איבער מיט טשערנישעווסקיס „טשטאָ דיעלאַט") ווערט צוזאַמען מיטן עסטעטישן אַרויסגערוקט דאָס קעמפערישע, דאָס עטישע, דאָס רעוואָלוציאָנערע, פּראָגרעסיווע, וואָס פאַרבינדט די ליטעראַטור מיטן לעבן.[1]

מענדעלע איז געווען באַאײַנפלוסט פון די פּראָגרעסיווע אידעען פון זײַן צײַט. ער האָט שטודירט די ווערק פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן — בעלינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו. עס איז פעסטגעשטעלט די ליטעראַרישע קרובהשאַפט פון מענדעלען מיט סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען. די מעטאָדן, וועלכע סאַלטיקאָוו־שטשעדרין ווענדט אָן אין זײַן סאַטירע, זענען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלען, באַזונדערס פאַר „די קליאַטשע". די קליאַטשע־אַלעגאָריע איז, ווי ביי סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען, אַ סאַטירישע. אַחוץ דעם, וואָס די אַלעגאָריע איז פאַרשפּרייט ווי אַ ליטעראַטור־פאָרם ביי אַלע פעלקער פון לאַנגע צײַטן אָן, איז זי באַזונדערס געווען צוגעננגלעך פאַר דעם ייִדישן לייענער, וועלכן עס איז געווען באַקאַנט דער מגידישער משל מיטן מוסר־השׂכּלדיקן נימשל.[2]

דער פאַרפּישופטער פּרינץ, די כּנסת־ישׂראל אין געשטאַלט פון דער קליאַטשע, האָט אויך געקאָנט זײַן און איז טאַקע געוואָרן ביי מענדעלען די אַלעגאָריע פון אַלע אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע „געמיינע פערד,

די קליאַטשע

אדער

צער בעלי חיים

לססתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי:
צו מיין קליאַטשע אין פרעהס רייטוואָגען
פערגלייך איך דיך, כנסת־ישראל!
(שיר השירים א, ט.)

א מעשה

וואס האט זיך פארוואלגערט צווישן דיא כתבים

פון

ישראליק דעם משוגענעם

געדרוקט בהשתדלות

מענדעלי מוכר ספרים

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ג לפ"ק

Гос. Публичная ... Ленинград

שער־בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע, דערשינען אין יאָר 1873.

וואָס אַקערן די פעלדער, פירן וואַסער און האָלץ, שלעפּן משׂא און טוען אַלצדינג אין דער בעלהביתישקייט".

דאָס טראַגישע ביי דער קליאַטשע־געשטאַלט איז אין דעם „כּישוף", וואָס לאָזט זי נישט אויסגלייכן דעם רוקן, אין דעם פּאַטום, אין דעם גורל פון „אייביקער קליאַטשע".

מענדעלע האָט נישט געזען און דורך „דער קליאַטשע" נישט באַוויזן יענע אַקטיווע כּוחות, וועלכע וואַקסן אָן אין פאָלק און אַרום אים אין יענע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע פירן צום אויפרייסן די אומגערעכטע גע־זעלשאַפטלעכע אָרדענונג און צוזאַמען מיט איר דעם „כּישוף" פון דער „אייביקער קליאַטשע". מענדעלעס קליאַטשע וואַרט פּאַסיוו און האָפט אויף דער גערעכטיקייט, וואָס וועט קומען ווי אַ מין משיח...

די „אייביקייט" פון דער קליאַטשע איז איר שוואַכע זייט. עס בלייבט אָבער איר שטאַרקע זייט — דער אויפגערודערטער באַוווסטזיין פון דעם פאָלק.

די ערשטע אויסגאַבע פון „די קליאַטשע" איז דערשינען אין 1873 אין ווילנע, אין דער באַוווסטער דרוקעריי פון דער אַלמנה און ברידער ראָם. די צענזור־דאַטע איז אָנגעוויזן 15 דעקאַבער 1872. דאָס ווערק האָט 119 זייטן און איז, ווי געזאָגט, איינגעטיילט אין 16 קאַפּיטלען.

„די קליאַטשע" פון 1873 געהערט צום זשיטאָמירער פּעריאָד פון מענ־דעלעס לעבן און שאַפן (1869—1881).

קיין זשיטאָמיר איז דער שרייבער אַריבערגעפאָרן פון בערדיטשעוו, פון וואַנען ער האָט געמוזט עוקר זיין צוליב די רדיפות מצד די דאָרטיקע קהלישע רעדל־פירער, וועלכע ער האָט מיט זיין „טאַקסע" געטראָפן אין דער זיבעטער ריפּ. אָבער אויך אין זשיטאָמיר האָט מענדעלע קיין האָניק נישט געלעקט פון די דאָרטיקע קאָכלעפל. „די קליאַטשע" ווערט געשאַפן אַלס צווייטער טייל פון דער „טאַקסע", ווי מענדעלע שרייבט אין דער הקדמה: „החלק השני — דער צווייטער טייל מהטקסע, בכל פּרטיו — מיט אַלע פּיטשעווקעס".

דער זשיטאָמירער פּעריאָד איז ביי מענדעלען געווען אַ פּעריאָד פון פאַר־שאַרפטן קאַמף קעגן פאַנאַטיזם און קלעריקאַליזם. „די קליאַטשע" איז אַ

ווערק פון אַ דיכטער מיט אַ פאַרביטערט האַרץ. זי איז אָנגעשריבן מיט אַ פען, וואָס האָט געשפּריצט מיט פייער. מיר לייענען ביי שלום עליכמען אין זיין פאַרצייכענונג „פיר זענען מיר געזעסן״:

„מענדעלע מוכר ספרים דערציילט, אַז ער האָט צום ערשטן מאָל גע־לייענט „די קליאַטשע״ פאַר אַ געשלאָסענער פאַרזאַמלונג פון אינטימע פריינד, וועלכע האָבן פריִער געלאַכט פון אים, געמאַכט חוזק איבערן נאָמען פונעם ווערק: „נאַ דיר גאָר אַ פערד, אַ קליאַטשע״, נאָך דעם געוואָרן ערנסט. איינער פון זיי, יוסף בצלאל הרכבי, האָט נאָכן איבערלייענען „די קליאַטשע״ צוגענומען ביים מחבר דעם העפטל, אַריינגעלייגט אין זייט־קעשענע, און ווערטער, אָוועקגעפירט דאָס קיין פּעטערבורג און צוגעשיקט אין אַ צייט אַרום דעם פאַרפאַסער אַ פאַרטיקע, אָן אָפּגעדרוקטע „קליאַטשע״. נאָך דעם האָט דער צענזאָר געהאַט אַ מיאוסע מפּלה, וואָס מען האָט דורכגעלאָזט אַזאַ טריפה סחורה״.[3]

פאַר דער מיאוסער מפּלה האָט שפּעטער די צאַרישע צענזור זיך נוקם געווען און פאַרמאַכט דעם זשורנאַל „וואָסכאָד״ אויף זעקס חדשים דערפאַר, וואָס דאָרט זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן (אין 1891) די ערשטע קאַפּיטלען פון „דער קליאַטשע״, איבערגעזעצט אויף רוסיש דורך מענדעלעס זון מיכאל (מאיר) אַבראַמאָוויטש.

אויפן שער־בלאַט פון „דער קליאַטשע״ שטעלט מענדעלע ווי אַ מאָטאָ „לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי״, אויסגעטייטשט מלמדיש און פון מענדעלען אונטערגעשטראָכן: „צו מיין „קליאַטשע אין פרעהס רייטוואָגן פאַרגלייך איך דיך, כּנסת־ישׂראל״. די ווערטער „קליאַטשע״ און „כּנסת ישׂראל״ זענען אויסגעטיילט מיט פעטן שריפט.

*

„די קליאַטשע״ איז דערשינען אין דער צייט, ווען עס זענען פאַרשווונדן די האָפענונגען אויף אַ „פּאָליטישן פרילינג״, אויף רעפאָרמען פון אויבן נאָכן אָפּשאַפן דאָס לייבאייגנטום. עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון דער אינטעליגענץ צו „גיין אין פאָלק״.

עס איז קלאָר געוואָרן, אַז בילדונג איז נישט דער וועג צו דער גלייכ־

באַרעכטיקונג פונעם ייִדישן פאָלק. די רעפאָרמיסטישע פּראָגראַם פון דער בורזשואַזער השׂכּלה האָט געהאַט אַ ממשות בלויז פאַר פּריווילעגירטע יחידים. די מאַסע איז אָבער געבליבן הונגעריק, רעכטלאָז, באַרויבט דורך די אייגענע, די ייִדישע גבירים און תּקיפים, און פאַרפאָלגט דורכן צאַרישן רעזשים, דורך די זעלבע טשינאָווניקעס און פּריצים, „די איידעלע געלערנטע פערד", וועלכע האָבן אונטערדריקט דאָס פויערטום און די האָרעפּאַשנע מאַסן פון שטאָט.

נאָך אין „מכתּב על דבר החינוך" (אַ בריוו וועגן דערציִונג) און אין „משפּט שלום" איז מענדעלע אַרויסגעטראָטן קעגן דעם משׂכּיליזם. נאָר אַנטשיידן איז געווען זיין אַרויסטרעטונג אין „דער קליאַטשע". דאָס איז שוין נישט געווען פּראָסט אַ רעוויזיע, נאָר אַן אָנגריף אויפן משׂכּילישן רעפאָרמיזם.

אין אַ פיינער סאַטירישער מאַניר איז אויסגעלאַכט די ווענדונג פון דער השׂכּלה (ישׂראליקן) צום פאָלק (דער קליאַטשע): „לערן זיך טאַנצן", — און בייסיק האָט דער השׂכּלה געענטפערט דאָס פאָלק: „קיין טאַנץ גייט נישט פאַרן עסן".

מענדעלע באַגרענעצט זיך נישט מיט דער קריטיק אין די ראַמען פון דער ייִדישער סביבה, ער ווענדט זי אָן דירעקט קעגן דער גאַנצער געזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג, קעגן די „פאַנסקע צאַפּעס", „וואָס פרעסן אויף אָרעם בלוט, אָרעם שוויס נעבעך"; מענדעלע האָט געלאָזט רעדן אַליין דאָס פאָלק, וואָס דערזעט זיך צווישן נאָך אַזעלכע אונטערדריקטע און רעכטלאָזע. דאָס אַליין איז שוין געווען אַן אַקט פון מאָראַלישער גלייכבאַרעכטיקונג.

*

די צווייטע אויסגאַבע פון „דער קליאַטשע" איז דערשינען אין אָדעס אין דער דרוקעריי פון אַ. וואַרשעווער, 1889, 129 ז'. די אויסגאַבע איז אילוסטרירט. דאָ געפינען מיר די זעלבע זעכצן קאַפּיטלען, ווי אין ערשטן וואַריאַנט.

דאָס איז געווען, ווי עס איז אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט, „דאָס צווייטע בוך פון אַלע כּתבים פון מענדעלע מוכר ספרים"; אויפן פאָדערבלאַט איז אָנגעוויזן אין רוסיש איזדאַניע אַוטאָראַ (אויסגאַבע פונעם אַוטאָר).



1.

ישראליק וויל ווערען א מענש.

אזוי ווי נח איז דורך נסים ניצול געווארען פונם מבול וואסער, אין זיין צייט, בין איך, ישראליק, אויך ניצול געווארען אין אונזער צייט פונם מבול שדכנים, וואס האבען זיך געלאזט צו מיין מאמען מיר אנצושלאגען שידוכים. מיין מאמע — א פראסטע, נאר א קלוגע יידענע, איז געווען אין אלמנה, קיין רייכע, אבער ארם אויך נישט. זי האט געהאט פרנסה פון איהר קליים צעלניק, געהאנגען א האלב פערטיל, געלעבט גאנץ פיין. איך בין ביי איהר געווען א בן־יחיד. זי האט זיך אין מיר געקאכאלעצט, מיר נאכגעגעבען אלעסדינג, וואס איך האב פארלאנגט. דעריבער, אז איך האב מיך איינגעשפארט נישט יונג חתונה צו האבען, האב איך עס אויסגעפירט. התחלה האט זי אפילו געפרואווט מיך איבערצורעדען מיט אזא ניגון:

— ישראליק! וויפיל האב איך גאט געבעטען, איך זאל דערלעבען די צייט, קען זאל דיר ריידען שידוכים. דו ביסט דאך מיין איין אויג אין קאפ. איך מיין דאך מאכן נער דיין טובה. פאלג־ושע מיך, חלעבין, און האב חתונה! שוין צייט, צייט, ישראליק. דיינע חברים האבען נאך צו דער בר־מצוה חתונה געהאט. פאלג, חלעבין, א מאמע, מיהאט וואס גאט האט געבאטען און לאמיך פון דיר נחת האבען!

א זייט פון דער צווייטער אויסגאבע „די קליאטשע", דערשינען אין יאר 1889.

די אויסגאַבע האָט טאַקע געהערט מענדעלען, וועלכער האָט, חוץ דעם, זיך פאַרנומען אויך מיט איר פאַרשפּרייטונג.

אין אַ רעדאַקציאָנעלער באַמערקונג צו דער רעצענזיע באַצייכנט שלום־עליכם „די קליאַטשע״ ווי „אַן אומשטערבלעך ווערק״, מיט וועלכן „ס׳איז אַ מאָל די וועלט אויף געווען״. שלום־עליכם שרייבט: „עס איז נישט געווען יענע יידישע שטוב, ווו מען זאָל נישט זיצן און לייענען „די קליאַטשע״(...) פון יענער צייט (פון דער ערשטער אויסגאַבע פון 1873) איז איבערגעגאַנגען היפּשע עטלעכע יאָר און „די קליאַטשע״ איז געוואָרן אַ זעלטנהייט... אַצינד, אויף די עלטערע יאָרן, האָט זיך מענדעלע גענומען דורכלופטערן דאָס ביידל מיט ספרים און אויף דער בידנער „קליאַטשע״ איז געקומען אַ ישועה. זי איז היינטיקס יאָר איבערגעדרוקט געוואָרן איבעראַנייס מיט אייניקע אויסבעסערונגען, מיט שיינע אותיות און גוט פּאַפּיר. דערביי האָט מענדעלע נישט געזשאַלעוועט די וויסטע קליאַטשע אַרומפלעכטן מיט חנעוודיקע קרענצלעך, באַצירן זי מיט קאַרטינקעס, עפּעס גאָר נישט יידישלעך״.[4]

אויף אַ ספּעציעלן פאַדערבלאַט מיט דער אויפשריפט „די קליאַטשע ברענגט פאַר אַ מתנה דעם ווייב״, שרייבט מענדעלע: „די מתנה, וועלכע איך ברענג דיר דאָ, מיין ווייב, איז עפּעס נישט אַזאַ אָנגענעמע, ווי דו פאַרדינסט פאַר אַזוי פיל מי, וואָס דו ביסט געווען אויסגעשטאַנען מיט מיר אויף דעם שווערן וועג פון לעבן פון די יונגע ביז אין די עלטערע יאָרן אונדזערע. לייט שענקען זייערע ווייבער קאַרעטעס מיט פערד צום פאַרגעניגן; פון מיין קליאַטשע, מישטיינסגעזאָגט, קען מען קיין גרויס פאַרגעניגן נישט האָבן. זי איז אַ דאַרע, אַ שלאַפע, אַ דערשלאָגענע, נעבעך, און די צעריסענע פעל אירע, פול מיט וווּנדן, איז עפּעס אויך נישט אַזוי שיין. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? דו ווייסט זייער גוט מיין אַרט שטעלע ביי אונדזער אָרעם פאָלק און די באַשעפטיקונג מיינע ביי אים. קיין נחת און גרויסע גליקן קען דאָס יידישע לעבן נישט געבן. האַרצווייטיק נאָר, מכות און יסורים איבער גענוג. אוי, קיין בעסערע מתנות, ווײַ איז מיר, האָב איך נישט״.

דאָס וואָס מענדעלע האָלט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט פאַר אַ „שטעלע ביי אונדזער אָרעם פאָלק״, פונקט ווי אַ פאָלקס־מיסיע, באַווייזט טאַקע זיין אַרבעט איבער „דער קליאַטשע״.

די צווייטע אויסגאַבע פון „דער קליאַטשע" געהערט צום אַדעסער פּער־יאָד פון מענדעלעס לעבן. צווישן דער ערשטער און צווייטער אויסגאַבע זענען דורכגעגאַנגען זעכצן יאָר.

דער צווייטער וואַריאַנט שיידט זיך אויסערלעך נישט אונטער פון דעם ערשטן: די זעלבע קאָמפּאָזיציע, די זעלבע קאַפּיטלען, מיט די זעלבע נעמען. אָבער ווען מען לייענט אים אויפמערקזאַם, זעט מען, וויפל מי דער שרייבער האָט אַריינגעלייגט ביים איבעראַרבעטן דאָס ווערק.

אין צווייטן וואַריאַנט האָט מענדעלע גרינטלעך באַאַרבעט די לעקסיק. דאָס פאַרבייטן אַ סך העברעיִזמען און סלאַוויזמען אויף אַדעקוואַטע ייִדישע אויסדרוקן איז נישט געווען אַרויסגערופן פון אַ שטרעבונג צו פּוריסטישער שפּראַך־ריינקייט, מענדעלעס ציל איז געווען, אַז דאָס פאָלק זאָל אים בעסער פאַרשטיין.

דעם צווייטן וואַריאַנט האָט מענדעלע באַרייכערט מיט נייע בילדער, אַנטפּלעקנדיק דערביי אַ גאַר גרויסע דיכטערישע קראַפט און מיט דעם צוזאַמען די עשירות פון ייִדישן שפּראַך־אוצר...

אָט שילדערט ער דעם שדים־טאַנץ, וואָס דאַרף אַלעגאָריש אָפּשפּיגלען די פּאָגראָם־וואַקכאַנאַליע — די שוואַרצע סטיכיע פון די 80ער יאָרן:

— פּלוצעם איז אויפגעשטאַנען אַ ווינט און אָט האָט פון דער ווייטנס זיך פאַרדרייט אַ רעדל און געדרייט, געדרייט, געדרייט, ווי אַ זייל, גאַנץ הויך אין דער לופטן. ס'איז אַ קאָכעניש, אַן אויסמישעניש פון אַלערליי געשטאַלטן, דאָס טאַנצן, שפּרינגען, פליִען משוגענערווייז, ווי די רוחות, אַריינכאַפּנדיק צו זיך אין קאָן אַריין אַלצדינג, וואָס קומט זיי אויפן וועג אַנטקעגן. עס טראָגט זיך, דרייט זיך ראַשיק, מיט אימפּעט, באַגלייט פון אַ משוגענער קאַפּעלע. עס קראַקעט, קוואַקעט, קוואָקעט, קרעכצט, היילט, זו־זשעט, פילדערט, גרילצט אין די אויערן.ביימער אין דעם וואַלד ענטפערן אָפּ צום טאַקט, בייגנדיק זיך אין אַלע זייטן, רוישן, צימבלען און פּאַטשן, פליִעסקען מיט די צווייגן. די לבנה דערשרעקט זיך און לויפט זיך באַהאַלטן אין אַ שטיק וואָלקן, — עס איז הפנים אַ חתונה. דאָס גוטע פעקל מחותּנים פירט עס אַזוי טאַראַראַמענדיק אַ מכשפהטע צו דער חופּה (קאַפּיטל 3).

*

צום ערשטן מאָל האָט מענדעלע אַריינגעפּלאָכטן אין זיין ווערק (אין קאַפּיטל „די קליאַטשע אָ פּירוש אויף איוב") טאַלאַנטפול איבערגעדיכטעטע צוועלף שורות פון תּהילים.

נאָך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע (1889)[5] האָט דער גרויסער ייִדישער קלאַסיקער דערציילט, אַז ער האָט איבערגעזעצט דעם ספר תּהילים אין פערזן און אַז ער געפינט זיך ביי אים אין מאַנוסקריפּט. מיר האָבן ביז איצט נישט די דאָזיקע איבערזעצונגען. מיר האָבן בלויז די צוועלף שורות, צו ערשט געדרוקט אין צווייטן וואַריאַנט פון „דער קליאַטשע".[6]

דאָ קען מען אַרויסזען מענדעלען ווי אַ צווייִשפּראַכיקן קלאַסיקער, וועלכער האָט געשאַפן דעם סטיל זיינעם פאַר העברעיִש און ייִדיש אין גייסט פון ליבשאַפט צום פאָלק און צו זיינע קולטורווערטן. וועגן דער דאָזיקער גייסט־אייניקייט פון מענדעלעס סטיל אין העברעיִש און אין ייִדיש שרייבט נ. אויסלענדער אין זיין באַוווסטער אַרבעט „גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאַליזם".

מענדעלע אַליין זאָגט וועגן זיך: „דער קריטיקער פון מענדעלע מוכר ספרים דאַרף נישט פונאַנדערטיילן צווישן קודש און חול (צווישן העברעיִש און ייִדיש). ער דאַרף זיי נעמען אין איינעם, ווייל זיי שטאַמען פון איין מקור און איין גייסט פאַרמאָגן זיי".[7]

מענדעלע האָט פאַרוואַנדלט לשון קודש אין לשון חול (די הייליקע שפּראַך אין אַ וואָכעדיקער) נישט נאָר מיט זיין ייִדישיזירטן העברעיִש, נאָר אויך דערמיט, וואָס ער האָט אין ייִדיש, אין דער פּראָסטער שפּראַך פון פאָלק, איבערגעדיכטעט ביבלישן סטיל און ביבלישע טעקסטן, באַווייזנדיק דערמיט, אַז אונטערן טערמין „לשון חול" דאַרף מען פאַרשטיין פאָלקסטימלעכקייט, וועלכע נידערט נישט אַראָפּ, נאָר דערהייבט די שפּראַך אויף אַ העכערער מדרגה.

ווי אַן אילוסטראַציע וועלן מיר דאָ פאַרגלייכן די צען שורות פון תּהילים מיט די צוועלף שורות פון מענדעלעס איבערדיכטונג אין ייִדיש (גענומען פון צווייטן וואַריאַנט פון „די קליאַטשע").

דער תהילים־טעקסט	מענדעלעס יידישער טעקסט
ותגעש ותרעש הארץ	עס וויגט די ערד זיך, שטורעמט אונטן,
ומוסדי הרים ירגזו	עס ציטערן פון בערג די גרונטן —
ויתגעשו כי חרה לו:	קראַך־קראַך! אַט וואַליען זיי זיך איין,
עלה עשן באפו	וויבאַלד ער קומט אין כעס אַריין.
ואש מפיו תאכל	פונעם נאָז אים זעצט אַרויס אַ רויך,
גחלים בערו ממנו:	אַ פייער פלאַמט פון מויל ביי אים,
ויט שמים וירד	און גליִענדע קוילן פליִען הויך,
וערפל תחת רגליו:	עס ברענט, עס שרפהט אומעטום!
וירכב על כרוב ויעף	ער נייגט דעם הימל, גייט אַרונטער,
וידא על כנפי רוח	אַ וואָלקן שפּאַרט די פיס אים אונטער: —
	ער רייט אויפן כרוב, ער פליט געשווינד
	און שוועבט אויפן פליגל פון דעם ווינט.[8]

אין ביבלישן טעקסט — „כי חרה לו" (ער ווערט דערצאָרנט), ביי מענדעלען — „וויבאַלד ער קומט אין כעס אַריין". „עלה עשן באפו" — „פונעם נאָז אים זעצט אַרויס אַ רויך". „עלה" (גייט אויף) ווערט ביי מענדעלען פאַרוואַנדלט אין „זעצט אַרויס", ווי עס וואָלט זיך רעדן וועגן אַ פּראָסטן בשׂר־ודם. דער ביבלישער טעקסט איז הימליש, געטלעך, מענ־דעלעס — ערדיש, מענטשלעך, און מיט דעם טאַקע קרעפטיק.

די מענדעלע־קריטיק ווייזט אָן אויף דער קאָמפּאָזיציאָנעלער געבראָכנ־קייט אין מענדעלעס ווערק. מענדעלע קייטלט אַ מעשה אין אַ מעשה, אַ מעשה איבער אַ מעשה און גייט אָפּט אָפּ פונעם סוזשעט. אַרום דעם הויפּט־סוזשעט קומען אויף ביי־סוזשעטן, וועלכע וואַקסן אַריבער אין פאַרנעם דעם הויפּטסוזשעט.

אויב פאַר אַנדערע ווערק איז אַזאַ באַהויפּטונג נישט אין גאַנצן ריכטיק, איז עס ביז גאָר ריכטיק פאַר „דער קליאַטשע". דאָ איז דאָך דער עיקר נישט דער סיפּור המעשׂה — נישט דער ישׂראליק־סוזשעט און נישט דער סוזשעט פון פּרינץ־קליאַטשע, דאָ איז דער עיקר די אידעע פונעם ווערק, אין וועלכן ס'איז שטאַרק באַגרענעצט די פרייע האַנדלונג פון די העלדן.

סווזשעטיש זענען ישׂראליק מיט דער קליאַטשע צווישן זיך נישט פֿאַרבונדן. ס'איז נישטאָ קיין באַשטימטע פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונג אָדער סאָציאַלע געזעצמעסיקייט אין די פֿאַרבינדונגען צווישן זיי און צווישן זיי ביידע מיטן אַשמדאַי.

די קאָמפּאָזיציאָנעלע געבראָכנקייט פֿון „דער קליאַטשע" איז אָבער בלויז אַן אויסערלעכע. אינערלעך פֿאַרמאָגט דאָס ווערק קאָמפּאָזיציאָנעלע גאַנצקייט. אַלע געשעענישן ווערן געריכטעט צו איין ציל, וועלכן עס דינט די אַלעגאָריע.

די אַכציקער יאָרן, די צייט ווען מענדעלע האָט איבערגעאַרבעט זיין „קליאַטשע", איז געווען אַ צייט פֿון שווערער רעאַקציע.

עס קראַכן די פֿאָלקיסטישע אידעען. עס צערינען די אילוזיעס ביי דער אינטעליגענץ. דאָס שאַפֿט אַ ירידה־שטימונג. אַ סך פֿון די משׂכּילים אַנטוישן זיך אין דער השׂכּלה אַלס מיטל צו ווערן „מענטשן־גלייך". דאָס ליכטל פֿון דער השׂכּלה צאַנקט. עס זענען אַוועק די אילוזיעס וועגן דעם, אַז די רעגירונג וועט העלפֿן פֿאַרשפּרייטן בילדונג אין פֿאָלק. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז פֿינצטערניש און אָפּגעשטאַנענקייט פֿון פֿאָלק איז די באַזע, אויף וועלכער עס האַלט זיך דער צאַריזם.

מענדעלע, וועלכער גייט פּוסטריט מיט זיין צייט, האָט אין צווייטן וואַריאַנט פֿון „די קליאַטשע" געגעבן אייניקע שטריכן, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם יאוש און די פֿאַרלוירנקייט פֿונעם משׂכּיל; ישׂראליק גלייבט שוין נישט אין השׂכּלה. ער שטרעבט צו דאָקטאָריע, נישט ווייל ער האָט זי אַזוי ליב. „אויב נישט דאָקטאָריע, וועט ער בלייבן אַ דערשלאָגענער יידל" און וועט „פֿאַרשוואַרצט ווערן און אויסשטיין פֿון דער וועלט פֿון איטלעכן גלייך מיט אַלע אַנדערע יידלעך חרפּות און בזיונות". די פֿראַזע „גלייך מיט אַלע אַנדערע יידלעך" איז נישט געווען אין ערשטן וואַריאַנט.

די פֿאַרלוירנקייט און דער יאוש פֿון דער דעמאָלטדיקער אינטעליגענץ כאַפּט אויך אַרום ישׂראליקן. „עס האָט מיר זיך געדאַכט, איך זינק אין אַ טיפֿן אָפּגרונט וואַסער, איך זינק אַלץ טיפֿער, טיפֿער, און אַרום מיר רוישט זיך גאָר אַ שרעק, איך וויל עפּעס אָנטאַפּן, אין וואָס עפּעס זיך אָנכאַפּן, נאָר איך פֿיל אָבער נישט קיין הענט, קיין פֿיס. עפּעס בין איך ווי אַרויסגעשפּרונגען

פון דער הויט, אַרויס פון די כּלים, בין גלאַט אַזוי אַ ישׂראליק, אַ לופטיקס, אָן לייב, אָן אברים, נישטאָ פון מיר גאָרנישט. נאָר די בלויזע נאַקעטע נשמה״ (צווייטער וואַריאַנט, ז׳ 16, אין ערשטן וואַריאַנט — נישטאָ).

ישׂראליק פון צווייטן וואַריאַנט איז שוין דער צווייטער דור פון די משׂכּילים, ס׳איז אַ ישׂראליק, וואָס זיינע אינדיווידואַליסטישע שטרעבונגען און געזעלשאַפטלעך־באַגרענעצטע אידעען ציִען אים אָפּ פון פאָלק און פון זיינע אינטערעסן און ער בלייבט אויסגעהוילט.

✶

דער דריטער וואַריאַנט פון „דער קליאַטשע״ איז צו ערשט געשריבן געוואָרן אין העברעיִש און איבערגעאַרבעט געוואָרן אויף יידיש. די איבער־אַרבעטונג איז דערשינען ווי דער דריטער באַנד אין „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים״, וואַרשע, פאַרלאַג „מענדעלע״, 1913.

אויף די שער־בלעטער פון דער ערשטער און צווייטער אויסגאַבעס לייע־נען מיר „די קליאַטשע אָדער צער בעלי חיים, אַ מעשׂה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט ישׂראליק דעם משוגענעם״. אין ערשטן וואַריאַנט באַהאַלט זיך דער מחבר הינטער די ווערטער „געדרוקט בהשתּדלות מענדעלע מוכר ספרים״. אין דער דריטער אויסגאַבע איז דאָס נישטאָ. ס׳איז אויך נישטאָ די מאָטאָ, דער פּסוק פון „שיר השירים״.

אין פאַרגלייך מיטן צווייטן וואַריאַנט האָט מענדעלע דאָס מאָל אַריינ־געטראָגן גאַנץ ווייניק שפּראַך־ענדערונגען, דערפאַר אָבער געגעבן נייע קעפּלעך און נייע שטעלן צו די אַלטע קאַפּיטלען, אין וועלכע ער האָט איינגעשלאָסן אייניקע שטעלן פון די אַלטע. פון זעכצן קאַפּיטלען איז „די קליאַטשע״ אויסגעוואַקסן ביז פיר און צוואַנציק.

די ערשטע צוויי וואַריאַנטן זענען ווייניק באַקאַנט דעם היינטצייטיקן לייענער. דערפאַר אָבער איז דער דריטער וואַריאַנט אַרויס אין פיל אויפ־לאַגעס — אין יידיש, העברעיִש, רוסיש און אַנד. אין סאָוועט־פאַרבאַנד איז „די קליאַטשע״ אויף יידיש דערשינען דאָס ערשטע מאָל אין 1918.[9]

אין 1909 האָט מענדעלע געוווינט אין פאָדבראָדזע לעבן ווילנע, ביי איינער פון זיינע טעכטער. אין יענער צייט האָט ער איבערגעאַרבעט „די קליאַטשע״ פון העברעיִש אויף יידיש.

דער פּאָעט דוד איינהאָרן איז דעמאָלט געווען מענדעלעס סעקרעטאַר. ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי דער זיידע האָט געאַרבעט: „אַליין האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיטן בוך אין האַנט און געהייסן: שרייבט! און פון דער מינוט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרשטעלונג. מענדעלע האָט נישט דיקטירט, נאָר פאָרגעשטעלט, געשפּילט ווי אַן אַרטיסט אויף דער סצענע. פון צייט צו צייט פלעגט ער בלייבן שטיין פאַרגליווערט אין אַ פּאָזע מיט אַ גרימאַסע אויפן געזיכט, זוכנדיק דערביי דאָס וואָרט, וואָס זאָל עס אויסדריקן. און נישט נאָר דאָס וואָרט, נאָר דאָס אמתע יידישע וואָרט. און נישט קיין מינוט, און נישט קיין צוויי מינוטן פלעגט ער אָפּשטיין אין דער פּאָזע, נאָר אַ מאָל אַ האַלבע שעה נאָך אַנאַנד, ביז ער פלעגט דאָס וואָרט געפינען".[10]

אומזיסט זענען געווען די באַמיונגען אָפּצורוקן מענדעלען פון דער היינטצייטיקייט און געבן אים אַן אָרט אין מוזיי.

אין אַ יובֿילײ־בלעטל, אַרויסגעגעבן אין קיִעוו לכּבוד מענדעלעס 75סטן געבוירן־טאָג, זאָגט זיך: „אין מענדעלעס ווערק געפינט איר נישט קיין היינטוועלטיקע פּראָבלעמען, קיין שווערע פאַרוויקלטע טעאָריעס, זיי זענען אַזוי איינפאַך, דוכט זיך אַפילו עפּיש רויק".[11]

דאָס בלעטל האָלט פיר זייטלעך, קיין מחברים זענען נישט אָנגעוויזן. נאָר דער מחבר פון דעם אַרטיקל האָט געוויס פאַרדינט אַן אָרט אין מוזיי.

מענדעלע מוכר ספרים האָט אין דעם פאַרגרעסערטן „קליאַטשע"־וואַריאַנט זיך באַמיט אָפּצושפּיגלען די דראַמאַטישע געשעענישן, וועלכע עס האָט געבראַכט מיט זיך דער שטורמישער אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פון דעם ערשטן ביז דעם דריטן וואַריאַנט זענען דורכגעגאַנגען כּמעט פערציק יאָר. שוין נישט געווען דער משׂכּיל, וואָס אין די 60—70ער יאָרן, און נישט די קליאַטשע וואָס פריִער. אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע איז אַרויס אַ דריטער דור, ביי וועלכן די השׂכּלה־אידעאַלן זענען אַ וויטער עבר. פאַראַן שוין יידישע אַרבעטער־מאַסן און אַ דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, באַוווסטזיניקע אָנטיילנעמער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג. שאַרפער און בולטער איז געוואָרן די קלאַסן־דיפערענציאַציע אין יידישן פאָלק.

אין אַריינפיר פון יעקב פיכמאַן צו דער העברעיִשער אויסגאַבע פון

„אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים" ווערט „די קליאַטשע" באַטראַכט דער עיקר ווי אַ פּאָלעמיק צווישן דעם יידישן פאָלק און די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. ווען מען לייענט אָבער דאָס ווערק, אַפילו אויבערפלעכלעך, זעט מען, אַז אומעטום, וווּ ס'רעדט זיך וועגן עוולות וועלכע ווערן באַגאַנגען קעגן דער קליאַטשע, ווערן דערמאָנט עוולות אויך קעגן אַנדערע אַזעלכע קליאַטשעס. „די קליאַטשע" איז אַזוי אַרום אַ קינסטלערישער פּאַמפלעט קעגן סאָציאַלן אומרעכט בכלל.

ישראליק זאָגט אַרויס אין דריטן וואַריאַנט גאַנץ אָפן זיין „אידעאַל". די שטרעבונג צו בילדונג איז ביי אים שוין נישט, ווי אין ערשטן וואַריאַנט, אַ מין „גיין אין פאָלק", ווי ער אַליין האָט דעמאָלט געזאָגט, „כדי צו זיין נוצלעך, אי זיך, אי דער וועלט". אין דריטן וואַריאַנט שטרעבט ישראליק צו בילדונג, כדי אַוועקצוגיין פון פאָלק: „דורך דעם, וואָס איך וועל ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, וועל איך באַקומען באַזונדערע זכיות. צווישן זיי אויך דעם זכות אַרויס פון דער ענגשאַפט פון תחום". דעריבער דערקלערט ער קאַטעגאָריש: „דעם דיפּלאָם מוז איך זען באַקומען מיט מיין גאַנצן כוח". ישראליק שטרעבט צו דערהייבן זיך צו דעם הייפל דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן, וועלכע געניסן פון די צאַרישע פּריווילעגיעס „פראַנק־און־פריי זיך באַוועגן אויף דער גאַנצער וועלט". ישראליק האָט מורא פאַר אַ דורכפאַל אויף די עקזאַמענס, ווייל ער וועט דעמאָלט זיין „גלייך מיט אַלע יידלעך אין תחום".

ישראליק איז געוואָרן אַ סקעפּטיקער, אַ פאַרשטייער פון דער אַנטוישטער אינטעליגענץ, וועלכע גריבלט זיך אין זיך אַליין, איז מסופק אין די אייגענע כוחות.

מענדעלע פירט ישראליקן דורך די געשעענישן פון דער צייט. דאָס קאַפּיטל הייסט „ישראליק באַקלערט די וועלט". דאָ באַקלערט אָבער די וועלט נישט ישראליק, נאָר מענדעלע אַליין. דער סאַלאָמוויי שפּילט דאָס „טרויעריקע שטיקל" אין זיין „זיסן שטייגער" וועגן ציפּעטשקעס מאַן און „עלטערן זון, וואָס איז שוין געוואָרן אַ בר מיצווה, אַ בר־קרייער". ציפּעטשקע האָט געהאָפט, אַז ער וועט, ווי איר מאַן, „פאַרשטיין קרייען אויף טאָג"... אַלעגאָריש רעדט זי דאָ וועגן צוויי דורות רעוואָלוציאָנערן, וועלכע די צאַרישע סאַטראַפּן

שמידן אין קייטן דערפֿאַר, וואָס זיי „קרייען אויף טאָג" (רופֿן צו רעוואָלוציע).

דאָס סאָלאָווייטשיקל „צעגיסט זיך אין שטייגער", און מענדעלע דערזעט „„אַן אַנדער בילד, אַ פֿינצטערס, אַ טרויעריקס". ער דערזעט הינדע די אלמנה מיט אירע פֿינף זין, „פֿון וועלכע צוויי גייען אַוועק אויף מלחמה צו הרגענען אָדער געהרגעט צו ווערן, אַנידערלייגן דעם קאָפּ ערגעץ אין עק וועלט", איינער שטאַרבט אין הונגער און נויט, איינער ווערט דערהרגעט אין פּאָגראָם דורך דער שוואַרצער מאה — דורך „מענטשן מיט פֿאַרשטאָפּטע הערצער, וועלכע וואַרפֿן זיך ווי חיות־רעות אויף ברידער, ברעכן, שטעכן". צי קלינגט עס נישט הײַנט אויף דער וועלט ביי מיליאָנען מאַמעס, וואָס קעמפֿן פֿאַר שלום, די שטים פֿון הינדע דער אלמנה, איר טענה: „נישט קיין מאַמע איז זי, נישט קיין רעכט אויף אירע קינדער האָט זי, נאָר אַ דינסט איז זי דעם מלאך המוות".

אין קאַפּיטל „ישׂראליק באַקלערט די וועלט" ווערט שאַרף אָנגעגריפֿן די הײַנטצײַטיקע בורזשואַזע אָרדענונג, וועלכע איז מסוגל „אַרויסצורײַסן ביי מיר פֿון די הענט אַרבעט; פֿונעם מויל דאָס שטיקל ברויט, צו האַלטן דיך אין קלעם און צו פֿאַרקירצן דײַנע יאָרן. די קאָנקורענץ, וואָס דורך דעם קומט אַרויס פֿײַנטשאַפֿט, האַס, געשלעג, גזילה און רציחה."...

מענדעלע איז אין דעם דריטן וואַריאַנט פֿון זײַן ווערק גרויס און הײַנט־צײַטיק מיט זײַן שאַרפֿער קריטיק פֿונעם קאַפּיטאַליזם. זײַנע אַרויסגעלאָזענע פּיילן טרעפֿן נאָך איצט אין ציל. דאַקעגן, מענדעלעס פּאָזיטיווער פּראָגראַם איז אַן אַבסטראַקטער און פֿאַרנעפּלטער.

אין דריטן וואַריאַנט זענען פֿינף קאַפּיטלעך (אַנשטאָט צוויי אין די פֿריִערדיקע וואַריאַנטן) געווידמעט דער לופֿטרייזע פֿון ישׂראליקן מיטן אַשמדאַי.

אין קאַפּיטל „וואָס אַן אַשמדאַי קען" מאָלט מענדעלע סדום און עמורה, וואָס רופֿן זיך איבער מיט גאָרקיס „שטאָט פֿון געלן טײַוול". דער אַשמדאַי באַווייזט ישׂראליקן, ווי „עס רײַכערן דאָרט גרויסע הויכע קוימענס פֿון מײַנע טויזנטערליי פֿאַבריקעס. פֿאַבריקעס פֿון האַרמאַטן, ביקסן און כּל המינים אַנדערע כּלי זיין אויף צו מאַכן דעם טויט"... „פֿאַבריקעס צו דרוקן און פֿאַרשפּרייטן גיך און געשווינד זייער פֿיל נאַרישקייטן, ליגנס, רכילות, וואָס

נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, שנאה, קנאה, און נאָך אַנדערע אַזעלכע מיאוסע זאַכענישן און אַל דאָס בייז איינע קעגן די אַנדערע... קורץ און גוט, דאָס איז דער רויך פון ציוויליזאַציע״.

מענדעלע פירט אַריין אין דריטן וואַריאַנט די שוואַרצע מאה; אין די פריערדיקע וואַריאַנטן רופט ער אָן יענע, וואָס פּייניקן די קליאַטשע, — „די ווייסע חברה״, אין דריטן וואַריאַנט — „די שוואַרצע חברה״; ער באַווייזט אַ פּאַרשטייער פון דער שוואַרצער מאה אין געשטאַלט פון קאַשטשיי דעם מכשף, וואָס איז אַ „חיה רעה״, ביי וועמען „אַ יידן אויפצוועסן איז דער געשמאַקסטער ביסן״ און פאַר וועלכן ישׂראליק זינגט „מה יפית״ מיט אַ בייג און מיט אַ דרייעלע״... (קאַפּיטל 10).

קעגן אָט דעם „מה יפית״ איז געווענדט אַ שאַרפע שטעל אין קאַפּיטל „וואָס אַן אַשמדאַי קען״. נאָך דעם פּאַטעטיש רירנדיקן בילד, ווי „דאָס גאַנצע הימלישע חייל שטייט מיט גרויס דרך־ארץ אויבן דאָרט, רופן איינער צום אַנדערן און זאָגן: „קדוש, קדוש, קדוש, הייליק איז צבאות, גאָט דער הער־שער״, און פון כאָרן מלאכים לאָזט זיך הערן הללויה, קומט דאָס שניידנדיקע וואָרט פונעם אַשמדאַי: „קנעכט זענט איר, משרתים, אַן אַ פּיצל אייגענעם ווילן, נאַראָנים, בטלנים... דעם בעל הבית אייערן, דעם גרויסן פּריץ, איז ליב חניפה... בענטש, דאַוון, דאַנק און לויב אַן אויפהער, חונפים, באַסאַקעס, קריכערס, אונטערלעקער זענט איר!״

אָט די ווערטער זענען געווענדעט קעגן יענע יידישע פּאָליטיקער, וואָס זענען געקראָכן אויף די קני צו קושן דעם קאַנטשיק, די נאַהייקע ביים גרויסן פּריץ, געקראָכן מיט אונטערלעקערישע פּעטיציעס, אַפילו אונטער־געטראָגן דעם געזאַלבטן מאַנאַרך אַ ספר־תורה...[12]

✶

„די קליאַטשע״ איז נישט נאָר אַ ווערק פון עבר, אַ בלעטל ביאָגראַפיע פון אונדזער פאָלק. נישט נאָר וועגן לעבן, וואָס עס האָבן אויסגעלעבט אונדזערע זיידעס און טאַטעס, קאָן אונדז דערציילן דאָס ווערק. עס וועט אויך אויפדעקן, ביי דעם פאַרגלייך מיטן אַמאָל, דעם גרויסן יום טוב פון דעם נייעם לעבן ביי די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די העלדן פון „די קליאַטשע״ אין געוועזענעם תחום.

„די קליאַטשע" איז אַ מאָנומענטאַל ווערק, נאָר נישט קיין פאַרשטיינער־טע סטאַטוע. דורך דער פאַרגאַנגענהייט רייסט עס זיך דורך צו דער קעגנ־וואַרט, אין וועלכער מיר לעבן. עס דערמאָנט, עס מאָנט, עס וואָרנט.

נישט קיין פרינץ, נישט קיין קליאַטשע, נישט קיין איוב, נישט קיין כּישוף — אַלץ איז דאָ רעאַליסטיש, פריש פאַר אונדזער דור.

דער סדום שטייט נאָך פאַר אונדזערע אויגן. מיר זעען נאָך „די מזבחות, ווו עס רייכערט זיך... לכבוד דעם גאָלדענעם קאַלב, דעם גאָט פון ספּעקו־ליאַציעס און שווינדל... דער דאָזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, ריי־כערט אויס פון דאָרט די געפילן און פאַרוואַנדלט אַלץ אין סחורה — ליבע, פריינדשאַפט, גלויבן"... (דריטער וואַריאַנט, קאַפּיטל 20). דער היינטציי־טיקער גאָלדענער קאַלב גלאַנצט נישט. דאָס איז „שוואַרץ גאָלד" פון די נאַפט־מאַגנאַטן צו וועלכע די ציוויליזירטע וועלט טוט זיך בוקן...

צי איז „די קליאַטשע" אַן אַלעגאָריע בלויז פאַר דער פאַרגאַנגענהייט? ניין! זי איז געווענדט מיט איר שאַרף קעגן דעם שוידער און ווילקיר פון דער וועלט אויך היינט — זי איז אַ ווערק פאַר דער היינטצייטיקייט!

דער ראַסיזם האָט פּראָקלאַמירט, אַז „ס'איז אַ גרויסער חילוק צווישן בלוט און בלוט. איידל בלוט איז פּאָרט עפּעס אַנדערש" (דריטער וואַריאַנט, קאַפּיטל 15). ייִדיש בלוט איז נישט קיין איידל בלוט, פאַרגאָסן ייִדיש בלוט איז אומבאַשטראָפט. ייִדיש בלוט איז הפקר, ביליקער פון נאַפט...

די וועלט וועט נאָך לאַנג געדענקען „די דייטשלעך מיט זייערע הינט, די גרויסע געלערנטע, וואָס שׂכל האָבן זיי געהאַט כּמעט ווי מענטשן, אָבער אַ האַרץ און אַ מויל עכט הינטישע. זייער ביס איז געווען שרעקלעך. עד היום שטייען נאָך צייכנס פון זייערע ציין" (קאַפּיטל 4).

עד היום טריפן נאָך די וווּנדן אין די הערצער פון אונדזער דור, ביי וועלכן דער פאַשיזם האָט אָפּגעשניטן לעבעדיקע שטיקער פון לייב. צי קען מען דען פאַרגעסן די גאַזקאַמערן און די טעכניק פאַר מאַסנמאָרד, וועלכע ס'איז דערפונדן און קולטיווירט געוואָרן אין האַרצן פון דער ציוויליזירטער קאַפּיטאַליסטישער איראָפּע — אין ציוויליזירטן פאַשיסטישן דייטשלאַנד? דאָס קען נישט און טאָר נישט פאַרגעסן ווערן. עס ענגט נאָך היינט איבער

דער וועלט די דאַמאָקל־שווערד פון פּאַשיזם און נעאָ־נאַציזם... פון אַלערליי קאָלירן.

„די קליאַטשע" דערמאָנט! „די קליאַטשע וואָרנט!

---

1 „המליץ" — 1878, נומ. 1—3.

2 אויף דער השפעה וויזן אָן אַ רייע ליטעראַטור־פאָרשערס, באַזונדערס די השפּעה פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס עזאָפּישער סאַטירע. דאָס קען מען אויך אַרויס־לייענען פון פּ. לחובר — „תולדות הספרות העברית החדשה", ספר שלישי, הוצאת „דביר", תל־אביב תשט"ו, ז. 130—131.

3 שלום־עליכם — „ייִדישע שרייבער", ניו־יאָרק 1919, ז. 153.

4 „די ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק", קיִעוו 1889, בוך 2.

5 „ספר הזכרון", מערכת „המליץ" 1889.

6 דער מחבר האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט די פאָרשונג פון פּראָפ. חנא שמערוק „מענדעלעס תּהילים־איבערזעצונגען" („די גאָלדענע קייט" נומער 62/63—1968).

7 בריוו צו י.ח. ראַווניצקי פון אויגוסט 1900, „דאָס מענדעלע־בוך", ז. 184.

8 „תּהילים" י"ח. דאָ אין „תּהילים" פאַרנעמט דאָס געדיכט צען שורות. אין מענ־דעלעס איבערזעצונג — צוועלף שורות.

9 „מענדעלע מוכר ספרים (ש.י. אַבראַמאָוויטש)", געזאַמלטע שריפטן, באַנד 5, „די קליאַטשע", פּעטערבורג, פאַרלאַג פון קולטור און בילדונגס־אָפּטיילונג ביים קאָמיסאַריאַט פאַר ייִדישע ענינים 1918 (ייִדיש־סאָציאַליסטישע פאָלקס־ביבליאָ־טעק, ייִדישע קלאַסיקער).

10 ד. איינהאָרן. „מענדעלע ביי דער אַרבעט" אין זאַמלבוך: „מענדעלע מוכר ספרים". צום 75־יאָריקן יובילײ, וואַרשע 1910, ז. 45.

11 „מענדעלע מוכר ספרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש)" לכּבוד זיין 75־יאָריקן געבוירן־טאָג. קיִעוו, דרוקעריי „ראַבאָטניק", 1910, 3 ז. (פלוג־בלעטל).

12 אַסאָציאַטיוו איז פאַרן לייענער די שטעלע ביי מענדעלען, אַ שאַרפע אַרויסטרעטונג קעגן די מה־יפיתניקעס און חונפים מימי סטאַלין עד היום הזה (פון סטאַלינס צייטן ביזן היינטיקן טאָג).

„די קליאַטשע״ — „סוסתי״ (יִידיש און עברית)

„דער קריטיקער פון מענדעלע מוכר ספרים
דאַרף נישט פאַנאַנדערטיילן צווישן קודש און
חול. ער דאַרף זיי נעמען אין איינעם, ווייל
זיי שטאַמען פון איין מקור און איין גייסט
פאַרמאָגן זיי״.[1]

מענדעלע מוכר ספרים

מענדעלע האָט זיין פּראָגראַם פאַר ליטעראַטור פאָרמולירט אין זיינע קריטיש־פּובליציסטישע אַרבעטן: „משפט שלום״, „עין משפט״ און „מה נעשׂה״. מענדעלע האָט געזען די הויפּט־אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור: אויפהייבן די עטיק און מאָראַל פון דער געזעלשאַפט און פון דעם יחיד אין דער געזעלשאַפט צו אַזאַ מדרגה, וואָס איז נייטיק, כּדי צו פאַרבעסערן דאָס לעבן און דעם מענטשנס נאַטור.

דאָס קינסטלערישע בילד, דאָס קינסטלערישע וואָרט, שפּראַך און סטיל — דאָס זענען ביי מענדעלען מיטלען צו דערגרייכן די הויפּט־אויפגאַבע.

פון דעם שטאַנדפּונקט ווערט דאָ באַהאַנדלט „די קליאַטשע״ — „סוסתי״, יִידיש און עברית.

מיר קענען נישט פאַרגלייכן מענדעלעס ווערק איןביידע שפּראַכן לויט זייער קינסטלערישקייט, ווייל יעדע שפּראַך האָט איר אייגנאַרט, אירע באַזונדערע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, איר מאָס און וואָג פון וואָרט און זאַץ, אירע גרענעצן פאַר פאַרב און קלאַנג. אין יעדער שפּראַך האָט דאָס ווערק זיין באַזונדערן קינסטלערישן ווערט. די קינסטלערישקייט פונעם ווערק קען מען דעריבער אָפּשאַצן נאָר לויט די אויסדרוק־מעגלעכקייטן און אייגנ־אַרט פון דער שפּראַך, אויף וועלכער די ווערק זענען געשריבן אָדער איבער־געאַרבעט — דאָס הייסט פון יעדן שפּראַך־טעקסט באַזונדער.

פאַרגלייכנדיק און אויספאָרשנדיק מענדעלעס ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן און איבערגעאַרבעט פון יידיש אויף עברית און פאַרקערט — פון עברית אויף יידיש, וועלן מיר געפינען אַ רייע ענדערונגען פון אידעיִשן באַטייט, וואָס האָבן באַקומען נייע קינסטלערישע שפּראַך־אויסדרוקן.

דאָ מוז אָפּגעוואָרפן ווערן די הנחה וועגן דעם, אַז מענדעלע האָט זיך אידעיִש צוגעפּאַסט צו דעם קרייז לייענער פון יידיש אָדער עברית. ווייל עס זענען נישט געווען בנמצא קיין עברית־לייענער, וועלכע זאָלן לייענען מענדעלען בלויז אין עברית. כּמעט אַלע עברית־לייענער האָבן געלייענט אויך יידיש. יידיש־לייענער איז דאָך געווען דאָס גאַנצע פאָלק. דאָ האָט דאָך נישט געקענט זיין קיין צופּאַסונג.

דער ערשטער און צווייטער פון די „קליאַטשע״־וואַריאַנטן (1873, 1889) האָבן געדינט ווי אַ סקעלעט פאַרן שפּעטערדיקן „סוסתי״ (1907). אין „סוסתי״ זענען נישט פּראָסט איבערגעזעצט די דאָזיקע „קליאַטשע״־וואַריאַנטן, נאָר כּמעט יעדעס קאַפּיטל איז איבערגעאַרבעט געוואָרן און פאַרפולט געוואָרן מיט נייעם מאַטעריאַל. אַחוץ דעם זענען צוגעגעבן געוואָרן נייע אַכט קאַפּיטלעך, אין וועלכע ס׳זענען אויך פאַראַן שטעלן פון די ערשטע „קליאַ־טשע״־וואַריאַנטן. דער דריטער וואַריאַנט פון „די קליאַטשע״ (1911־1913) איז איבערגעאַרבעט געוואָרן פון „סוסתי״. אין דעם וואַריאַנט פון „די קליאַ־טשע״ זענען אַריין די אויבן־אָנגעוויזענע הוספות און די נייע אַכט קאַפּיטלעך פון „סוסתי״.

דאָ האָבן מיר מענדעלעס שאַפונג אויף יידיש און איבערשאַפונג פון יידיש אויף עברית און דערנאָך פון עברית אויף יידיש. מיר זעען אַן אייגנ־אַרטיקע קעגנזייטיקע השפעה דורך און דורך. מענדעלע האָט געטראַכט יידיש, ווען ער האָט געשריבן עברית, און דערמיט באַנייט דאָס אַלטע עברית. און ווען ער האָט פון עברית איבערגעאַרבעט זיין ווערק אויף יידיש, איז שוין זיין באַנייטער עברית געווען אַ זעלבשטענדיקער שפּראַך־נוסח, וועלכן ער האָט איבערגעשאַפן אין זעלבשטענדיקן שפּראַך־נוסח יידיש — דאָס אייגנטימלעכע עברית אויפן אייגנטימלעכן יידיש. דוד איינהאָרן, ווען

מענדעלע האָט דיקטירט פון „סוסתי״־טעקסט „די קליאַטשע״, דערציילט ווי מענדעלע האָט זיך באַמיט צו געפינען דעם נייטיקן אייגנאַרטיקן ייִדישן אויסדרוק — „דאָס יודעלע״.[2]

„די קליאַטשע״ — „סוסתי״ זענען געשריבן, ווי „כתבים פון ישׂראליק דעם משוגענעם״. די קליאַטשע איז ישׂראליקס „משוגעת״. אין „נאַרמאַלן״ טאָגטעגלעכן שטייגער עקזיסטירן ישׂראליקס יחידישע קליינלעכע זאָרגן (עקזאַמענעס, שידוכים), ייִדן מיט זייערע פּרנסה־פּראָגן. די כּנסת־ישׂראל — דאָס פּאָלק, ווי אַ גאַנצקייט, די פּראַגע פון זיין פרייהייט און רעכט, און ווי אַ טייל פון אַ גרויסער וועלט־פּראָבלעם פון דער מענטשהייט, קומט אין דער אַלעגאָרישער פּאַראַלגעמיינערונג פון דער קליאַטשע. אַזוי אַרום ברעכט זיך די קאָמפּאָזיציע פון דעם ווערק — פונאַנדערטיילונג צווישן ישׂראליקס „נאַרמאַלן״ צושטאַנד און זיין „משוגעת״. דאָס איז געוואָרן אָפּגעמערקט דורכן מחבר ביים באַהאַנדלען די וואַריאַנטן פון מענדעלעס „קליאַטשע״.[3]

דעם דאָזיקן אונטערשייד זעען מיר אויך אין דער שפּראַך פונעם ווערק. דאָס טאָג־טעגלעכע, יחידישע, איז אויסגעדריקט אין דער וואָכעדיקער שטייגער־שפּראַך, דאָס פּאַראַלגעמיינערטע — פּאַטעטיש־געהויבן. דאָס ווירקט אויף דער קעגנזייטיקער דורכדרינגלעכער השפּעה פון עברית און ייִדיש אין „סוסתי״ און אין „די קליאַטשע״. דאָס נאָרמאַלע, יחידישע איז אין אַ ייִדישיזירטן עברית, דער פּאַראַלגעמיינערטער „שגעון״ — די כּנסת־ישׂראל — טיילווייז אין אַ לשון־קודשדיקן ייִדיש. עברית נעמט פון ייִדישן „חול״, און ייִדיש — פון עבריתדיקן „קודש״. אין „סוסתי״ — די דיאַלאָגן צווישן ישׂראליקן, דער מאַמען און ברײַנדלען, די ייִדישע אידיאָמען, דער מאַרק; אין דער „קליאַטשע״ — די פּאַראַדירטע מדרשים און דער גרעסטער טייל פאָלקלאָר.

פאַר דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג, אין איר סאַמע בלי־פּעריאָד, זענען מענדעלעס העברעיִשע איבערזעצונגען פון זיינע ייִדישע ווערק געשטאַנען ווי „אַ באַזונדער פּראָבלעם״. עס איז געווען אין גאַנג די סברה, אַז ביי מענדעלען איז דאָס אויף דער עלטער געווען „אַ טענדענץ צו פאַראייביקן זיינע ייִדישע ווערק אויף העברעיִש״ און אַז „ווי מייסטעריש

גוט די איבערזעצונגען זאָלן נישט זיין... פאַרוואַנדלען זיי דעם איראָנישן טאָן פון די פאַרשידענע רעדנסאַרטן, ווערטלעך, מליצות פון זיינע ייִדישע ווערק אויף אַ פּאָזיטיוו־סטיליזירטן נוסח... דער איראָנישער מיין ווערט אויף אַזאַ אופן אָפּגעשוואַכט, און אָט די עלעמענטן (פון שפּראַכפּאַלקלאָר) ווערן „מאָנומענטאַליזירט" דורך דעם גליווערדיקן פּאַטאָס פון העברעיִש. זיי האָבן איצט אַ פונקציע: ערשטנס — אויסצודריקן די רעגרעסיווע פאַר־ליבטקייט אין פאָלקסטימלעכער שאַפונג און צווייטנס — צו פאַרבייגן די אורשפּרינגלעך־סאַטירישע טענדענץ פון די ווערק אויף דער זייט פון פּאַ־טעטיש־נאַציאָנאַליסטישן טראַגיזם".[4]

ווי אַ קוריאָז וועט קלינגען פאַרן היינטיקן לייענער די אויבן־ציטירטע טעזע, וואָס עס האָט אַרויסגעבראַכט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור־פאָרשונג. באַזונדערס פּאַראַדאָקסאַל וועט עס זיין פאַרן לייענער פון ישׂראל, ווו דער „גליווערדיקער פּאַטאָס" פון עברית איז געוואָרן אַ לעבעדיקע שפּראַך פון פאָלק. מיר קענען נישט און דאַרפן נישט נאָכפאָרשן די „ספּעציפישע טענדענצן", „וואָס האָבן אים (מענדעלען, דעם קלאַסיקער און סטיל־שעפער פון ייִדיש און עברית) געשטויסן צו פאַראייביקן זיינע ייִדישע ווערק" אויף עברית. קיינער קען דאָך נישט און דאַרף נישט זיין קיין „בוחן ובודק גנזי נסתּרות". וואָס האָט געשטויסן דעם שעפער צו שאַפן — אָפּט מאָל און אפשר קיין מאָל ווייס דאָס נישט דער שעפער אַליין.

האָבנדיק אין יסוד די אַסימילאַציע־טענדענצן, האָט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור־פאָרשונג געפּסלט מענדעלעס איבערזעצונגען אויף עברית, ווי אַ „רעגרעסיווע פאַרליבטקייט אין פאָלקסטימלעכער שאַפונג" און „פּאַטעטיש־נאַציאָנאַליסטישן טראַגיזם".

אָפּוואַרפנדיק אַלע עפּיטעטן פון „רעגרעסיווקייט" און „נאַציאָנאַליס־טישקייט" און די גאַנצע קאָנצעפּציע פון יעווסעקישן נאַציאָנאַלן ניהיליזם, דאַרף מען אָבער אָנערקענען, אַז מ. ווינער איז טיילווייז גערעכט; אין עברית איז מענדעלעס סאַטירע אָפּגעטעמפּט און עס איז פאַרשאַרפט דער טראַגיזם.

אין אַזאַ גרויס קינסטלעריש ווערק מיט אַ טיפן טראַגישן אינהאַלט, ווי ס'איז מענדעלעס „די קליאַטשע", קען די סאַטירישע מאַלעריי זיין אַ געוויסע אויסלאָדונג פון פּאַטאַליסטישן טראַגיזם; דאָס אויסשפּעטן יענע

נעגאַטיווע היסטאָרישע דערשיינונגען און די קאָנקרעטע שולדיקע פון דער טראַגעדיע שוואַכט אָפּ איר פּאַטאַליזם, באַווייזט, אַז ס׳קען און מוז געפינען ווערן אַן אויסוועג. די סאַטירע איז אַ קאַמף קעגן פּאַטאַליזם. **מענדעלעס סאַטירע איז דעריבער נישט נאָר אַ לאַכן מיט קרעמעניש איבער די אייגענע צרות, נאָר זי איז אויך קעגן אַלץ און אַלעמען, וואָס פאַרשאַפט די צרות. אָבער אין דעם עברית־נוסח איז די סאַטירע נישט אַזוי שאַרף, נישט אַזוי קעמפעריש, ווי אין יידיש, און ס׳ווערט אַנטבלויזט דער פּאַטאַליסטישער טראַגיזם.**

לאָמיר זיך צוהערן, ווי די קליאַטשע דערציילט איר ביאָגראַפיע אין יידיש — וועגן פיינעם געראָטענעם בן־מלך, וואָס האָט אין דער יוגנט געוואַנדערעוועט. „איין קעניג פון מצרים איז שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף דעם דאָזיקן פרינץ, וואָס איז געקומען צו אים צו גאַסט... פאַרבעטן צו זיך זיינע גרויסע כישוף־מאַכער און צו זיי אַזוי געזאָגט: הבה נתחכמה לו. דאָס טייטש, לאָמיר ברידער, צו דעם פרינץ זיך קליגן און אים אָפּטאָן עפּעס אויף טערקיש. די מכשפים האָבן מיט זייער כישוף פאַרשטעלט דעם פרינץ אין אַ קליאַטשע און מיט איר נעבעך געאַרבעט עבודת פרך" (קאַפּיטל 3).

אין עברית: „הבה נתחכמה לו לאבדו מן העולם ועשו חרטומים בלהטיהם והפכו את בן־המלך לסוסה והעבידו אותו בפרך, בכל עבודה קשה".

אין יידיש „אָפּטאָן עפּעס אויף טערקיש" איז אָפּטאָן אַ שפּיצל. דער יידישער „נעבעך" דערנענטערט, מאַכט היימישער די צרה. אין עברית „לאבדו מן העולם" איז קאַטאַסטראָפאַל טראַגיש.

ווייטער דערציילט די קליאַטשע אין יידיש, ווי „עס איז געקומען אַ גרויסער באַרימטער מענטש אַ בעל שם, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון אַלע **ציגיינער מיט זייער כישוף און גרעסערע קונצן פון זיי באַוויזן מיט דעם הייליקן שם המפורש. ער האָט געזאָגט אַ שפּרוך, איז פון דער קליאַטשע ווידער אַ פרינץ געוואָרן". אין עברית: „עד שעמד לה מושיע, בא בעל שם שכל הקוסמים כאין נגדו, אמר שם וחזרה הסוסה והיתה בן מלך כבתחילה".**

משה איז אין עברית נישט בלויז קיין „בעל שם, וואָס ווייזט קונצן", נאָר אַ „מושיע", וועלכער מאַכט צו נישט אַלע כישופמאַכערס.

נאָכן צווייטן פאַרוואַנדלען דעם פרינץ אין דער „אייביקער" קליאַטשע

דערציילט די סוסתי אין עברית: „לעולם הרי היא מתנדנדת ואין לה מנוחה בארץ. כל הרוצה לרכוב עולה ורוכב עליה. מי שידים לו, מכה וחובל בה וכל מבקש נפשה בא ומצערה ומטיל משאו על גבה, לעולם היא מושכת בעול, מושכת ומתיגעת ונושאת חומר ולבנים, שמהם הרי זה נבנו כמה וכמה כרכים ועיירות" (פרק ג׳). אין יידיש: אייביק שלעפט זיך די קליאַטשע אַרום און גייט אויס, ווו די וועלט האָט איין עק. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן זעצט זיך אויף איר רייטנדיק. ווער אין גאָט גלויבט, גיט איר אַ קלאַפּ, אַ זעץ, איטלעכער לייגט אויף איר אַנידער זיין פעקל, זיין קלימעק. אייביק גייט זי אין יאָך, שלעפט נעבעך ציגל אוןליים מיט פיל מי, מיט בלוט און מיט שווייס, וואָס דערפון האָט מען שוין אויסגעבויט גאַנצע שטעט" (קאַפּ׳ 3).

„לעולם היא מתנדנדת ואין לה מנוחה", „כל הרוצה... כל שידים לו", „וכל מבקש נפשה"... איז אַנטבלויזטער פּאַטאַליסטישער טראַגיזם. אָבער: „אַרומשלעפּן זיך ווו די וועלט האָט איין עק", איז שוואַכער, ווי נע ונד זיין, זיין אָן רו (ווי אין עברית). „ווער עס האָט גאָט אין האַרצן", „ווער אין גאָט גלויבט"... גרייפט אָן און גיט אַ שטאָך די, וואָס פּאַריאַכן די קליאַטשע. „איטלעכער לייגט אויף איר אַנידער זיין פעקל, זיין קלימעק" קען אויך הייסן, אַז מען לייגט אויף איר אַרויף און מען צווינגט זי טראָגן פרעמדע זינד.

לאָמיר זיך אַריינטראַכטן, ווי ס׳טראַכט די קליאַטשע אין עברית, ווי זי דריקט אויס אירע געדאַנקען אין עברית:

— הקולך זה מכירי ומיודעי?

— קולי הוא, בן מלך אומלל, סוסתי העלובה.

— דומה שגרמתי לך צער גדול וצרות הרבה?

אין יידיש:

— דיין קול איז עס, מיין גוטער אַלטער באַקאַנטער?

— איך בין עס, מיין שלימאַזלדיקער פּרינץ, מיין אומגליקלעכע בידנע קליאַטשע.

— דו האָסט געמוזט אויסשטיין און ליידן פון מיר צרות.

(„אכן נודע פירושו של איוב" — די קליאַטשע אַ פּירוש אויף איוב).

„שלימאַזלדיקער פּרינץ" און „בידנע קליאַטשע" איז ווייניקער טראַגיש, ווי „בן מלך אומלל" און „סוסתי העלובה". „אויסשטיין און ליידן פון מיר

צרות״ קען אין ייִדיש באַטייטן נישט נאָר מיטפּילן, נאָר אויך ליידן פון אַנדערע, וואָס פאַרשאַפן אים צרות איבער איר.

דאָס גיט די קליאַטשע אַן איידעלן שטאָך ישׂראליקן. אַזאַ מין „שטאָך״, נאָר מער באַהאַלטן, איז אין עברית „דומה שגרמתי״.

די קליאַטשע איז מרמז ישׂראליקן אויף דעם, וואָס ער שעמט זיך מיט איר. ישׂראליק האָט מורא, אַז מען זאָל אים נישט זען, ווי ער פירט זיך אַרום מיט דער קליאַטשע, און ער ליידט פון דעם, וואָס „איטלעכער האָט דורכפאַרנדיק געטייט מיט די פינגער, געזאָגט אַ ווערטל און געלאַכט״ („וכל אחד מראה עלי באצבע ומלגלג). דאָס איז געוויס געווענדט קעגן יענער אינטעליגענץ, וואָס שעמט זיך מיט איר ייִדישקייט. טראַגיש און ווייטיקלעך איז דאָס פאַר דער קליאַטשע — דער כּנסת־ישׂראל. סיי אין ייִדיש, סיי אין עברית, איז דאָ די טראַגיק אַנטבלויזט. איןביידע שפּראַך־נוסחאות איז עס געגנוג דורכזיכטיק.

ישׂראליק פרעגט: „אוי, עד מתי תהא סוסה, סוסת־עולם?״ — „ביז וואַנען, אַך, וועסט דו זיין אַ שקאַפּע, דער וועלטס אייביקע קליאַטשע?״ אין עברית „סוסת־עולם״ האָט אַ צווייענדיקן באַטייט: „אייביקע קליאַטשע״ — „וועלטס־קליאַטשע״. אין ייִדיש „שקאַפּע״ באַטייט אויך, „טיפּשה״. די פראַגע אויף ייִדיש איז אייגנטלעך: ביז וואַנען וועסטו זיין אַ טיפּשה און זיך לאָזן עקספּלואַטירן פון דער וועלט?

די קליאַטשע ענטפערט: „עד שיבואו הימים ובני אדם ילמדו דעת ויתקנו מעשיהם... עד שיבואו הימים ולא תהא עוד בעולם לא אכזריות ולא רחמנות, לא רעות ולא טובות, לא זילזול ולא נשיאת פנים, אלא אמת וצדק, משפט ומישרים, עד הימים שתתבטל כל מחיצה המפרדת בני אדם, הרשעה כעשן תכלה, רעות יעברו מן הארץ ונמחתה דמעה מעל כל פנים״. — „ביז וואַנען... מענטשן וועלן ווערן בעסער און קליגער, ביז וואַנען עס וועט אויפהערן אי אכזריות אי רחמנות, אי רעות אי טובות, אי צו להכעיס, אי צוליב־זאַכן, נאָר אמת און גערעכטיקייט אַליין וועלן הערשן אויף דער וועלט; ביז וואַנען עס וועט אויפהערן זיין אַ חילוק צווישן מענטשן, אַ וואָלף וועט וווינען מיט אַ שאָף, אַ בער מיט אַ קו וועלן אין איינעם זיך פּיטערן און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי. ביז וואַנען עס וועט זיך פעלן אַלדאָס בייז. די נישט גוטע

וועלן פֿאַרלירן זייער כּוח און עס וועט אָפּגעווישט ווערן טרערן פֿון איטלעכנס פּנים״.

אין עבֿרית „עד שתתבטל כל מחיצה המפרדת בני אדם״ קען געמיינט זיין קאָסמאָפּאָליטיזם. אין ייִדיש: „ס׳וועט אויפֿהערן זיין אַ חילוק צווישן מענטשן״ הייסט גלייכקייט אָן דיסקרימינאַציע. דער פּרימיטיוויזירטער „אח־רית הימים״ אין ייִדיש איז ביטערע איראָניע. דאָס פֿעלט אין עבֿרית. איןביידע נוסחאות איז עס די העכסטע מדרגה פֿון טראַגיזם, הילפֿלאָזיקייט, פּאַסיווקייט, וואַרטן אויף גאולה אין אומבאַוווסטקייט פֿון צייט. קעגן דעם מוז פּראָטעסטירן דער פֿרייער גייסט מיט באַוווסטזיין און ווילן צו מרידה, וואָס דערוועקט זיך אין דער קליאַטשע.

אין אַזאַ ווערק, ווי „די קליאַטשע״ — אַלעגאָריע — און ביי אַזאַ שרייבער ווי מענדעלע איז יעדעס וואָרט געוויגן און געמאָסטן. אַלץ איז צילגעווענדט. דעריבער וועט זיין באַרעכטיקט אָנצומערקן פּרינציפּיעל־אידעיִשע אונטער־שיידן אין די ביידע נוסחאות.

דער אַשמדאַי זאָגט: „אני הוא הפותח שער בפני כל לעבור בו מן העולם ועד העולם... מתגרים אנו זה בזה דוחים ומקרבים... ועל ידי תחרות זה יקום דבר ומעשים מתוקנים יוצאים מתחת ידינו״ (אל תפתח פה לשטן). — „איך בין דער, וואָס האָט געעפֿנט אַ וועג אין אַ נייער וועלט אַריין, כּדי דאָס אַלטע זאָל תּמיד ווערן ניי... מיר ראַנגלען זיך, איינער וויל דעם אַנדערן איינשלינגען און דורך דעם שפּרינגט אַרויס פֿאַר דער וועלט נייעס, עס ווערט נולד אַלצדינג״.

אין עבֿרית עפֿנט ער אַ טויער דורכצופֿירן דורך אים פֿון וועלט צו וועלט און דורכן געראַנגל קומען אַרויס מעשׂים מתוקנים (רעפֿאָרמען). אין ייִדיש עפֿנט ער „אַ וועג צו אַ נייער וועלט״. דורכן געראַנגל „שפּרינגט אַרויס פֿאַר דער וועלט נייעס, עס ווערט נולד אַלצדינג״ (רעוואָלוציע).

פֿון די געבראַכטע טעקסטן, וועלכע קלינגען פּרינציפּיעל פֿאַרשיידן אין עבֿרית און אין ייִדיש, קען מען אָבער נישט מאַכן קיין אויספֿירן וועגן די אידעיִשע פּאָזיציעס פֿון מענדעלען. מען קען זיי בכלל נישט באַשטימען פֿאַר דער אָדער יענער צייט פֿון זיין שאַפֿן, ווייל ער איז סותר זיך אַליין.

באַלד פֿון אָנהייב לייענען מיר, ווי ישׂראליק דערציילט וועגן זיך „ווי

נח איז אַ מאָל אין דער תּיבה איבערגעבליבן פון אַלע באַשעפענישן... אַזוי בין איך ישׂראל בן ציפּע איבערגעבליבן אין מיין שטעטל איין איינציקער בחור פון אַלע מיינע חברים, וועלכע זענען דורך דער אָנשיקעניש פון שדכנים געוואָרן יונגע בעליביתלעך פאַר דער צייט״... (אָנהייב פון „די קליאַטשע״, 3טער וואַריאַנט).

„יונגע בעליביתלעך״ האָבן מיר נישט אין די ערשטע צוויי יידישע וואַריאַנטן. זיי קלינגען אויך נישט אין עברית־וואַריאַנט פון „סוסתי״. צו דער צייט, ווען מענדעלע האָט געאַרבעט איבערן דריטן „די קליאַטשע״־וואַריאַנט, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905—1907, האָט מען אָנגערופן „בעלי־ביתלעך״ יעניקע „יונגעלייטלעך״, וועלכע האָבן פאַרביטן די פאָן — דעם אידעאַל — אויף אַ טלית און אַ גוטן נדן. וועגן אַזעלכע זאָגט מענדעלע ווייטער, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלצגרוב. „דאָס שמאַלץ איז דערנאָך אויסגערונען און דער גרוב איז געבליבן״.

די שטעלע קעגן דער עקספּלואַטאַציע און עקספּלואַטאַטאָרן אין יידיש: „לאָז זיך זיין כאָטש ווי יענע זאָגן, אַז איך, מענטש, בין דער תּכלית, דער צימעס, דער אַנטיק פון אַלע באַשעפענישן, נאָר צוליב מיר, תּכשיט, צוליב מיין באַדערפעניש, מיין פאַרגעניגן לעבן זיי אַלע אויף דער וועלט. לאָז זיך זיין, כאָטש, אַז איך, תּכשיט, בין דער מלך, דער אויבערהאַר איבער אַלע בהמות, וואָס מוזן מיך דינען, וואָס מוזן גיין אין יאָך און מקריב זיין זייער לעבן״ (קאַפּ׳ 2, וואַר׳ 2־3). — אין עברית: „נאמר אפילו הלכה כיש אומרים שאני בן אדם, אני הוא תּכלית הבריאה ובחיר כל היצורים. אני שליטו של עולם ומלך הבהמות ובעלי־חיים. כולם משועבדים לי וחייבים לשמשני לשאת עול מלכות עליהם ולהקריב נפשם בשבילי״ (פּרק ב׳).

דער עקספּלואַטאַטאָר איז אין יידיש אָנגערופן מיט איראָניע „דער תּכשיט״, „דער צימעס״, „דער אויבערהאַר איבער אַלע בהמות״. קעגן אָט די בהמות איז געווענדט די אויבנדערמאָנטע פראַגע: „ביז וואַנען, אַך, וועסט דו זיין אַ שקאַפּע, דער וועלטס אייביקע קליאַטשע״. אין יידיש איז „בהמה״ צווייטייטיק און באַטייט, פּונקט ווי „שקאַפּע״, אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך גענאַרן און עקספּלואַטירן. אין אַן אַנדער אָרט טייטשט מענדעלע איראָניש דעם פּסוק „אדם ובהמה תּושיע ה׳״ — „אַ מענטש, אַ בהמה העלפט גאָט״.

מיר וועלן ברענגען אייניקע פון די פילביישפילן, ווו מענדעלע באַנוצט זיך מיט פאַרשיידענע שפּראַכמיטלען, וואָס גיבן אים די מעגלעכקייט אויף יידיש צו פאַרשאַרפן די סאַטירע, דאָס, וואָס ער קען נישט אין עברית, וועלכע פאַרמאָגט נישט אַזעלכע מיטלען.

„שם עומד בחיר היצורים השוחט בכבודו" (איראָניע). — „דאָרט שטייט גאָטס בן יחידל, דער מלך פון אַלע באַשעפענישן, עפּעס אַ שוחטל, אַ פרום מענטשל" (ק' 13). (פאַרניכטנדיקער סאַרקאַזם).

„תחת בשר אכלו עצמות" (פרק יז') (געשאָלטן). — „דאָרט, קוואָרט, גריזעט ביינער" (פאַרשאָלטן).

די פאַרשיידענע רעדנסאַרטן און דער שלל פון אידיאָמען[5] אין גערעדטן יידיש גיבן צו דער סאַטירע „פּעפער און זאַלץ". זעלטן וועט דער גרויסער קינסטלער מענדעלע געפינט דעם אַדעקוואַט אין געשריבענעם עברית.

„באַלד האָב איך געפילט ווי דאָס לעבן עקט זיך מיר פשוט פאַר גרויס רחמנות אויף דער וויסטער אומגליקלעכער קליאַטשע" (קאַפּ' 3, וואַר' 2). — „פעם נתגלגלו רחמי על סוסה שוממה ועלובה זו" (פרק ד').

„עפּעס בין איך ווי אַרויסגעשפּרונגען פון דער הויט, אַרויס פון די כּלים, אַ לופטיקס אָן לייב, אָן אברים, נישטאָ פון מיר גאָרנישט, נאָר אַ בלויזע נאַקעטע נשמה" (קאַפּ' 2, וואַר' 2-3). — „גופי מסתלק והולך ואני ישראל רוח פורח" (פרק ב').

„מען האָט עס באַזונגען, באַוואונדערט אין אַלע גאַזעטן און צעלייגט אויף טויזנט טעלערלעך, לאָז דער עולם וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ באַרמהאַרציקער, אַ גוטער, אַ פרומער, אַ דימענטענער מענטש" (קאַפּ' 4). — „והיו מזכירים אותו לשבח בשיר וקול תודה בכל כתבי עתים".

וועגן דער קליאַטשע זאָגט ישראליק: „זי מאַכט מיר אַ פאַרפּוילטע לעבער, טוט מיר אין דער גאַל אַריין" (קאַפּ' 3). — „היא מצרתני וממררת את רוחי".

„וואָגלט זיך אַזש אַהין ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט" (קאַפּ' 11) — „נדד למדינת הים".

„געהאַט מיין ערלעך אויסקומעניש" (קאַפּ' 13). — „והבאתי עלי קללה וחרפה".

דער אַשמדאַי זאָגט: „אל נא, ישׂראל, תעשׂה עצמך תם". — „מאַך זיך נישט געפּגרט, ישׂראל". באַזונדערס איז כּדאַי אָנצומערקן דעם אַשמדאַיס לשון־קודשדיקער „השמקני" (אין עברית „הריחני"). (קאַפּ' 22).

ישׂראליק דערציילט: "אַלע שדים / זענען פּאַרלעקט / שיכּור — בטירוף הדעת".

די געבראַכטע ביישפּילן באַווייזן, אויף וויפל די אידיאָמאַטיק ווירקט אויף דער סאַטירישער מאַלערישקייט. מיר קענען אָבער אויך אָנווייזן אויף אייניקע פאַלן, ווען מענדעלען איז געלונגען צו פאַרבייטן טרעפלעך אין עברית יידישע אידיאָמען. למשל:

„אין יענער צייט איז בטחון נאָך ווי ס'איז אָנגעגאַנגען, היינט ווערט מען דערמיט פאַרשוואַרצט". — „עכשיו הבטחון מטבע שנפסלה צורתו ואינו עובר בשוק". און ווייטער:

„שווער, זייער שווער צו לעבן היינטיקע צייטן פון די פינף פינגער און צו מאַכן פון שניי גאָמעלקעס" — „עכשיו אין מן יורד מן השמים ואין להם יש מאין" (קאַפּ' 7).

אין קאַפּ' 5 — „ווי שלמה איז אין איין נאַכט פון דער העלער הויט געוואָרן אַ חכם". — „נתנה לו חכמה בחלום הלילה".

מיר געפינען נישט קיין אַדעקוואַטן אין מענדעלעס עברית פאַר אַזעלכע יידישע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, ווי: „הויט פון אַ מיתה־משונה־קאַליר", „ביי דער באָבע יאַהאַ", „מען שלאָגט מיט מיר כּפּרות", „טויגן אויף כּפּרות", „זיין דאָס כּפּרה־הינדל", „קוקן ווי אַ האָן אין בני אָדם", „אַ כּשרע מציאה", „אַ טריפהנער מזל" וכדומה.

ס'איז וויכטיק דאָ צו באַמערקן די נטיה ביי מענדעלען אויסצומיידן אין זיינע עברית־איבערזעצונגען פון יידיש די עברית־ווערטער און אויסדרוקן, וועלכע ער האָט באַנוצט אין יידישן קאָנטעקסט, און פאַרבייטן זיי מיט אַנדערע. למשל: אין יידיש — דלות און קבצנות, אין עברית — עניות; דער תּכשיט — בחור; בגילופין — שיכּור; זיין פּרצוף־פּנים — מראהו. אַזעלכע אויסדרוקן פון יידיש: „זיי זייגן ביי מיר אויס דעם דם התּמצית" — „הן מוצצות את דמי ולחי", „נבהל ומשתּומם געוואָרן" — „נתבהלתי", „זיי ווערן אש להבה" (אידיאָמאַטיש — זיי צאָרענען) — „תבער כּאש חמתם",

„אַ שטאַרקן אַ בר יכולת" — „איש שהיכולת בידו". אין עברית קען דער אויסדרוק „היכולת בידו", אַחוץ פּראַטעקציע, אויך באַטייטן מענדעלעס רמז „נעמען שוחד".

דער סאָציאַלער פּל־בו

דאָס עלפטע קאַפּיטל („הזמיר בנגינות וישראל בקינות" — „ישׂראליק באַקלערט די וועלט") איז אין יידיש נישט נאָר געענדערט דער נאָמען, נאָר גרינטלעך איבערגעאַרבעט און פון אַ וויכטיקן באַטייט פּאַרן פאָרשער פון יידישן סאָציאַלן לעבן און שטייגער, וואָס האָט עקזיסטירט אין ניינצנטן יאָרהונדערט אין טיילווייז פאַרבליבן נאָך אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט.

סיי אין עלפטן, סיי אין צוועלפטן קאַפּיטל („אכן נודע פירושו של איוב" — „די קליאַטשע אַ פּירוש אויף איוב") באַקלערט די וועלט מענדעלע אַליין. די שילדערונגען פון יידישן סאָציאַלן שטייגער זענען געקומען אין עברית פון געטראַכטן יידיש און שפּעטער פונעם עברית־טעקסט אין אויס־פאָרמירטן יידיש־טעקסט:

„אָט איז דער מאַרק מיט אַלע מיני נפשות זיינע פון קליין ביז גרויס. דער מאַרק מיט זיינע סוחרים און מסחרים, מיט זיינע אָפּנאַרער און אָפּגע־נאַרטע, מיט די ווילדע תאוות, דעם נאַרישן כבוד, קינאה און שינאה, וואָס הערשן דאָרט. אָט טוט זיך אַ ווייז דאָס גאַנצע פעקל קבצנים. מיני אביונים, דלפונים, געפאַלענע, אָפּגעקומענע, נויטבאַדערפטיקע, הונגעריקע, ליידנ־דיקע, קראַנקע, צעבראָכענע, דאַרע, קוואַרע, בלייכע מיט אויסגעצויגענע פּנימער. עס דרייען זיך אַרום טאַנדעטניקעס, הענדלער, מעקלער, פאַרטראַכטע מיט היטלעך פאַרריסענע, יידן מיט זעקלעך, יידן מיט שטעקלעך, ליידיקגייער, בטלנים. אַלע לויפן ווי די משוגעים, נישטערן, זוכן פּרנסה ווי ס'איז צו לעבן, צו דערהאַלטן די נשמה פון זייערע ווייבער און קינדער. אַלע זענען פאַר־טראָגן, צעטראָגן, אַלע טראַכטן ווי אַרום עפּעס אַ פאַרדינסטל צו דערטאַפּן און ביי יענעם מיט אַ המצאהלע אויסכאַפּן".

אין יידישן טעקסט גייט ווייטער אַ סאַרקאַסטישע שילדערונג פון די „רעדלעך פאַרשוינען", „שיינע מענטשעלעך", „סווישטשען, ליידיקגייער,

גאָרנישטן, טויגעניכטסן, מענטשעלעך, וואָס זעען אויס ווי שרעקלעכע וועלף צווישן די אָרעמע בידנע שאָף אויף דעם מאַרק".

מיט קמצנות איז דער מאַרק געשילדערט אין עברי:

„השוק עם בריותיו, בריות קטנות עם גדולות, התאוה להכבוד וקנאת איש מרעהו. שם עניים ואביונים, מיני נפשות רעבים, דוויים ומדוכדכים נראה לי במחזה השוק כמו שהוא עם העסקים ועוסקיהם, העושקים ועשוקיהם, ממור־שכים וממורטים. שם סמרטוטרים כפופים וסרסורים שפופים, רוכלים, נוכלים, תגרנים וערב רב של רמאים, טיילנים ובטלנים, כלם שטים, מחפשים ומבקשים פרנסתם להחיות נפשם ונפש ביתם. הכל טרודים ודואגים, הכל מערימים וזה לזה מתחכמים והכל רצים כמטורפים, דאגה ויגון ואנחה...".

די רשימה פונעם סאָציאַלן כל־בו אַרום און אין דעם יידישן לעבן ווערט פאָרגעזעצט אין צוועלפטן קאַפּיטל. באַלערנדיק איז די „נאָמענקלאַטור" און ווי זי ווערט כאַראַקטעריזירט איןביידע שפּראַכן.

אין יידיש: „ווער האָט דען נישט געזען און פון מיר נישט אָפּגעלעקט אַ ביינדל? הייב אָן פון אַ מינדסט פּריצל, פון די סאָטסקע, אַ קוואַרטאַלנע וכדומה ביז עפּעס העכערס; פון אַ מגיד, אַ מוכיח, אַ מוסר־זאָגער, אַ ירא שמים ביז גאָטס סטראַפּטשעס וכדומה אַזעלכע טשינאָווניקעס צווישן די הימלמענטשן; פון אַ לאַקיי, אַ סמאָטריטעל, אַ פּיסמאָוואָדיטעל, אַ נאַדזיראַ־טעל ביז אַ דירעקטאָר אין די יידישע שולן; פון אַ שמש, אַ קהלשן שרייבער, אַ כאַפּער, אַ סבאָרשטשיק, אַ פּאָווערעני, אַ דעפּוטאַט, אַ בעל־עצה, אַ בעל־טובה, אָן אָנכאַפּער ביז דעם בעל־טאַקסע פון פלייש און סוועטשנאָי סבאָר וכדומה די גאַנצע כנופיא קהל, הייב אָן פון באַהעלפער, מלמדים, שדכנים, בדחנים, בטלנים, טויזנטערליי גבאים, משולחים און שתדלנים, ישיבה־בחורים, פּרושים, לומדים, זיידענע מענטשן, שיינע יידן, טאַטנס קינדער, תהילים־זאָגער, משניות־לערנער, בעלי־תפילות, שופר־בלאָזער, דריידלעך־מאַכער, פּורים־שפּילער, מצה־רעדלער, ביז די דיינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טוקערינס, קנייטלעך־לייגערינס, פעלד־מעסטערינס וכדומה דאָס גאַנצע כלי־קודש, אַלע כסדר האָבן אויף מיר זיך אָנגעזעצט... (ז. 93).

אין עברית: „למי לא עלצתי בימי ומי לא העמיס עלי משאו? הכל מן הגדולים ועד הקטנים באדוני הארץ, מחסידי עליון, קנאים, מוכיחים עד זעירי

דמן חבריא של אנשי קודש, האדירים במרום; מן השמשים והחטפנים וסופרי הקהל, המוכסנים ובעלי־טקסא של בשר ושל נרות עד בעלי־טובות ובעלי־עצה ושתדלנים וכיוצא בהם כל הכנופיא של העוסקים בצרכי צבור: מדיינים, שוחטים, מנקרים ומשגיחים, ראשי כנסיות, גבאים, גזברים, בעלי־תפילות ותוקעי־שופר, מלמדים, פרושים, בחורי־ישיבה, יהודים תמימים, יהודים כשרים, בני עלית ובני אבות, עד שדכנים, בדחנים ובטלנים, לומדי משניות ואומרי תהלים, מספקים מכשירי־חנוכה ופורים, גוררי המעגילות והטבלאת ונוקרי מצה, נשים טבלניות, גבאיות, מקוננות ומודדות בית הקברות וכיוצא בהם כלי קודש כולם מטילים עצמם עלי״.

מיר זעען אין יידישן טעקסט אַ רייע קאַטעגאָריעס, וועלכע זענען אין עברית נישטאָ. מענדעלע האָט זיי צוגעגעבן שפּעטער ביי דער איבעראַר־בעטונג פון „סוסתי״ אין דריטן וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע״, ווי אַ סאָטס־קע, אַ קוואַרטאַלנע, אַ סמאָטריטעל, אַ פּיסמאָוואָדיטעל, אַ נאַדזיראַטעל און אַנדערע. „בני אבות״ איז אַ קאָפּיע פון יידישן „טאַטנס קינדער״.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישיזירטן עברית זענען אַזעלכע ווי: אנשי קודש האדירים במרום (גאָטס סטראַפּטשעס, טשינאָווניקעס צווישן הימל־מענטשן); השמשים והחוטפים וסופרי הקהל (אַ שמש, אַ קהלשן שרייבער, אַ כאַפּער); המוכסנים ובעלי־טקסא של בשר ושל נרות (אַ בעל־טאַקסע פון פלייש און סוועטשנאַי סבאָר); כל הכנופיא העוסקים בצרכי צבור (די גאַנצע כנופיא קהל); יהודים תמימים, יהודים כשרים, בני עלית ובני אבות (זיידענע מענטשן, שיינע יידן, טאַטנס קינדער); מספקים מכשירי חנוכה ופורים / עס פעלן פורים־שפּילער / (דריידלעך־מאַכער, פורים־שפּילער); נוקרי מצה (מצה־רעדלער); נשים טבלניות (טוקערינס); מודדות בית הקברות (פעלד־מעסטערינס).

די צוויי לעצט געבראַכטע פּאַראַלעלע טעקסטן קענען אויך דינען אַלס גרונט צו מאַכן פאָלגענדיקע אויספירן: 1) אַז מענדעלע האָט אין זיין צוויי־שפּראַכיקער שאַפונג אָפּגעשאַפט די מחיצות צווישן קודש און חול. 2) דינענ־דיק איין ציל און האָבנדיק איין אידעע און איין סיוזשעט, זענען דאָס צוויי באַזונדערע זעלבשטענדיקע קינסטלערישע ווערק. 3) די יידיש־רעדנדיקע

סביבה ווירקט מיט מער אויסדריקלעכקייט, בילדערישקייט און שאַרפערער סאַטירישער מאָלעריי אין יידיש.

אין עברית פילט זיך די העגעמאָניע פון דער טראַגיק איבער דער סאַטירע, און דאָס גיט צו דעם ווערק דעם כאַראַקטער פון נאַציאָנאַלער טראַגעדיע.

---

1 פון אַ בריוו צו ראַווניצקי, 10טער אויגוסט 1900 (מענדעלע־בוך ז' 120).

2 ד. איינהאָרן, „מענדעלע מוכר ספרים ביי דער אַרבעט", אין זאַמלבוך מענדעלע מוכר ספרים צו זיין 75־יאָריקן יובילייִ, וואַרשע, 1910.

3 „וואַריאַנטן פון מענדעלעס „די קליאַטשע". זע אויבן.

4 מ. ווינער, „באַמערקונגען וועגן שפּראַכפאָלקלאָר ביי מענדעלען", שריפטן, ערשטער באַנד, קיִעוו, 1926, ז' 129.

5 וועגן דעם — גענויער אין „פאָלקלאָר ביי מענדעלען".

די נעמען פון די קאַפּיטלען

„די קליאַטשע"
1 און 2 וואַריאַנטן

1. ישׂראליק וויל ווערן אַ מענטש
2. ישׂראליק און די קליאַטשע
3. וואָס לאָזט מיך „די קליאַטשע" הערן
4. ישׂראליק פּאַרקריכט קיין בויבעריק
5. ער האָט זי ווידער דערטאַפּט
6. די קליאַטשע אַ פּירוש אויף איוב
7. ישׂראליק באַקלערט די וועלט
8. אַ מאַמעס הארץ איז אַ נביא
9. צער בעלי־חיים
10. ווער איז שולדיק
11. לערן זיך טאַנצן
12. קיין טאַנץ גייט נישט פאַר קיין עסן
13. אַל תּפתּח פּה לשׂטן
14. אַ שיין וועלטל כ׳לעבן
15. ישׂראליק מיט דער קליאַטשע צווישן די לצים
16. „טראַסציאַ איך מאַטערי"

ס ס ת י

1. ישׂראל משתדל להיות איש
2. הציץ ונפגע
3. ברוך משנה הבריות
4. דברים שביני ובין ססתי
5. ססתי עולה מן הבור בסערה
6. אמי סותמת והמשרת מפרש
7. ישׂראל לשטתו הולך ועדין משתדל להיות איש
8. לב אמי נבא וידע מה נבא
9. אני מצאתיה
10. חזיונות לילה
11. הזמיר בנגינות וישׂראל בקינות
12. אכן נודע פירושו של איוב
13. אגרת צער בעלי־חיים
14. חדושי הועד באותו הענין
15. דרשה בשבח ההשׂכלה
16. על מה העולם קיים
17. אל תפתח פה לשטן
18. ישׂראל תלוי ועומד
19. ופרח ישׂראל
20. חצפא כלפי שמיא
21. כעת יאמר לישׂראל מה פעל שלמה המלך
22. כיצד מרקדים לפני האשמדאי
23. מלבישים את ישׂראל לבוש בעל טובה ומרכיבים אותו על הססה
24. את כלם ישא הרוח —

די „קליאַטשע״ — 3טער וואַריאַנט

1. ישׂראליק וויל ווערן אַ מענטש
2. ישׂראליק גייט אַרויס פון די כּלים צוזעענדיק, וואָס עס טוט זיך אַרום אים
3. ברוך משנה הבריות
4. ישׂראליק טענהט זיך אויס מיט דער קליאַטשע
5. די קליאַטשע הייבט זיך אויף פון גרוב מיט אַ שטורעם
6. וואָס די מאַמע דערעדט נישט, דערקלערט עס דער משרת...
7. ישׂראליק וויל נאָך אַלץ ווערן אַ מענטש
8. צער בעלי־חיים
9. ער האָט זי ווידער דערטאַפּט
10. וואָס מיט ישׂראליקן האָט זיך פּאַסירט די נאַכט
11. ישׂראליק באַקלערט די וועלט
12. די קליאַטשע אַ פּירוש אויף איוב
13. אַ בריוו אין קאָמיטעט פון דער חברה צער בעלי־חיים
14. אַן ענטפער, וואָס דער קאָמיטעט האָט אויפגעטאָן אין דעם דאָזיקן ענין.
15. לערן זיך טאַנצן
16. קיין טאַנץ גייט נישט פאַר קיין עסן
17. אַל תפתח פה לשׂטן
18. ישׂראליק נישט ער הענגט, נישט ער שטייט
19. ישׂראל פּליט
20. וואָס אַ אשמדאַי קען
21. ישׂראל באַגעגנט זיך מיט שלמה המלכס אַ גענעראַל
22. ווי אַזוי מען טאַנצט פאַר דעם אשמדאַי
23. מען קרוינט ישׂראליק פאַר אַ בעל־טובה און מען זעצט אים רייטן אויף דער קליאַטשע
24. טראַסציאַ איך מאַטערי

מענדעלעס „די קליאַטשע" — הונדערט יאָר

מענטש און ייִד

פאַר „די קליאַטשע", אין די יאָרן 1870—1871, האָט מענדעלע פאַרטראַכט אַ ציקל מעשׂיות „די כּתבים פון ישׂראליק דעם משוגענעם". ס'איז באַקאַנט אַן עסקיז „אַדרבה, ווער איז משוגע" (אַ סיפּור־המעשׂה וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט צווישן די כּתבים פון ישׂראליק דעם משוגענעם, פּובליקירט אין 1940).[1]

ישׂראליק ראַנגלט זיך דאָרט מיט דער פּלאָג פון אַלע משׂכּילים אין יענער צייט, מיט דער קללה־פּראָבלעם „מענטש" און „ייִד". ס'האָט נישט באַפרידיקט יל"גס „היה יהודי באהלך ואדם בצאתך". פאַר אַ סך איז דאָס געווען און געבליבן תּרתּי דסתּרי. ישׂראליק זאָגט דער מאַמען: „אַ מענטש אָדער אַן אומה קען אַנדערש נישט האָבן קיין זנאַטשעניע, סיידן מ'האָט שׂכל צו פאַרשטיין און פילן דאָס, וואָס וויל ער עפּעס אויף דער וועלט און דאָס, וואָס ער וויל, לאָז ער זיך סטאַרען דורך מיטל צו דערגרייכן. אָן דעם איז דער מענטש אַ קינד און די אומה אַ טויטע, אַ דערשלאָגענע..."

מענדעלע האָט די כּתבים פון ישׂראליק דעם משוגענעם אַרויסגעגעבן אין 1873 אונטערן נאָמען „די קליאַטשע" און אַזוי אַרום האָט מענדעלע איבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט פון ישׂראליקן דעם משׂכּיל אויף דער „קליאַטשע" — אויף דער כּנסת ישׂראל.

אין „די קליאַטשע" זענען די הויפּטהעלדן ישׂראליק, די קליאַטשע און דער אַשמדאַי.

דאָס וויכטיקסטע איז די באַגעגעניש פון ישׂראליקן מיט דער קליאַטשע. אָן איר וואָלט דאָך דאָס ווערק נישט געווען. דער אַשמדאַי קומט אומגעריכט

און איז נישט פֿאַרבונדן סיזשעטיש נישט מיט ישׂראַליקן, נישט מיט דער קליאַטשע. ער רייסט זיך אַריין צווישן זיי און פֿירט צום פּיניש — ער קרוינט ישׂראַליקן פֿאַר אַ בעל־טובֿה און זעצט אים רייטן אויף דער קליאַטשע.

די באַגעגעניש פֿון ישׂראַליקן מיט דער קליאַטשע

זי הייבט זיך אָן נאָכן דורכפֿאַל פֿון ישׂראַליקן אויף די עקזאַמענעס, ווען עס זענען פֿאַרשוווּנדן זיינע אילוזיעס צו ווערן אַ דאָקטאָר און עס „וועט זיך עפֿענען פֿאַר אים אַ וועלט". ער בלייבט „אַ דערשלאָגן יידל „גלייך מיט אַלע אַנדערע יידלעך" (אָן פּריווילעגיעס, נישט דיפּלאָמירטע), „אַ לופֿט־מענטש", „אַ קראַפּט אָן שטאָף". „אַ ייד און נישט קיין מענטש" און ער „גייט אַרויס פֿון די כּלים" און „אַפֿילו די קליאַטשע, אַזאַ פּראָסטע פֿאַדאַנע, האָט אויף אים עפּעס אַ רעכט" און ער מוז „על פּי דין, ווען נישט על פּי מענטשלעכקייט, אָקעגן איר יוצא זיין... ווען די קליאַטשע שטרעקט אויס אַ האַנט, נעמט ער זי פֿון איידלקייט וועגן". די קליאַטשע נעמט אָן ישׂראַליקס פֿריינדשאַפֿט „מיטן בינטל היי", אָבער זי לאָזט זיך נישט פֿירן. ישׂראַליק נעמט זי אָן „ביי דער טשאַפּרינע און שלעפּט זי מיט גוואַלד" (ער האָט זי ווידער דערטאַפּט"). זי האָפֿט נישט אויף זיינע ליבעראַלן מיט זייער צער בעלי־חיים; זי וואַרפֿט אָפּ זיינע פּלענער פֿאַר איר אויסלייזונג. „איך בין דיר מוחל דיין רחמנות... מען זאָל זי געבן איר באַדערפֿעניש צו דערהאַלטן די נשמה, טאַקע נאָר גלאַט פֿאַר רחמנות, ווייל עס איז פּשוט אַ צער בעלי־חיים, זי וויל אַפֿילו נישט דו זאָלסט אויסבעטלען פֿאַר איר [שתדלנות] אַלע נייטיקע זאַכן צום לעבן אי מהאי טעמא, וואָס מען האָט און מען קען פֿון איר האָבן נוצן..." („קיין טאַנץ גייט נישט פֿאַר קיין עסן").

די קליאַטשע וויל „גאָרנישט הערן קיין רחמנות [הומאַניזם], קיין נוצן [אוטיליטאַריזם]. רחמנות און נוצן זענען אַזעלכע זאַכן, וואָס די וועלט קען זיך אויף זיי נישט האַלטן".

ס'האָט עקזיסטירט (עטוואָס געענדערט עקזיסטירט נאָך היינט) אַ הער־כערער טיפּ פֿון אוטיליטאַריזם:

יענע משׂכּילים (נעענטער צו מענדעלעס צייט), וואָס זענען אַרויף אויפֿן וועג פֿון אַסימילאַציע, האָבן אונטערגעהאַלטן דעם געדאַנק פֿונעם יונגן

משה העס, אַז „גאַנץ אויסדערוויילט פאָלק האָט געדאַרפט אין גאַנצן פאַר־שווינדן, כדי פון זיין טויט זאָל קענען אַנטשטיין אַ ניי, מער ווערטפול לעבן". („די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט, פון אַ יונגן שפּינאָזאַ"). דאָס הייסט, אַז דער גורל פון ישו דאַרף זיין דער גורל פון פאָלק. די יידן דאַרפן זיך צעמישן צווישן די פעלקער און פאַרשפּרייטן צדק און יושר.

די שפּעטערדיקע משכּילים, שוין אין מענדעלעס צייטן, האָבן באַרעכטיקט די עקזיסטענץ פון יידן און יידיש פאָלק מיט דער נוצלעכקייט, מיטן גוטס, וואָס זיי ברענגען מענטשן און פעלקער אַרום...

די היסטאָרישע ראָל פון יידן אין וועלט־פּראָגרעס האָבן אָנערקענט פיל פון דער נישט־יידישער וועלט, אָבער דאָס האָט קיינעם נישט מחייב געווען צו אָנערקענען די רעכט־עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק. לענין האָט געזען דעם איינציקן און דעם הויפּט־שטריך פון יידנטום און יידישער קולטור אין דעם, וואָס „דער פּראָצענט פון יידן אין די דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען איז אומעטום העכער, איידער דער פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג בכלל".[2]

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פּאָלעמיזירן מיט לענינען. אָבער דאָס איז נישט קיין שטריך פון יידנטום, נאָר פון דעם, וואָס יידן, אַלס שטאָטישער עלעמענט, אַ נאַציאָנאַל־אונטערדריקטער, זענען עמפּינדלעכער צו רעוואָלוציע, פּונקט אַזוי, ווי דאָס, וואָס יידן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַלס אָנפירער, באַווייזט נישט אויף זייער יידישקייט. ס'רוב זענען אַזעלכע געווען ווייט פון יידישער קולטור און פון יידנטום, אָבער זיי האָבן געדינט ווי אַ צילברעט פאַר די אַנטיסעמיטן צו באַווייזן, אַז דאָס יידנטום גראָבט אונטער די קריסט־לעכע וועלט (פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון).

גוט האָט געשריבן מאָריס ווינטשעווסקי: „אונדזערע היינעס, אונדזערע בערנעס, אונדזערע פעליקס מענדעלסאָנס, אונדזערע אַנטאָקאָלסקיס, אונ־דזערע דיזראַעליס, אונדזערע בראַנדעס', אונדזערע מאַרקס' און לאַסאַלס זענען פון אונדז. אָבער נישט פאַר אונדז".[3] מיר וואָלטן פון דער רשימה אויסגעשטראָכן היינע און אַנטאָקאָלסקי און איינגעשלאָסן טראָצקי און מאַרקוזע.

אַזאַ מין העכערער טיפּ פון אוטיליטאַריזם איז די אידעע וועגן דער

באַזונדערער מיסיע, צו וועלכער די השגחה עליונה אָדער די געשיכטע האָט אויסדערוויילט דאָס יידישע פאָלק (קלויזנער — „ישו הנוצרי" א"אַ[4]). „די קליאַטשע" איז קעגן יעדן „אתה בחרתנו". „גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט, אריינגעבנדיק אין אים אַ מענטשלעכע נשמה פאַר אַלע מענטשן גלייך. האָסטו זיך געקליגט צוצוגעבן צו איר נאָך איינע, עפּעס אַ בשותּפותדיקע, אַ מין געמאַכטע פאָלקס־נשמה..." („ישׂראליק באַקלערט די וועלט").

די עקזיסטענץ פון דער נאַציע — דאָס איז איר נאַטירלעכע רעכט און איז אין קיינעם און אין קיין זאַך נישט אָפּהענגיק. לאָזט מיך יענער לעבן ווייל איך ברענג אים נוצן, הייסט עס אַזוי פיל ער איז דער תּכלית, דער עיקר, און איך לעב גאָר מחמת דערמיט טויג איך אים, פאַר מיר אַליין וואָלט איך נישט באַדאַרפט גאָר באַשאַפן ווערן. איך וויל אָבער לעבן גלייך ווי אַנדערע גלאַט, ווייל איך בין אויך אַ באַשעפעניש פאַר מיר".

דאָ איז בפירוש אויסגעדריקט, נאָר מיט אַנדערע ווערטער, דאָס, וואָס מיר רופן: דאָס נאַטירלעכע נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַוווסטזיין. דאָס איז געווען אַ געוואַלדיקער חידוש פאַר אַלע דורות משׂכּילים. דערפון קענען נאָך לערנען היינט אַלע יענע, וועלכע האַלטן זיך ביי דער נאַציאָנאַלער פאָרעם (אַלס טפל), בלויז ווייל זי דינט דעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט (דעם עיקר), דערפון וואָלטן געקענט לערנען אַ סך פון די ישׂראליקס אין ישׂראל, וועלכע גריבלען זיך, פּשטלען זיך, זענען זיך מפלפל אַרום דער פּרשה מיהו יהודי. דער נאַטירלעכער נאַציאָנאַלער מהות, דער תּכלית, דער עיקר פאַר זיך — דאָס איז דער נאַטירלעכער נאַציאָנאַלער געפיל, די „אהבה שאינה תלויה בדבר", אַפילו נישט אין דער הלכה...

אַלע יענע, וועלכע האָבן געהאַלטן און האַלטן זייערע נאַציאָנאַלע פאָרמען אַלס אונטערגעוואָרפענע דעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט, קענען איצט זען באַשיימפּערלעך, ווי גערעכט ס'איז געווען מענדעלעס קליאַטשע: „אויף אייער באַרמהאַרציקייט און אויף דעם, וואָס איר קענט פון מיר האָבן נוצן, דערויף קען איך כּלל מיך נישט סומך זיין. מאָרגן ווערט דיר, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, פאַרשטאָקט דאָס האַרץ, ביסט אין אַ שלעכטער לוינע, אָדער איך וועל דיר איין מאָל נישט קענען צושטעלן די צאָל ציגל אַקוראַט — ווערסטו ברוגז,

גיסט אויף מיר אויס דיין צאָרן — און עס ווערט פּלוצעם אַ תּל פון מיר״ („קיין טאַנץ גייט נישט פאַר קיין עסן״).

האָפענונגען און יאוש

מענדעלע האָט אויף זיין לאַנגן לעבנסוועג איבערגעלעבט עליות און ירידות פון דער געזעלשאַפטלעכער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע „קליאַטשע״־וואַריאַנטן.[5] ס׳האָבן נישט געבראַכט די גאולה די געהאָפטע צאַרישע רעפאָרמען פון אויבן אין די זעכציקער יאָרן; נישט דאָס „גיין אין פאָלק״ און די דערוואַרטע און נישט געקומענע פויערשע רעוואָלוציע פון אונטן אין די זיבעציקער יאָרן; זיי האָט פאַרביטן אַ שוואַרצע רעאַקציע אין די אַכציקער יאָרן. די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד האָט געבראַכט צו אַן אַלץ ווייטערדיקער פאַראָרעמונג פון שטאָט און דאָרף. דאָס יידישע שטעטל צווישן שטאָט און דאָרף ווערט רויִנירט. יענעם רויִנירטן שטעטל זענען געווידמעט שפּעטער די רייזע־בילדער פון י.ל. פּרץ. וועגן דעם הערט ישׂראליק אין טרויעריקן ניגון פון סאָלאָוויי („אַ טאָג אין דער שטאָט״, דער מאַרק מיטן סאָציאַלן כּל־בו, „די רעדלעך פאַרשוינען״, די „דערנידערונגען פאַר דעם זינדיקן שטיקל ברויט״ („ישׂראליק באַטראַכט די וועלט״).

שפּעטער פון דער „קליאַטשע״, שוין אין די אַכציקער יאָרן, האָט סאַלטיקאָוו־שטשעדרין אָנגעשריבן די דערציילונג „קטאָ ניע יעדאַל ס׳ סליאָזאַמי כליעב״ („ווער ס׳האָט נישט געגעסן מיט טרערן ברויט״) וועגן אַ מענטשן, וואָס דערוווסט זיך וועגן זיין רעכט אויף עסן, אייגנטלעך אויף לעבן — דאָס עלעמענטאַרע רעכט, וואָס עס האָט געפאָדערט די „קליאַטשע״ נאָך אין די זיבעציקער יאָרן.

אין די אַכציקער יאָרן זוכט שוין מענדעלע פאַר זיין קליאַטשע נישט בלויז דאָס עסן. נישט זייענדיק קיין חובב־ציון, קומט ער צו פּינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע״ און מאַכט דערפון „אַ סגולה צו יידישע צרות״...

אויפן שוועל פון 20סטן יאָרהונדערט, מיטן וווקס פון קאַפּיטאַליזם, וואַקסט אויס אַן אַרבעטער־קלאַס און אַן אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. שוין פאַראַן אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס און אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג,

עס יערט און ברויזט מיט רעוואָלוציע; ווידער שיינט אויף אַ האָפענונג — אָט־אָט קומט די צייט, ווען „נאָר אמת און גערעכטיקייט אַליין וועלן הערשן אויף דער וועלט... עס וועט אויפהערן זיין אַ חילוק צווישן מענטשן, אַ וואָלף וועט וווינען מיט אַ שאָף, אַ בער מיט אַ קו וועלן אין איינעם זיך פיטערן, און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי... עס וועט זיך פעלן אַל־דאָס בייז, די נישט גוטע וועלן פאַרלירן זייער כּוח, און עס וועט אָפּגעווישט ווערן טרערן פון איטלעכנס פּנים!...״ („די קליאַטשע אַ פּירוש אויף איוב״).

אָבער „דאָס טרויעריקע שטיקל אין זיסן שטייגער״ פון סאָלאָווײ, „דאָס האַרץ פון אַ בריה אַ פּאָעט פּילט דעם צער פון דער וועלט״... נאָכן דער־שטיקן די רעוואָלוציע (1905—1907) פרעגט זיך ישׂראליק ביטער: „וואָס געהער איך, שלימזלדיקער, מיך אָן מיט פרילינג? וואָס פאַר אַ מחותּן בין איך, עלנטער, מיט דעם גאַנצן יום־טובדיקן עולם, מיט דעם וואַלד דעם שיינעם, מיט דער פריש־בליִענדער נאַטור דאָ? דער וועלטס פרייד איז נישט אויף מיר געזאָגט געוואָרן. אַז לייט לעבן אין נחת, איז אויף מיר אויסגעגאָסן אַ צאָרן, אַז ביי זיי אין גאַס איז אַ שׂמחה (רעוואָלוציע, צאַרישער מאַניפעסט) איז אין מיין געסל אַ גוואַלד — בלוט, שׂרפות, פלאַם־פייער און רויך... [ייִדישע פּאָגראָמען]...״ („ישׂראליק באַקלערט די וועלט״).

ווען מענדעלע האָט געשריבן דעם דריטן וואַריאַנט „קליאַטשע״, זענען נאָך פריש געווען די שפּורן פון דער דורכגעגאַנגענער יאַפּאַנישער מלחמה און די מפּלה פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע. ווי שוואַרצע כמאַרעס האָבן זיך געצויגן די שווערע יאָרן פון דער רעאַקציע. אַ גרויסער טייל מיטגעשלעפּטע מיט דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע זענען מיט איר אָפּפלוס געבליבן ליגן אין זאַמד... דער סקעפּטיציזם האָט ווי אַ וואָרעם זיך פאַרקליבן אין די הערצער און מוחות פון אַ סך אַזעלכע „מיטלויפער״. די ספקות אין די צוקונפט־אידעאַלן האָבן אָפּגעטעמפּט ביי זיי די געזעלשאַפט־לעכע אידעע. איר אָרט האָט פאַרנומען זעלבסט־גריבלעריי, די פילאָסאָפיע פון אינדיווידום. עס זענען אַריין אין דער מאָדע שאָפּענהויער, ניטשע, אַרטור שניצלער, און אַרציבאַשעוו מיט זיין סאַנין... די „סאַנינשטשינע״ האָט פאַר־נומען דעם וואָקום אין די הערצער און מוחות פון דער אַלגעמיינער יוגנט־לעכער אינטעליגענץ נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע.

גראָד אין דער זעלבער צייט האָט די ייִדישע ליטעראַטור פאַרנומען די הערצער און מוחות פון דער מאַסע אַרבעטער און פאָלקס־אינטעליגענץ — ס׳איז געווען דער בלי־פעריאָד פון דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור.

„וועלטלעכקייט" און „ייִדישקייט"

שווער געווען אונדזערע משׂכּילים צו פלאַנצן די השׂכּלה־אידעען, גע־בראַכטע פון דער פרעמד, אויפן אייגענעם נאַציאָנאַלן באָדן. דאָס נאַציאָנאַלע געפיל איז געווען פאַרבונדן מיטן צווייטויזנט־יעריקן פרינץ, מיט דער טראַדיציע פון אַ תּנכישן ייִדנטום. די גאַנצע העברעיִשע ליטעראַטור האָט גערעדט תּנכיש. דאָס פּאַטריאַרכאַלע ייִדישע שטעטל האָט קיין מאָל נישט געשטעלט די פראַגע „מיהו יהודי". ס׳האָט קיינער נישט געוווּסט פון „ייִדנ־טום", אַלע האָבן נאַטירלעך געפילט זיך פאַרבונדן מיטן „עם ישׂראל" און געגלויבט אין דעם „לעתיד לבוא".

דאָס פּראָבלעם איז אויפגעשוווּמען צוזאַמען מיט דער השׂכּלה. דאָס טראַדיציאָנעלע ייִדנטום האָט געזען אין דער השׂכּלה מיט איר „וועלטלעכ־קייט" אַ סכּנה פאַר דעם קיום פון דער „ייִדישקייט". די השׂכּלה איז געווען אַ מין „סטרא אחרא" און דער משׂכּיל — פון איר „אַ געכאַפּטער". האָבן זיך אומגעבלאָנקעט די פאַריתומטע משׂכּילים פון פאַרחלשטע אויסגייענדיקע פּאַטריאַרכאַלע שטעטלעך אין אַ פרעמדער וועלט (אפשר זענען דאָס די הילפלאָזע ישׂראליקס אויף די פליגלען פון אַשמדאַי?), געמאַכט זיך נייע געטער מיט נייע משיחים — אידעען פון סאָציאַליזם, איבערגעלעבט יאוש פון דורכגעפאַלענע רעוואָלוציעס און פון ספקות צו ברענגען דער וועלט און דעם פאָלק די גאולה. די וועלט פון בילדונג, פּראָגרעס, דער „בלויער פויגל", איז אַ מיראַזש. די אידעאַליזירטע מענטשהייט איז אַ שטיפמאַמע פאַרן ייִדישן פאָלק. אויך אַסימילאַציע און שמד האָבן נישט געבראַכט קיין מאָראַלישע גלייכבאַרעכטיקונג. סיי דער אַסימילירטער, סיי דער געשמדטער בלייבן פרעמדע. זיי קענען זיך נישט „אַריינפליישן" (פּרצעס אויסדרוק) אין פרעמדן נאַציאָנאַלן גוף.

ווידער שטעלט זיך ווי אַ פייערדיקע רעטעניש דער „לאָן". ס׳איז אַ זוכע־ניש מיט אַ בענקשאַפט צו זיך אַליין. די ראָמאַנטיק פירט זיי צוריק אַהיים.

די משׂכּילישע אינטעליגענץ, וואָס קומט צוריק, טרעפט שוין נישט בלויז די פאַרגליווערטע טראַדיציע. ס'איז שוין דאָ אַ באַנייט ייִדנטום, וואָס איז אין זיך קולט אי ראָמאַנטיק, אי לעבעדיקן טאָגטעגלעכן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלן קיום און נאַציאָנאַלער קולטור. די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען (סאָציאַליזם, ציוניזם) שטרענגען אָן די כּוחות בייצוקומען די געזעלשאַפט־לעכע אַפּאַטיע, פאַרשטאַרקן די שוצפּעזקייט פון פאָלק קעגן פּאָגראָמען און גייסטיקער פּוסטקייט. ס'לעבן און ווירקן ביאַליקס „און אַ פּויסט ווו איז?" (פון „שחיטה־שטאָט"), און די דעמאָלט נייע נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישע לידער פון מאָריס ראָזענפעלד. דאָס ראָמאַנטישע „שטעטל" פון שלום אַש מיט זיין „שלמה נגיד" און דאָס רעאַליסטישע ווייסענבערגס „שטעטל", אין וועלכן ס'הערט זיך דער רוף צו געווער. נאָך פּרצעס „באַנציע שווייג" קומט דער בונטאַרישער רבי פון „די גאָלדענע קייט", נאָך דעם דעמאַסקירנדיקן „שטריי־מל" — דאָס דערהויבענע „חסידיש".

די בענקשאַפט צו דער פאַרלאָזענער גייסטיקער נעסט פון אַלטער ייִדיש־קייט פירט צוריק צו ביאַליקס „על סף בית המדרש". קומט אָן אַלטער משׂכּיל זוכן זיין פאַרפאַלענע יוגנט צוריק אַהער, ווו ער האָט אַ מאָל געקלאָגט מיט אַברהם רייזענס גמרא־ניגון: „אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזל. / ווי אַ ליכטל שוואַך און טונקל, / ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין / אין דער שטיל אין מזרח־ווינקל"... ברענט נאָך אין משׂכּילס האַרץ דאָס ליכטל, ווען ער איז זיך מתוודה פאַר ביאַליקס בית־מדרש־ווענט: „ואני יתום נדח עולל טפוחיכם, / אמלל בוש ומנצח שב שנית אליכם..." („און איך אייער געפעסטעט קינד אַ יתום, פאַרטריבן, קום צוריק צו אייך אומגליקלעך, פאַרשעמט און באַזיגט"). זוכט ער דאָרטן פאַר זיך די ייִדישקייט־קוואַלן, דערפילט ער: „כּי רק זיק מצל הוא, רק ניצוץ פליטה קטן, / אשר בנם התמלט מן האש הגדולה / האירו אבותיך על מזבחם תמיד..." (ביאַליק, „אם יש את נפשך לדעת"). („דאָס איז ער, מיט אַ נס געראַטעוועטער, קליינער פונקען־שפּליטער פון דעם גרויסן פייער, וואָס עס האָבן געצונדן דיינע טאַטעס...").

אָבער אַ ליכטל איז צו שוואַך אויסצוהאַלטן דעם שטורעמווינט פון דער צייט, און אַ פונק וואַרעמט נישט! צי וועלן העלפן נתן בירנבוימס „ייִדיש ייִדישקייט" און מאַרטין בובערס יהדות?

מענדעלע מוכר ספרים האָט באַגלייט דאָס שטעטל אין שטאָט, האָט מיטגעמאַכט דעם גאַנצן השׂכּלה־וועג פון פאָלק און צום פאָלק.

פון זיין ערשטער ביז זיין לעצטער „קליאַטשע" — כמעט פערציק יאָר — איז ער געגאַנגען פוסטריט מיט זיין צייט.

דער פּאָעט דוד איינהאָרן, וועמען מענדעלע האָט דיקטירט פונעם העברעישן טעקסט זיין דריטן יידישן וואַריאַנט פון „די קליאַטשע", דער־ציילט: „זיצנדיק און איבעראַרבעטנדיק „די קליאַטשע", פלעג איך באַמערקן אַ וווּנדערבאַרע דערשיינונג: יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אין פּרי־ערדיקן טעקסט באַגעגענען צו־שאַרפע ערטער קעגן די רבנים, ישיבות און לומדי־תּורה, פלעגט מענדעלע מיט אַ גרינג האַרץ נעמען אַ רויטן בליישטיפט און שטיל, אָן אַ וואָרט אויסמעקן די פראַזע אָדער ענדערן דעם סטיל... אַ שטימונג איז ביי אים אַן אַנדערע".[6] אָן ספק, אַז דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער קער צו ראָמאַנטיק. מענדעלע האָט אויסגעשטראָכן פון די פּרי־ערדיקע וואַר־יאַנטן אַזעלכע שטעלן, וועלכע האָבן געשמעקט מיט פלאַכער משׂכּילישער אַפּיקורסות, ווי למשל דער עפּיזאָד, ווי מע נאַרט אויס ביים עולם געלט אויף אייל פאַרן לעמפּל, וואָס מען האָט אָנגעצונדן ווי אַ נר תּמיד אויפן קבר פון אַ גרויסן למדן, וואָס ליגט פון הונדערטער יאָרן באַגראָבן ערגעץ אין אַ שטעטל ביים דניעסטער.

שלמה המלכּס גענעראַל ראַהיראַט פירט אַריין ישׂראַליקן אין ראָמאַנטישן עבר פון געוועזענעם פּרינץ...[7]

די פּרימיטיווע וווּלגאַרע שיטה פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשונג האָט באַטראַכט יעדן קער צו נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק ווי אַ קער צו רעאַקציע. מיר זעען דאָ פאַרקערט — אין צייטן פון רעאַקציע און דע־פּרעסיע ווירקט די נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק קעגן דער אַפּאַטיע און אַקטיוויזירט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

גלייכהייט און גלייכבאַרעכטיקונג

ווען מענדעלע האָט געאַרבעט איבערן דריטן וואַריאַנט, האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט אַרום די וואַלן צו

דער ערשטער און צווייטער דומע. אויפן ערשטן אָרט איז געשטאַנען די פֿאָדערונג פֿון ייִדישער גלייכבאַרעכטיקונג. מענדעלע באַגרינדט די דאָזיקע פֿאָדערונג מיטן אָביעקטיוון געזעץ.

דורכן אַשמדאַי דערקלערט מענדעלע: „אין דער גאַנצער נאַטור הערשן נאָר געזעצן, וואָס גילטן תּמיד פֿאַר אַלעמען גלייך... אַלצדינג רירט און באַוועגט זיך דורך אייביקע גערעכטע געזעצן... איר, גוטע מענטשעלעך, ווילט עס אָבער נישט ליידן. ביי אייך ווילט איר נישט וויסן פֿון „פֿאַראַנד־קעס"... („אַל תּפֿתּח פּה לשׂטן"). דאָס איז ענלעך צום געדאַנק פֿון זשאַן זשאַק רוסאָ וועגן גלייכהייט אַלס נאַטירלעכער צושטאַנד פֿון מענטשן און אומגלייכהייט, וואָס עס שאַפֿט די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט.

צו זיין דריטן „קליאַטשע"־וואַריאַנט האָט שוין מענדעלע געהאַט אין רוסיש רוסאָס „רעדע וועגן דער אומגלייכהייט צווישן מענטשן" און די פּאָפּולאַריזאַציע פֿון דעם געדאַנק דורך וויעראַ זאַסוליטש (1898). עס מוז נישט אומבאַדינגט זיין השפּעה, געדאַנקען קענען צוזאַמענפֿאַלן.

צווישן די געזעצן, וואָס גילטן פֿאַר אַלעמען גלייך, הערשט „איין געזעץ פֿאַר אַלע באַשעפֿענישן, פֿאַר אַלע מענטשן גלייך... וואָס אַלע ווילן עסן... איטלעכער וויל צו דערהאַלטן זיין לעבן."

דער אַשמדאַי (מענדעלע) דערקלערט די אומנאַרמאַלקייט פֿון ייִדישן לעבן, נויט און דחקות — אַלץ נעמט זיך פֿון די לעבנס־באַדינגונגען אין צונויפֿגעפּרעסטן ייִדישן תּחום־המושב, וועלכער איז אָנגעוויזן אויפֿן „אינער־לעכן" מאַרק. מען איז זיך מפּרנס איינער פֿון צווייטן... מען עסט און פֿאַר־דאַרבט איינע די צווייטע... נאָר ווען מען זאָל לאָזן לעבן לייטן גלייך פֿריי, לאָז מען נאָר פֿאַר אייך עפֿענען אַ וועלט, און איר וועט אויסגעלייזט ווערן פֿון אַלע צרות"... („אַל תּפֿתּח פּה לשׂטן").

דער אידעאַל איז גלייכבאַרעכטיקונג, אָפּשאַפֿן דעם תּחום־המושב, עפֿע־נען פֿאַר ייִדן דעם אויסערלעכן מאַרק.

עס איז ווידערשפּרעכלעך ביים צעשטערער, דעם אַשמדאַי, די רייד וועגן „אייביקע גערעכטע געזעצן", „פֿאַראַנדקעס", „אויסגעלייזט ווערן פֿון אַלע צרות". דאָ רעדט פֿון אים אַרויס מענדעלע דער „בונה", באַלד אָבער קומט די רעפּליקע פֿונעם אַשמדאַי — דעם „סותר": „נאָר כּל זמן איך, אַשמדאַי,

בין נאָך דאָ, וועל איך אַזעלכעס נישט דערלאָזן...״ עס בלייבט איבערן פאָלק העגנגען די פראַגע וועגן זיין גורל.

נישט נאָר אין צוזאַמענגעפּרעסטן „תּחום המושב״, נאָר אויך אין די הויפּשטעט, ווו די דיפּלאָמירטע ייִדישע אינטעליגענץ מעג וווינען, אין די הויפּשטעט, ווו ס׳קאָכט זיך די רעוואָלוציע, פילט די ייִדישע אינטעליגענץ אויך איר מינדערווערטיקייט כּלפּי דער אַלגעמיינער, דאָמינירנדיקער. די ייִדישע אינטעליגענץ, ווי די ייִדישע אַרבעטער־מאַסע, איז נישט קיין דעצי־דירנדיקער פאַקטאָר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. די ייִדישע אינטע־ליגענץ איז, ווי דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, באַדנלאָז; ישׂראליק, אויף די שפּיץ פינגער פונעם אַשמדאַי, „שטייט אויף משקולת, נישט אַהין, נישט אַהער. פון מינדסטן בלאָז קען ער פאַרשליידערט ווערן העט, העט, ווערן אַ קדוש״.

ווען דער אַשמדאַי פרעגט ישׂראליקן: „נו, וווהין ווילסטו זאָל איך דיך אַראָפּלאָזן? רוף מיר אָן דאָס אָרט, ווו דו ווילנסט, מען האָט דאָך דיך געפונען הענגענדיק אין דער לופטן?״ קערט זיך אום ישׂראליק „מיט אַ בייזער געמיט אין מזרח־זייט...״ און הייסע טרערן טריפן אים פון די אויגן. דער אַשמדאַי (מענדעלע) זאָגט: „דיינע געדאַנקען, ישׂראל, ווייס איך. דיין אומקערן זיך מיטן פּנים ווייענדיק אין מזרח־זייט פאַרשטיי איך אויך, וואָס דאָס באַטייט — פאַרלאַנגען פאַרלאַנגסט דו גאָר אַ גרויסע זאַך, נאָר דיין אומגליק, ישׂראל, וואָס דו ביסט נישט פּראַקטיש, ישׂראל, נאָר אַ פאַנטאַזיאָר...״ ער זעט דעם אומגליק אין דער „שׂנאה און קריג און מחלוקת... דרשנען אַ סך דרשות און טוען טוען זיי גאָרנישט; אָט די מיאוסע מידה לאָזט זיי נישט פאַראייניקן זיך צו אַ בשותּפותדיקער אַרבעט לטובת דעם גאַנצן פאָלק״. („ווי אַזוי מען טאַנצט פאַר דעם אַשמדאַי״).

דאָ איז אַ פּרינציפּיעלע אָנערקענונג פונעם ציוניזם...

1 מענדעלע און זיין צייט. מאָסקווע, פאַרלאַג עמעס, 1940.

2 לעניו, פולע זאַמלונג פון די ווערק, 5טע אויפלאַגע ב׳ 24, זז׳ 122–123.

3 צוקונפט, 1918, נומ׳ 1, ז׳ 25.

4 איך האַלט זיך נישט פאַר קאָמפּעטענט און האָב נישט געהאַט בדעה צו דיסקו־טירן מיט יוסף קלויזנר וועגן זיין „ישו הנוצרי״ אָדער „יהדות ואנושיות״. איך האָב נאָר געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז דאָס ייִדישע פאָלק, ווי אַלע פעלקער,

ווי די גאַנצע מענטשהייט, דאַרף נישט באַרעכטיקן זיין עקזיסטענץ מיט זיינער אַ באַזונדערער מיסיע.
גוט האָט געזאָגט לעאָן כאַזאַנאָוויטש: „האָבנדיק אין דער וועלט־לאַבאָראַטאָריע זיין באַשטימטן פּלאַץ אין דער שאַפונג פון ברויט און גליק פאַר זיך און דער גאַנצער מענטשהייט, וועט דאָס יידישע פאָלק קענען שטאָלץ און פריי אויפהייבן דעם קאָפּ און זאָגן: „איך בין ווייל איך בין.״ (כתריאל [לעאָן כאַזאַנאָוויטש], **די יוגנט שטימע**, ווילנע, 1908, ז' 107).

5 באַהאַנדלט אויך אויבן, אין „וואַריאַנטן פון מענדעלעס „די קליאַטשע״.

6 ד. איינהאָרן, „מענדעלע ביי דער אַרבעט״, **זאַמלבוך מענדעלע מוכר ספרים — צום 75 יאָריקן יובילעום**. וואַרשע, 1910, ז' 45.

7 וועגן דעם זע אויך: „דער פאָלקלאָר אין מענדעלעס שאַפן״.

דער אַשמדאַי און ישׂראליק

די באַגעגעניש פון ישׂראליקן מיטן אַשמדאַי קומט פאָר נאָך דעם, ווי די קליאַטשע זאָגט זיך אָפּ פון ישׂראליקס צער בעלי־חיים און פון זיין בילדונג און ווערט ביי אים שטאַרק אָפּגערופן: „אַ פאַרפאַלענע אויף אייביק". ער וויל וואַרטן אַ ביסל, ביז ס'וועט „רעכט טאָג ווערן", דענסטמאָל וועט ער „פון איר אַנטלויפן, וווהין די אויגן טראָגן, אַפילו פאַרגעסן דעם „זיי געזונט" און מיט איר זיך נישט געזעגענען, לאָז זי זיך טאָן, וואָס זי וויל. מיר געהערן זיך מער כּלל וכלל נישט אָן". („קיין טאַנץ גייט נישט פאָר קיין עסן").

די פראַזן „רעכט טאָג ווערן", „מיר געהערן זיך מער כּלל וכלל נישט אָן" זענען אין טעקסט אויסגעשיילט מיט צעזייטער שריפט. „רעכט טאָג ווערן" באַטייט רעוואָלוציע, ווי „קרייען אויף טאָג" מיינט „רופן צו רעוואָלוציע".

די ישׂראליקס וואַרטן אויף אַ רעוואָלוציע — וועלן זיי פאַרגעסן זייער פאָלק; די קליאַטשע פאַרשטייט דאָס. זי גלייבט נישט ישׂראליקס היציקע רייד; זי זאָגט אים: „אַצינד ביסט דו יונג, הייס ווי פייער, שפּעטער אַ ביסל וועסט דו זיך אָפּקילן, וועסט מיך פאַרגעסן און גאַנץ רויִק שלאָפן — וואָס וועט דיך אָנגיין אַזאַ בידנע שקאַפּע".

די ווערטער זענען געוועזן נאָך אין די ערשטע צוויי וואַריאַנטן (1873, 1889). נאָך אין דער רעצענזיע פון שלום־עליכם, אין יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק, רעדט זיך וועגן ישׂראליקן מיט אומצוטרוי: „ווען עס וואָלט געלונגען ישׂראליקן קריגן אַ דיפּלאָם, ער וואָלט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף דער בידנער קליאַטשע, ווי אַ סך אַזעלכע, וואָס ווערן גאָר איבערגעביטן, ווען זיי דערטאַפּן נאָר אַ שטיקל דיפּלאָם".[1]

אפשר האָט טאַקע ישׂראליק געוואָרט אויף דעם „שטיקל דיפּלאָם", ווען עס וועט „רעכט טאָג ווערן" ?...

די באַציִונגען צווישן אַשמדאַי און ישׂראליקן זענען דער היפּוך פון די באַציִונגען צווישן דער קליאַטשע און ישׂראליקן.

די קליאַטשע איז דער אָביעקט און ישׂראליק דער סוביעקט; דער אַשמדאַי, פאַרקערט, איז דער סוביעקט און ישׂראליק דער אָביעקט. באַלד ביים ערשטן בליק אויפן אַשמדאַי דערפילט זיך ישׂראליק „ווי אַ מויז קוקט אָן די קאַץ, וואָס שפּילט זיך מיט איר איידער זי דערשטיקט זי און שלינגט זי איין".

דער אַשמדאַי שטעלט זיך פאָר: „איך בין דער, וואָס האָט געעפנט אַ וועג אין אַ נייער וועלט אַריין, כּדי די אַלטע זאָל ווערן תּמיד ניי... איך בין דער, וואָס מיט מיין קראַפט שטיי איך תּמיד ברייט אָקעגן נאָך אַ קראַפט פון מיין ווידער־פּאַרטיי. מיר ראַנגלען זיך, איינער וויל דעם אַנדערן איינ־שלינגען און דורך דעם שפּרינגט אין דער וועלט אַרויס נייעס. עס ווערט נולד אַלצדינג; איך בין דער, וואָס איך בין איידער דער גאָרנישט איז מיר פון דער העלער הויט שיינענדיק אַרויסגעשפּרונגען. ער ווערט באַלד אַ גאַנצער יש, ווייל דעם אַלטן פאָטער זיינעם פון דער וועלט טרייבן. מיר גייען כּסדר איינער דעם אַנדערן נאָך פוסטריט. און וואָס אַ טריט — ווערט און וואַקסט די צייט, — איך בין דער שׂר פונעם פינצטערניש, דער מלך פון די רוחות, איך בין דער שׂטן, דער אַשמדאַי". („אַל תּפתּח פּה לשׂטן").

דאָ איז מענדעלע מגלה פאַרן פּשוטן פאָלק די סתרי־תּורה פון מעשׂה־בראשית. מעשׂה מרכּבה. די פילאָסאָפיע פון ספר־יצירה וועגן „יש מאין", „אפס" (גאָרנישט) און „אין סוף" („ווערט און וואַקסט"). ער טייטשט איין אַ האַרבן בלעטל „מורה נבוכי הזמן"[2] וועגן „אחדות ההיות והאין" (איינהייט פון זיין און גאָרנישט) און „שלילת השלילה" (נעגירונג פון נעגירונג), אויף וועלכן עס האַלט זיך דער וועלטס קיום.

דעם געדאַנק דריקט אויס מענדעלע ווייטער מיט ישׂראליקס ווערטער: „יענער ציט צו זיך און דו שטויסט אָפּ; יענער האַלט צוזאַמען, דו צעשיידסט; וואָס יענער בויט, צעשטערסט דו, און דאָס, וואָס דו צעשטערסט, בויט יענער

אויף צוריק. יענער, אַזוי הייסט עס, איז דער בורא, דער באַשאַפער און דו, אַשמדאַי, דער פּאַרטיליקער, דער צעשטערער. אויף דעם שטייט די וועלט מיט אַלע באַשעפענישן, אויף דעם אופן זעט מען, פּילט מען תּמיד אין איר אַ ניי לעבן. עס טוט זיך און באַוועגט זיך. ויהי ערב ויהי בוקר. ס׳איז דאָ טאָג און נאַכט, אָרט און צייט". („אַל תּפתּח פּה לשׂטן").

אַ ביסל אַנדערש נאָר אין זעלביקן זין דערקלערט מעפיסטאָפעל דעם דאָקטאָר פאַוסט אויף זיין פראַגע, ווער ער איז: „אַ טייל פון יענער קראַפט, וואָס וויל תּמיד דאָס בייזע און שאַפט תּמיד דאָס גוטע... איך דער גייסט, וואָס פאַרניינט תּמיד... דאָס, וואָס איר רופט אַן זינד, צעשטערונג — בקיצור דאָס בייז — דאָס איז מיין אייגנטלעכע סטיכיע... איך בין דער טייל פון דעם טייל, וואָס איז פון אָנפאַנג געווען אַלץ. אַ טייל פון דער פינצטערניש, וואָס האָט דאָס ליכט געבוירן..."[3]

פאַר מענדעלען איז דאָס נישט געווען בלויז אַ פראַגע פון אַבסטראַקטער פילאָסאָפיע. ער האָט געזוכט אין דעם צו געפינען דעם יסוד פון מענטשנס טבע פון זיין פּסיכאָלאָגיע און דענקען. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם זין אַ פאַקט, וואָס עס דערציילט אַלכּסנדר בינשטאָק, דער זון פון לייב בינשטאָק. אין 1891 אין אָדעס, אויף דער דאַטשע פון מענדעלעס פריינד מנשה מרגלית, האָט מענדעלע דערציילט אין משך פון עטלעכע שעה דעם ראָמאַן פון אַן ענגלישן שרייבער, אַ ראָמאַן, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם (בינשטאָק האָט פאַרגעסן דעם נאָמען פון מחבר און פון ווערק). דאָס איז געווען אַ ראָמאַן וועגן אַ באַרימטן געלערנטן, כעמיקער אָדער דאָקטאָר, וואָס האָט געפונען אַ מיטל צו איבעראַנדערשן זיין פּערזענלעכקייט. אַ מענטש, וואָס האָט אימפּאָנירט מיט זיין אויסזען, מיט אַן אויסגעצייכנטער רעפּוטאַציע, האָט ער איינגענומען עטלעכע טראָפּנס אָדער געמאַכט זיך אַן איינשפּריצונג און איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ העסלעך פאַרזעעניש און ער באַגייט מיאוסע פאַרברעכנס. דער דערפינדער קען נישט געפינען קיין מיטל, ווי זיך צו פאַרוואַנדלען צוריק פון אַ פאַרברעכער אין אַ בכבודיקן פּראָפעסאָר. בינשטאָק גיט צו: „די איינצלנע מאָמענטן אין דער שילדערונג האָבן באַקומען אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן זין. דאָס ווערק אין גאַנצן גענומען — מענדעלע האָט אונדז אין דעם פולקאָם איבערצייגט — רעדט אין אַן אַלעגאָרישער פאָרם

וועגן דעם דואַליזם פון דער מענטשלעכער נאַטור און איז דורכגעדרונגען מיטן זעלביקן פילאָסאָפישן געדאַנק, וואָס געטעס „פאַוסט" און לערמאָנטאָווס „דעמאָן".[4]

מענדעלע האָט וועגן דעם דואַליזם געוווּסט פון די אַלטע מוסר־ספרים, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט דאָס מענטשלעכע האַרץ ווי אַ שלאַכטפעלד צווישן יצר־טוב און יצר־הרע. ער האָט וועגן דעם געלערנט ביים לעבן פונעם כלל און פונעם פרט. זיין גאַנץ שאַפן איז געווען געווידמעט דער געזעלשאַפט־לעכער מאָראַל, אין וועלכער ס'ווירקט דער יחיד. זיין סאַטירע האָט אויפ־געדעקט דאָס שלעכטס און דערמיט געפירט צום גוטס. זיינע העלדן האָבן איין בחינה: „בין פרט וכלל, בין אָדם לחברו". זענען זיי פסיכאָלאָגיש נישט קאָמפּליצירט, פירן נישט אינערלעך אין זיך קיין געראַנגל פון קעגנזעצלעכע געדאַנקען און געפילן; זענען זיינע העלדן אָדער דורכויס נעגאַטיוו, אָדער דורכויס פּאָזיטיוו, כאָטש מענדעלע אַליין איז געווען סתירותדיק — אַ „ניין" מיט אַ „יאָ" צוזאַמען...

אַזאַ איז געווען די ליטעראַטור, די בעלעטריסטיק פון די נאַראָדניקעס אין רוסלאַנד, וואָס האָט געמאָלן נישט קיין אינדיווידועלע כאַראַקטערן, נישט סתם אַ מענטש נאָר דעם טרעגער פון אַן אידעע. נישט קיין פסיכאָלאָ־גישע איבערלעבענישן פונעם יחיד אין זיך גופא — ביי זיי איז געווען בולט די אידעע און מטושטש דער מענטש. דעם זעלבן כאַראַקטער־שטריך קען מען אויך זען אין דער שאַפונג פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. ווען זיין יודושקאָ גאָלאָוולאָוו זאָל שרייבן אַ ווידוי, וואָלט ער געווען אין תוך דער זעלביקער, ווי מענדעלעס יצחק אַברהם תקיף, ווען סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס „קאָניאַגאַ" וואָלט זיין אַ פאַרכישופטער פרינץ, וואָלט זי געוואָרן מענדעלעס „קליאַטשע".

אויף אַ הויכן גאַנג

„די קליאַטשע" איז געשריבן אויף אַ הויכן גאַנג, אויף דעם גאַנג, ווי די אַלטע האָבן געשריבן. איטלעכער וועט זי פאַרשטיין כפי זיין פאַרשטאַנד און זיין מדרגה. פאַר מענטשעלעך פון אַ קליינער מדרגה וועט זי זיין פשוט אַ וווּנדערשיינע מעשה. זיי וועט גלאַט געפעלן ווערן דער פשוטער פשט. די דאָזיקע אָבער פון אַ גרעסערער מדרגה וועלן שוין אין איר געפינען

עפּעס אַ ווונק, אַ רמז אַקעגן אונדז, זינדיקע מענטשן". (פון דער הקדמה).

די אַלעגאָרישע סאַטירע מיט אַ צייט־ און אָרט־געמעסט פון יאָרטויזנטער אין אַ גרויסער וועלט באַגרענעצט זיך נאַטירלעך נישט בלויז מיט דער „קליאַטשע"־אַלעגאָריע; שוועבן דאָ פאַרביי מיטישע, מיסטישע, פאַנטאַס־טישע, סימבאָלישע געשטאַלטן פון אַנטישן און שפּעטערדיקן פרעמדן און אייגענעם פאָלקלאָר; סעמיראַמידע, די קעניגן פון בבל, דער גריכישער גאָט זעוס, די בת־מלכה יאה, דער צענטאַוור כיראָן, די באַבאַ יאַהאַ און דער מכשף קאַשציי. פון אַלע טיילט זיך אויס דער אַשמדאַי מיט זיין „סטרא אחרא", וואָס פאַרברייטערט די פאַבול, באַרייכערט קינסטלעריש און איב־האַלטלעך דאָס ווערק און פירט צום פינאַל.

מיר באַגעגענען דעם אַשמדאַי אין געשטאַלט פון מעפיסטאָפעל אויך אין דער פּאָעמע „יודל", וואָס מענדעלע האָט געשריבן נאָך דער „קליאַטשע".

חנא שמערוק איז אַבסאָלוט גערעכט, ווען ער שרייבט: „יודל" איז פּאַקטיש אַ המשך פון דער „קליאַטשע", לאָגיש אויסגעפירט פון איר קאָנ־צעפּציע.[5] מיר באַרירן דאָ נישט דעם גאַנצן קנויל געדאַנקען און געשעענישן, וואָס וויקלען זיך פונאַנדער אין „די קליאַטשע" און אין „יודל" אין איין ריכטונג. מיר גיבן בלויז דעם פאַרגלייך פון ישׂראליקס אַשמדאַי און יודלס מעפיסטאָפעל.

ישׂראליק האָט דערזען דעם אַשמדאַי: „עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פאַרשוין פון אַ ווילד אויסזען מיט שטאַרק צעשויבערטע האָר, אין אַ רויט מיצל, אַרומגעשטעלט מיט פעדערן פון אַלע מיני עופות". (אַל תפתח פה לשׂטן"). כמעט אַזוי איז געשילדערט מעפיסטאָפעל אין ערשטן נוסח „יודל": „עפּעס משונה־ווילד איז געוועזן זיין גאַנג / זיינע האָר נישט אויסגעקעמטע שרעק־לעך לאַנג / אויף דעם קאָפּ געטראָגן עפּעס אַ מין מיץ / און אין אַ העמד איז ער געגאַנגען פון ציטץ" (פּרק י"ח).

זיין „הילוך" איז דאָ נישט ווי ביי „פאַוסט". דאָרט קומט ער אַן עלע־גאַנטער, אין אַ מאַנטיע. פון יודלען מאַכט מעפיסטאָפעל נישט אַזאַ צימעס. ישׂראליקן זאָגט דער אַשמדאַי אויך גאָרנישט צו, ווי עס ווערט צוגעזאָגט דעם דאָקטאָר פאַוסט. די צייט — אַן אַנדערע, גרינג צו כאַפּן נשמות. עס איז אין דער מאָדע „מעפיסטאָפעליזמוס"... „אַ מאָל האָט מען געדענקט, אַליין

געפּאַרשט מער, / דעריבער איז אײַנרעדן יענעם געווען שווער. / עס איז מיר אַרויסגעקראָכן די אויגן, / ביז איך האָב אַ חכם צו מיר צוגעצויגן." (ערשטער נוסח, פּרק י"ח). „פריער האָט מען אַלץ אַליין געדענקט / און געזען נישט מיט יענעמס אויגן, / האָב איך מיך געמאַטערט און געקרענקט / ביז איך האָב אַ חכם צוגעצויגן". (צווייטער נוסח, פּרק י"ח). אין ביידע נוסחאות איז דער „חכם" אַ רמז אויף פּאָוסט.

אין ביידע נוסחאות לאָזט זיך מעפּיסטאָפעל באַקענען מיט יודלען, ווי זײַן אַלטער רבי. יודל קען אים נאָך פון יענער צייט, ווען מען האָט אים, יודלען, גערופן ישׂראליק. מעפּיסטאָפעל קומט צו יודלען ווי דער יצר הרע, ער רעדט אים אײַן: „האַלט זיך נישט אָפּגעזונדערט, לעב אין דער וועלט / לעב גלייך ווי אַלע מענטשן אָן אונטערשיד, / הער נישט דײַנע קלויזניקעס און דײַן ווײַבס רייד /... איין רפואה איז, ווי איך הייס מעפּיסטאָפעל, / קריך אַרויס פון אונטער דײַן ווײַבס פאַנטאָפל". דאָס הייסט זיך צעמישן און וואַרפן די תורה.

אין צווייטן נוסח איז נישטאָ קיין דירעקטער רוף צו יודלען, ער זאָל ווידערשפּעניקן זײַן ווײַב. אָבער דאָס זעלביקע, ווי אין ערשטן נוסח, זאָגט מעפּיסטאָפעל: „האָסט טויזנט מאָל געהערט פון מיר / און אויך הערן וועסט דו אַצינדערט, / אַז די אַלע צרות האָסט דו / פאַר דײַן האַלטן זיך נאָר אָפּגעזונדערט".

אָבער אין ביידע נוסחאות אָנערקענט מעפּיסטאָפעל זײַן קאַפּיטולאַציע. ער ווענדט זיך צו זײַנע באַגלייטער די רוחות: „אומזיסט אײַערע אַלע זאַכן / איז זי לעבן אים, וועט איר גאָרנישט מאַכן" (ערשטער נוסח). „זי, דאָס ווײַב, אַז נעבן אים איז דאָ, / וועט איר שוין, נאַראָנים, גאָרנישט מאַכן!..." (צווייטער נוסח).

סיי ישׂראליק, סיי יודל זענען שלעכטע תּלמידים ביים אַשמדאַי — מעפּיסטאָפעל, פאָלגן נישט זייער רבין. ישׂראליק וויל נישט שווערן דעם אַשמדאַי. אים האַלט אָפּ די קליאַטשע (דאָס פאָלק): זי האָט „עפּעס אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, גלייך ווי זי וואָלט דערמיט געזאָגט: יהודי בלא! האַלט זיך טאַקע, יהודי, אַלץ אייערס לא, לא ולא" (לעצטער נוסח „קליאַטשע"). יודלען האָבן געקרעפּטיקט דעם ווײַבס טראָפּנס (די תורה). די „קליאַטשע"

און „יודל" באַטייטן צוזאַמען „ישראל ואוריתא חד הוא" — ביידע שטעלן אַ ווידערשטאַנד, ווירקן קעגן דער אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלן ניהיליזם.

מענדעלע מוז רעדן פאַרשטעלט, נישט אַרויסצוזאָגן גלייך, וואָס ער טראַכט, ער מוז טראַכטן, ווי אַזוי און וואָס צו זאָגן צו פאַרהיטן זיך פון צענזאָרס „בייז אויג", און דער וואָס דאַרף זאָל דאָס פאַרשטיין ווי מען דאַרף.

דער „הויכער גאַנג", וועגן וועלכן מענדעלע רעדט אין דער הקדמה, דאָס איז דער אָנגענומענער „פרדס" (פשט, רמז, דרוש, סוד), ווי יידן לומדים האָבן אַ מאָל געלערנט אַ פסוק אין דער תורה.

דער „פרדס" פּאַלט צוזאַמען מיטן גאַנצן עזאָפּישן סטיל פון דער „קליאַטשע"־אַלעגאָריע.

צום דריטן וואַריאַנט פון „די קליאַטשע" האָט מענדעלע צוגעגעבן אַכט קאַפּיטלעך. פיר פון זיי שילדערן ישראליקן מיטן אַשמדאַי. דאָס באַווייזט, אויף וויפל דער אַשמדאַי האָט געגעבן מענדעלען די מעגלעכקייט פון עזאָפּישער סימבאָליק.

די נייע צייט־געשעענישן זענען אַריין אי אין די אַלטע, אי אין די נייע קאַפּיטלעך. אַ נייע שטעלע אָדער פראַזע, אַרייַנגעפלאָכטן צווישן אַלטע געשעענישן, איז געוועזן אומבאַמערקט און אָפּגעהיט פון אַ בייז אויג. על פּי רוב איז דאָס אַלטע געגעבן אַלס היסטאָרישער באַגאַזש (ווי קאַראָבקע־געלט, טאַקסע, פּריִע חתונות).

ס'זענען פאַראַן שטעלן, וועלכע האָבן געקענט דעמאָלט באַטראַכט ווערן אי ווי אין עבר אי ווי אין הווה. די נייע געשעענישן האָט מענדעלע באַטראַכט קהלתדיק, „אין כּל חדש תחת השמש". געזוכט און געפונען היסטאָרישע פּאַראַלעלן און אַזוי אַרום געשאַפן די קינסטלערישע פּאַראַלגעמיינערונג אין פאַרנעם פון דורות און צייטן.

נאָכן פּאָעטיש־רירנדיקן בילד מיטן „הימלישן חיל, כּאָרן מלאכים" מיט זייער „הללויה", וואָס „צעגייט זיך אויף אַ געטלעכער סטרונע איבער דער גאַנצער וועלט", נאָך דער „זיסער פיין שטילער מעלאָדיע" — דעם אַשמדאַיס „„קולאַק אין דער הויך" קעגן דעם „גרויסן פּריץ", וואָס „האָט ליב חניפה", קעגן די „חונפים, באַסיאַקעס, אונטערלעקערס, משרתים, קנעכט אָן אַ פּיצל אייגענעם ווילן..." (וואָס אַ אַשמדאַי קען").

דער דאַזיקער אַנטימאָנאַרכיסטישער אַרויסטריט מענדעלעס שוין אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נאָך דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע, קען זיין געווענדט נישט נאָר קעגן די חונפים פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

ירמיהו פרענקעל דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בלויז דעם לויבגעזאַנג פון אָדם הכהן.[6] עס קען דאָ דערמאָנט ווערן אויך א. גאָטלאָבער[7] מיט זיינע לויבלידער פאַר די רוסישע קיסרים. דער מחבר פון דעם אַרטיקל האָט געזען אין כתב־יד, געשריבן פון אברהם גאָטלאָבער, זיין לויבליד דעם צאַר, מיט אַ בקשה צו „לייגן דאָס צו די פיס פון זיין מאַיעסטעט״.

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז מענדעלע האָט געוואָרפן דעם שטיין בלויז צו די „יורדי דומה״. עס איז דעמאָלט געטראָפן געוואָרן אַ סך אַ ברייטערער קרייז פון שתדלנים און עסקנים, ווי די שפּעטערדיקע נאַטאַנזאָן, דיקשטיין. ס׳האָט זיך געהערט געגוג חניפה פאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן. אַגב, האָט שאַליאַפּין געזונגען אויף די קני „באָזשע צאַריאַ כראַני״, פאַרפאַסט פון פּושקינס רבי, זשוקאָווסקי.

דאָס בילד, וואָס מענדעלע האָט געשילדערט מיט גרויסן קינסטלערישן אימפּעט און אומרו וועגן דער שלאַכט, וואָס דער אַשמדאַי פירט אויף דער גרענעץ פון ליכט־ווירקלעכקייט און חושך־גאָרנישט אַרויסצולאָזן די תוהו ובוהו־פינצטערניש און פאַרפינצטערן די וועלט — דאָס קען זיין דאָס פאַראַלגעמיינערטע (אין צייט) צאַרישע רוסלאַנד, דער זשאַנדאַרם פון אייראָפּע און פונעם אייגענעם לאַנד; דאָס קען זיין נישט נאָר די דערשטיקטע פרייהייטס־באַוועגונג פון 1848 אין אונגאַרן אַ מאָל „ווייט, ווייט, ערגעץ העט עק וועלט״, נאָר אויך די דערשטיקטע באַריקאַדן אין מאָסקווע 1905.

אַגב, דער דורכדרינגלעכער לעזער וועט דאָ באַמערקן, אַז דער אַשמדאַי איז אין ערשטן בילד אַ „בונטאָוושטשיק״ קעגן צאַר און אין צווייטן בילד איז ער דער צאַר אַליין... אַ טייוול קען בייטן זיין געשטאַלט, ווען מענדעלע דאַרף דאָס...

דער שדים־באַל („ווי אַזוי מען טאַנצט פאַרן אַשמדאַי״) אין פּאַלאַץ, מעבל פון פּימסן־האָלץ, „זילבערנע טישן געגרייט מיט גאָלדענע קרעדענצן און אַלערליי כלים פון קריסטאָל״, בת־מלכּהס באַלאָווע געקליידט (צאַרישער פּאַלאַץ מיט די הויפדאַמען), דער אַשמדאַי (דאָ איז ער אויך דער צאַר) ווי

„אַן אַנגעמאָלטער גולם, גאָר נישט דאַכט זיך דער אַשמדאַי וואָס פריִער, נאָר אַ למך מישטיינס געזאָגט." דאָ קען דאָס זיין דער „גוטער" קיסר דער „באַפרייער", אַלעקסאַנדער דער צווייטער, און אויך ניקאָלאַי דער צווייטער בשעת זיין מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער 1905. די „שוואַרץ־חנעווודיקע קליפה" (די אַסימילאַציע) האָט שטענדיק געדייצט ישׂראליקן און געשלעפּט אים אין קאַדריל אַרום דעם אַשמדאַי מיט די „הינערשע פיס" (דעם נישט זיכערן צאַר).

אין סאַמע מיטן באַל־געליאַרעם, ווען ישׂראליק איז שטאַרק „פאַרפּלאָנטערט", גיט אים דער אַשמדאַי אַ בייג אַראָפּ דעם קאָפּ און ער דערהערט די „ווילדע שירה, פּלאַצן פון גלאָז און פלעשער, אַ ברעכן פון פעסער, אַ ביטער געוויין, אַ ברעכן די הענט, אַ קרעכצן פון טויזנטער געבראָכענע הערצער"... „נסכים פון בלוטיקע טרערן"... דאָס פאַלט צוזאַמען מיט דער אויבנגעבראַכטער פריִערדיקער שטעלע: „אַז ביי זיי אין גאַס איז אַ שׂמחה, איז אין מיין געסל אַ גוואַלד — בלוט, שׂרפות, פלאַם־פייער און רויך". (ישׂראליק באַקלערט די וועלט"). מיר זעען דאָ דעם בלוטיקן „צומאָרגנס" נאָך דער צאַרישער „קאָנסטיטוציע".

די אַלע זענען בילדער פון פאַרשידענע צייטן אין טיפּישן צאַרישן רוס־לאַנד — דאָס רוסלאַנד פון תּליות, קאַטאָרגע, קנעכטשאַפט און חניפה, רעאַקציע און מרידה, אַנטוישטער אַסימילאַציע און געגאַרטן שמד.

דער אַשמדאַי און רעוואָלוציע

מענדעלעס אַשמדאַי פירט ישׂראליקן דורכן לאַנגן וועג פון ניינצטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס איז מיט איר לאָזונג „פרייהייט, גלייכהייט, ברודערשאַפט" געקעפּט געוואָרן אויף גיליאָטינעס און אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות — האָט ווידער אויפגעלעבט אין רעוואָלוציעס, אויפשטאַנדן, נאַציאָנאַלע מלחמות איבער גאַנץ אייראָפּע. די אַלע געראַנגלען צווישן רעאַקציע און רעוואָלוציע ווירקן נישט אומעטום גלייך. „די וועלטן זענען אין דעם בייטן זיך פון טאָג מיט נאַכט פאַרשידן צווישן זיך. אין איין עק וועלט טאָגט וואָס ווייטער אַלץ העלער [דעמאָקראַטיע], און אין אַן אַנדער וועלט [צאַרישע רוסלאַנד]

אַקעגן איז שטאָקפינצטער. עס ווידמען זיך דאָרט מיני שלעק, שוויבלען און גריבלען די אַלע ווילדע נפשות, בייזע רוחות... ווילן צעשטערן אַלצדינג צו אַלדע שוואַרצע יאָר" („וואָס אַ אַשמדאַי קען").

אָבער די העלע וועלט ווערט פאַררויכערט דורכן „רויך פון ציוויליזאַציע".[8]

„עס רויכערן דאָרט גרויסע הויכע קוימענס... אַלערליי פאַבריקעס פון האַרמאַטן, ביקסן און כל מיני אַנדערע כלי־זיין אויף צו מאַכן דעם טויט" („וואָס אַ אַשמדאַי קען"). „פאַבריקעס צו דרוקן און פאַרשפּרייטן... ליגנס, רכילות, בילבולים, שנאה, קנאה"... דער דאָזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, רויכערט אויס פון דאָרט די געפילן, פאַרוואַנדלט אַלצדינג אין סחורה; ליבע, פריינדשאַפט, פרומקייט, גלויבן, צדקה און דאָס גלייכן — אויך סחורה"...

„ער, דער דאָזיקער רויך ,רויכערט ביסלעכווייז פון דאָרטן אויס אויך יענעם, וואָס איך טאָר זיין נאָמען נישט דערמאָנען". די קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע ווירקט קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט און איז עלול זי אונטערצוברענגען.

מענדעלע האָט באַלד פון אָנהייב רעוואָלוציע אָנגעשריבן אַן אויפרוף „צו מיינע ליבע יידן",[9] אין וועלכן ער באַגריסט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און טרעט אַרויס קעגן די באָלשעוויסטישע דתנס ואבירמס. ער האָט, ווי דער רוב יענע צייט, געהאָפט אויף ישועות ונחמות פאַר זיין „קליאַטשע", ווי פאַר אַלע קליאַטשעס. די יידן, ווי אַלע „אינאָראָדצעס" אין דעמאָקראַטישן רוסלאַנד, וועלן ווערן גלייכבאַרעכטיקט. ער האָט נישט דערלעבט. ער איז אַוועק פון דער וועלט כמעט צוזאַמען מיט דער רוסלענדישער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. אויף זיין קליאַטשע האָבן זיך געביטן די רייטער; אַן אַנדער ישׂראליק, אַ קאָמיסאַר, רייט אויף איר. ווען דער אַשמדאַי וואָלט איצט געמען אַזאַ ישׂראליק אויף אַ לופטרייזע, וואָלט ער אים געקענט באַווייזן אַ גרויסע האַלבע וועלט, ווו זיין קליאַטשע האָט געבלוטיקט און בלוטיקט עד היום הזה. וווּהין, אויף וועלכן שטיקל ערד וואָלט דער אַשמדאַי אַראָפּגעלאָזן דעם באַדנלאָזן יידישן קאָמיסאַר?

אויף איר מענדעלען האָט איצט געוואַרט אַן אַנדער „קליאַטשע", וואָס

איז קיין מאָל נישט געווען קיין פּרינץ, אָבער דאָך אַ פאַרכּישופטע פּון סטאַ־ליניסטישער בייטש און לעקעכל... אויף איר האָט זיך מרחם געווען דער רוסישער שרייבער בולגאַקאָוו...

דער ראָמאַן פון בולגאַקאָוו „דער מייסטער און מאַרגאַריטע" (אויף העברעיִש „השׂטן במוסקבה") איז געווען פאַרשלאָסן אין שרייבטיש פון מחבר פינף און צוואַנציק יאָר, איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט, צום גרויס וווּנדער, שוין ביי כרושטשאָווס באַרג־אַראָפּ און האָט פאַרכאַפּט די ברייטסטע מאַסע לייענער, וואָס האָט דערפילט אין דעם ווערק עפּעס אַ טעם פון ווידער־שפּעניקייט.

מיר וועלן זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט פּרטים פון בולגאַקאָווס ווערק. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אַלגעמייִנע שטריכן, וועלכע העלפן אַרויסהייבן די פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פון אַשמדאַי־שׂטן, ווי אַ ליטעראַרישער פּערסאָנאַזש אין דיביידע ווערק.

די שוואַרצע קונצנמאַכער, וועגן וועלכע ס׳רעדט מענדעלע אין קאַפּיטל „ברוך משנה הבריות", קומען אין מאָסקווע בראש מיטן שׂטן וואָלאַנד. ער קומט נישט אין רויטן מיצל מיט פעדערן, ווי ביי מענדעלען, ער קומט ווי אַן עלעגאַנטער אויסלענדישער ספּעציאַליסט פון שוואַרצער מאַגיע.

וואָלאַנד קומט אויף אַ מאָסקווער בולוואַר צו אַ באַנק, ווו ס׳פירן צווישן זיך אַ שמועס דער רעדאַקטאָר פון אַ דיקן זשורנאַל בערליאָז מיט זיין מיט־אַרבעטער דעם פּאָעט בעזדאָמני, וואָס האָט אָנגעשריבן פאַרן זשורנאַל אַן אַנטי־רעליגיעזע פּאָעמע וועגן ישו. דער רעדאַקטאָר וויל איבערצייגן דעם פּאָעט, אַז ס׳איז נישט וויכטיק, צי ישו איז געווען גוט אָדער שלעכט, וויכטיק איז אין זיין פּאָעמע צו באַווייזן, אַז ישו „לא היה ולא נברא"... דער שׂטן (וואָלאַנד) לאַכט אויס דעם אַטעיִזם פון בערליאָז, באַגרינדט די עקזיסטענץ פון גאָט און פון טייוול. אָן אַ גאָט וואָלט נישט געווען, ווער ס׳זאָל פירן דעם וועלט־סדר; דער מענטש איז שטערבלעך, ער קען שטאַרבן נישט נאָר מיט זיין נאַטירלעכן טויט, נאָר אויך פּלוצעם פון אַ קאַטאַסטראָפע און ער איז נישט זיכער מיטן היינטיקן טאָג, קען ער נישט פּלאַנירן דעם וועלט־סדר. ער זאָגט פאַר בערליאָזן, אַז נאָך היינט וועט מען אים אָפּשניידן דעם קאָפּ.

דער דורכדרינגלעכער לייענער וועט דאָ פאַרשטיין, אַז וואָלאַנד טרעט

אַרויס קעגן דעם סטאַלין־קולט — דעם מענטש־גאָט, ביי ווען ס׳איז מעגלעך צו פּלאַנירן מאָרד־קאַטאַסטראָפעס. קעגן דער קאַזיאַנשטשינע פון דעם רעדאַקטאָר און עם־הארצישער שרייבעריי פון בעזדאָמני ווערט שפּעטער אַנטקעגנגעשטעלט דעם מייסטערס ראָמאַן וועגן פּאָנטי פּילאַט און ישו. דער ראָמאַן ווערט געפּסלט. דער מחבר פון דעם ראָמאַן פאַרברענט זיין כּתב־יד און פאַלט אַריין אין אַ משוגעים־הויז (שוין דעמאָלט האָט אַ פּנים בולגאַקאָוו געוווּסט וועגן די אַנשטאַלטן צו היילן אידעיִשע קראַנקייטן).

די משוגעת פונעם מייסטער איז די זעלביקע ווי ביי ישראליקן דעם משוגענעם. ישו און די „קליאַטשע" זענען אידענטיש אין זייערע ליידן. די פאַרפאָלגטע און געיאָגטע קליאַטשע — דאָס איז ישראליקס „משוגעת", דער געקרייציקטער ישו — דאָס איז די משוגעת פון בולגאַקאָווס מייסטער. אין כּלומרשט צווייטן פּלאַן גייט ביי בולגאַקאָוון דער היסטאָרישער עקסקורס צו פּאָנטי פּילאַט. ווען מען לייענט די אויספאָרשונג און דעם פּסק־דין פון ישו ביי בולגאַקאָוון, דערקענט מען גלייך אין פּאָנטי פּילאַט די פּאַראַלגעמיינערטע ק.ג.ב., און אין ישו — דאָס אומגליקלעכע פאָלק פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי, מיט דער קנעכטישער אידעאָלאָגיע זיך נישט קעגנצושטעלן דעם שלעכטס...

וואָלאַנד טוט גוטס דעם מייסטער, ער זאָגט אים צו דאָס גליק — אַ געגנדזענע פעדער, אַ שרייבטיש באַלויכטן מיט ליכט, שובערטס מוזיק און זיין געליבטע מאַרגאַריטע. ער גיט זיי ביידן טרינקען פונעם סאָקראַטעס־בעכער און ברענגט זיי אייביקע רו.

צי איז דען פאַראַן אַן אַנדער אויסוועג פאַר קינסטלער, וואָס קענען זיך נישט צופּאַסן, ווי דער בעכער פון סם? האָבן דאָך זיך גענומען אייביקע רו אַנדריי סאָבאָל, סערגיי יעסענין, וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי (אין בולגאַ־קאָווס צייט) און שפּעטער אַלעקסאַנדער פאַדעיעוו. זיי האָבן נישט געוואַרט, ביז מען וועט זיי „באַרויִקן" מיט בליי, ווי אַ סך אומגעבראַכטע סאָוועטישע שרייבער, בתוכם אויך אייניקלעך און אוראייניקלעך פון מענדעלע, די ייִדישע שרייבער.

אַ באַזונדערע טעמע, מיט וועלכער מיר וועלן זיך איצט נישט פאַרנעמען, זענען אַ רייע מעשׂים פון וואָלאַנד (דעם שׂטן), וואָס דעקן אויף אונטערן

סאָוועטיש־סאָציאַליסטישן צודעק די אַלטע ירושה בשעת דער נייער עקאָ־נאָמישער פּאָליטיק: אַלע מינים פון געלט־ און כבוד־גייציקן עגאָיזם, וואָס מענדעלע האָט בשעתו דערזען אין די הערצער, אויסגעטריקנטע דורכן רויך פון ציוויליזאַציע.

אַ רייע ענלעכע אויסערלעכע מאָמענטן, געמיינזאַמע ביי מענדעלען און בולגאַקאָוון, ווי דער שדים־באַל, פלי־ענדיקע מכשפות א״אַ, פאַרמאָגן אַ סך עזאָפּישע סימבאָליק. אַנדערש איז דער קינסטלערישער אויסדרוק, אָבער ביי ביידן איז איין אויפגאַבע — פאַרשלייערן דאָס לעבן, כדי דאָס צו אַנטבלויזן...

די אַשמדאַי־געשטאַלט

מיר האָבן געזען די רעכט־מעסיקייט און צייט־מעסיקייט פון דער אַשמדאַי־געשטאַלט ביי מענדעלען און ביי בולגאַקאָוון אין איין און דעם זעלביקן לאַנד אונטער די זעלביקע הימלען, ווו די פרייע שאַפונג איז תמיד געווען „אַ ליכטשטראַל אין קעניגרייך פון חושך״ (דאָבראָליובאָוו). דער אַשמדאַי, דער שטן, איז אַ גראָטעסק־געשטאַלט.

סיי ביי מענדעלען, סיי ביי בולגאַקאָוון שטעלט זיך פאָר דער אַשמדאַי, דער שטן מיט מעפיסטאָפעלס ווערטער פון געטע: „איך בין אַ טייל פון דער קראַפט, וואָס וויל תמיד שלעכטס און טוט שטענדיק גוטס״. די ווידערשפּרוכן, די קעגנזאַצן, אייניקן זיך אָביעקטיוו אין די טיפענישן פונעם לעבנס־פּראָצעס, וואָס מיר פאַראַלגעמיינערן, אָבער דאָס פּראַקטישע לעבן איז דיפערענצירט. מיר קענען נישט זיין אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס. די האַנדלונג פון מענטשן ווערט קוואַליפיצירט אָדער גוט, אָדער שלעכט. אין פּראַקטישן לעבן קענען נישט זיין אייניק „חושך״ און „אור״, „אומרעכט״ און „גערעכ־טיקייט״. דער אַשמדאַי אָבער קען אָננעמען ווידערשפּרעכלעכע געשטאַלטן און דינט דער סאַטירע פילזייטיק.

דער אַשמדאַי מיט זיין סיטרא אחרא איז נישט קיין נייעס אין דער ליטעראַטור און אין פאָלקלאָרישן שאַפן; ער דערשיינט אין דער ליטעראַטור אונטער פאַרשיידענע נעמען און פאַרשיידענע געשטאַלטן: אַ פילאָסאָפישער מעפיסטאָפעל, אַ בונטאַרישער דעמאָן, אַ טראַגישער קעמפער אין מילטאָנס „פאַרלוירענעם גן־עדן״. זיינע באַדינער מישן זיך אַריין אין אַלע האַנדלונגען

פון טויזנט און איין נאַכט, שפּילן אָפּ ביי פּרצן זיינע דריי חופּות, זיין לילית פּאַרנאַרט פּרצעס מאַניש, אַנסקיס אַשמדאַי איז אַ פאָלקלאָרישער העלד.

ביי יידן איז דער אַשמדאַי אַ האַלב־לעגענדאַרער. ער ווערט אין פאָלק אַ פילזייטיקע רעאַלע קראַפט. דער אַשמדאַי דאָס איז סמאל, דער יצר הרע, דער שטן מקטרג און אַפילו דער מלאך המות מיט זיינע טויזנט אויגן. די סיטרא אחרא זיינע, פיל שדים און מזיקים, רינגלען אַרום דעם מענטשן און לויערן אויף זיין נשמה.

דער אַשמדאַי, דער קעניג פון די שדים, איז קעגן דעם ערשטן געבאָט פון בורא־עולם „יהי אור״. ער וויל צוריקברענגען דעם חושך — דער היפּוך פון פּראָמעטעוס, וואָס האָט גערויבט פאַר מענטשן דאָס פייער פון די געטער. דער אַשמדאַי קומט אַלץ צעשטערן. דאָס איז יעדער אָנהייב פון יעדער רעוואָלוציע, נאָך וועלכן ס׳קומט שאַפונג און בויונג. אָבער סדום איז אַ לעגענדע. אין פייער פון רעוואָלוציע ברענען רעכט און אומרעכט צוזאַמען...

די קראַפט פון דעם אַשמדאַי איז אין זיין איבערנאַטירלעכקייט, אומ־אָפּהענגיקייט און פרייהייט. ער איז ווי דער כביכול אַ „כול־יכול״. ער איז ווידערשפּעניק, ער איז דער אומרויִקער גייסט פון מרידה. דאָס, וואָס עס וואַגט נישט דער מענטש, וואַגט דער אַשמדאַי.

דעם כוח, וואָס פעלט דעם פאָלק, שאַפט ער זיך אין פאַנטאַזיע. דעם מהרלס גולם, אַ רואה ואינו נראה, וואָס האַקט קעפּ פון די פּאָגראָמשטשיקעס... דער אַשמדאַי, ווי דער גולם, איז אַזאַ פאָלקסשאַפונג, וואָס ווערט אַ צווייטעווירקלעכקייט.

וועגן זיין כוח און זיין חכמה דערציילט די פאָלקס־לעגענדע, ווי דער אַשמדאַי האָט איינגעשלונגען שלמה המלך, אים אויסגעשפּיגן פיר הונדערט מייל ווייט פון ירושלים, אָנגענומען שלמהס געשטאַלט און געקיניגט אויף זיין אָרט.

אפשר האָט מען געוואָלט דערמיט אָנהענגען דעם פאַרשטעלטן אַשמדאַי שלמהס זינד און דעם שווערן יאָך, פון וועלכן דאָס פאָלק האָט געליטן אונטער שלמה הערשאַפט, ריינוואַשן דעם צדיק בן צדיק, דעם חכם בן חכם, דעם גרויסן שלמה המלך, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט אַרומגעגאַנגען צווישן פאָלק און געשריִען: „אני שלמה״.

דער אַשמדאַי איז ביי ייִדן אַ סינאָנים פון דורכגעטריבענער קלוגשאַפט. דאָס איז ער דאָך דער נחש, וואָס האָט איינגערעדט חווהן צו עסן פון עץ־הדעת. לויטן תּלמוד לערנט דער אַשמדאַי אין דער ישיבה של מעלה און אין דער ישיבה של מטה.[10]

ישׂראליק, וואָס האָט איינגעהזרט צום עקזאַמען די מעשׂיות וועגן די פרעמדע קאַשציי דעם מכשף און באַבאַ יאַהאַ, הערט איצט פונעם אַשמדאַי אַ שלל לעגענדעס וועגן שלמה המלך. די לעגענדעס זענען, אמת, דערציילט סכעמאַטיש. אין העברעיִשן „סוסתי״ האָבן זיי, הגם געקירצט, דעם מקורישן זאַפט. איין לעגענדע וועגן וואונדערלעכן פּאַלאַץ, אין וועלכן שלמה המלך האָט נישט געפונען קיין טיר אַריינצוגיין, און וועגן די אָדלערס, וואָס האָבן אים אינדרינען געהאָלפן, איז דערציילט אין „סוסתי״ גאַנץ גענוי. אין דער ייִדישער „קליאַטשע״ גייט וועגן דעם בלויז אַ רייד.

מענדעלעס אַשמדאַי פירט ישׂראליקן איבערן זיידענעם טייערן קאַוויאָר און באַווייזט אים דאָס עשירות פון אַמאָליקן פרינץ, ווען ער איז נאָך נישט געווען קיין קליאַטשע, „דאָס גוטס״ פון שלמה המלך. ישׂראליק, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים וואַרפן די קליאַטשע, צינדט זיך אָן: „אַזאַ רייכקייט, אַזאַ גוטס, — מיינס, מיינס בעוונותינו הרבים, און פאָרט נישט מיינס״...

יענע קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס זעען אין מענדעלען בלויז דעם מקטרג, דעם אָפּשפּעטער, וואָלט נישט געשאַט צום הונדערטן יאָר פון „די קליאַטשע״ אין איינעם מיש ישׂראליקן אַ שפּאַציר טאָן אויף דעם קאַוויאָר און אַריינגיין לפני ולפנים פון מענדעלעס פּרדס.

---

1 די יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק, קיִעוו, 1889 (צווייטעס בוך).

2 „מורה נבוכי הזמן״ פון ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געווען ברייט באַקאַנט די משׂכּילים פון מענדעלעס דור און, ווי ס׳איז צו זען פון די געבראַכטע ציטאַטן, אויך מענדעלען. דאָס איז מענדעלעס נוסח פונעם הויפּטגעדאַנק, וואָס איז אויסגע־דריקט אין שער ט״ז ז׳ 261: „ובשלילת השלילה נשאר הקיום האמתי״ [לויט העגעלן]. ציטירט פון דער אויסגאַבע דערשינען אין וואַרשע 1894.

3 **Faust:** Nun gut, wer bist du denn?
Meph.: Ein Teil von jener Kraft,
Die stets das Böse will und stets das Gute schafft...
Ich bin der Geist, der stets verneint!...

So ist denn Alles, was ihr Sünde,
Zerstörung, kurz das Böse nennt,
Mein eigentliches Element...
Ich bin ein Teil des Teiles, der anfangs alles war,
Ein Teil der Finsternis, die sich das Licht gebar...
(Goethe's Meister-Werke, 2 Band, Faust, S. 88)

4 מענדעלע און זיין צייט, מאָסקווע, „עמעס", 1940, ז' 46.

5 חנא שמערוק, „דער צווייטער נוסח פון מענדעלע מוכר ספרימס פּאָעמע ,יודל'". (1906—1907). — איקוף־בוך, ז' 327.

6 ירמיהו פרנקל – פירוש לסוסתי, תל־אביב, הוצאת „יבנה", תש"ז, פרקים כ' וכב'.

7 לכסיקון הספרות העברית בדורות האחרונים, 1965, דף 399.

8 מ. ווינער, צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, 2 ב', איקוף־פאַרלאַג, 1946, ז' 109.

א. ראָזענצווייג — אַריינפיר־אַרטיקל צו מענדעלע מוכר ספרים, געקליבענע ווערק אין איין באַנד, קיעוו, 1936, ז' 2.

משה נאָטאָוויטש, „יצכאָק יויעל לינעצקי, מענדעלעס מיטקעמפער", סאָוועטיש היימלאַנד, 1964, נומ' 5.

עס האָבן אַ טעות געהאַט די פאָרשער מ. ווינער, א. ראָזענצווייג און משה נאָטאָוויטש, אָנווייזנדיק אויף די ציטאַטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן מענדעלעס אַנטיקאַפּיטאַליסטישע טענדענצן אין „די קליאַטשע", אַז זיי געהערן דעם 19טן יאָרהונדערט.

די אַלע ציטאַטן, אויף וועלכע זיי זענען זיך סומך, געהערן צום ערשטן צענדליק פון 20סטן יאָרהונדערט, שוין נאָכן 1905טן יאָר, אין דריטן וואַריאַנט. — ראָזענצוויג שטיצט זיך אויף די ציטאַטן אויך צו באַווייזן, אַז מענדעלע האָט, ווי רוסאָ, געוואָלט אַוועק פון דער ציוויליזאַציע „אין די וועלדער אַריין".

9 פּובליקאַציע פון מענדעלע־בוך.

10 גיטין ס"ח.

דעם זיידנס קרוין

אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצטן יאָרהונדערט איז די קינסטלערישע ליטעראַטור ביי די דעמאָקראַטישע שרייבער אין רוסלאַנד געווען אַ פּובליציסטיש־קריטישע. נייע רעוואָלוציאָנערע אידעען האָבן זיך געדאַרפט דורכברעכן אַ וועג צום לייענער דורך די טעמפּע צענזור־וועגט פונעם צאַריזם. „דאָס איז געווען אַ צייט, ווען פון איין זייט האָבן זיך באַוויזן אַלעגאָריעס און פון דער צווייטער — די קונסט צו פאַרשטיין די דאָזיקע אַלעגאָריעס, די קונסט צו לייענען צווישן די שורות״.[1]

דער עיקר מקור פון מענדעלעס סאַטירע, ווי פון דער גאַנצער אַלטער יידישער ליטעראַטור, איז געווען דער ספר־הספרים — דער תנך, ווי דאָס פאָלק האָט אים געלערנט, דער תנך, ווי אַ ספר פון מוסר, מענטשלעכער מאָראַל. בלויז צוויי פון די עשרת הדברות רעדן וועגן דברי „בין אדם למקום״. אַלץ איבעריקע איז נוגע „דברים בין אדם לחברו״. די נביאישע פּובליציסטיק, אַ ריין עטישע, ערדישע, מענטשלעכע, נישט פאַר מלאכים פון הימל, נאָר פאַר מענטשן אויף דער ערד, איז פול מיט גשמיות, אָנהייבנדיק פון דער קללה „בזעת אפיך תאכל לחם״ ביז דער ברכה „ויתן לך אלהים מטל השמים ומשמני הארץ״. דורך מענדעלעס גשמיותדיקער סאַטירע ווערט געלייטערט דער גייסט. אָבער נישט אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען, און אייניקע קרייזן האָבן די סאַטירע אויפגענומען, ווי געשפּעט איבער יידן און יידישקייט. דער נביא האָט קיין מאָל נישט צופרידנגעשטעלט דעם כּוהן און דעם מלך. מענדעלעס פּובליציסטישע סאַטירע איז באַגעגנט געוואָרן מיט שפּיזן פון אַ ישראלדיקן העברעיִשן ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איז אַרויס מיט אַ רעוויזיע און מיט גרויסע פּרעטענזיעס צו דער העברעיִשער און יידישער

ליטעראַטורן. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט זיין שאַרף פאַר־שפּיציקטער גענדזענער פעדער אַראָפּצורייסן די קרוין פון „זיידן״.[2]

זיין אַרויסטריט קעגן סאַטירע און קעגן דעם נעגאַטיוון העלד אין דער ליטעראַטור דערמאָנט שטאַרק די סאָוועטישע שיטה. אָבער אין זיינע טענות קעגן מענדעלען חזרט ער איבער וואָרט אין וואָרט דאָס, וואָס עס האָט שוין געשריבן פאַר אים נישט קיין כּוהן, נישט קיין מלך, אַפילו נישט קיין ליטע־ראַטור־קריטיקער, נאָר אַן... אינטענדאַנט, וואָס האָט זיך צוגעשמירט צו ליטעראַטור. מיר מיינען דאָ דעם טרויעריק־באַרימטן רעדאַקטאָר פון „יודי־שעס פאָלקס־בלאַט״, י. לעווי, וואָס האָט פאַרביטן אַלכּסנדר צעדערבוים... איך פאַרגלייך נישט דעם טיף פּילנדיקן פּאָעט, דעם דענקער אַברהם קריב — דעם היינטצייטיקן אחד העם — מיטן עם־הארציקן ייִדיש־שרייבער לעווי.

לעווי, דער דאָזיקער פּאַפּירענער שמשון הגיבור, וואָס האָט געפּרוּווט אומוואַלגערן ביידע זיילן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, מענדעלען און שלום־עליכם, האָט געשריבן: „נעם, למשל, מענדעלע מוכר ספרים. ער פירט שוין אַרום זיינע ספרים פון אַ צייט מיט יאָרן. שלעפּט זיך אום די גאַנצע וועלט און זע אויף צעקאָוועשץ: האָט זיך מיט אים געטראָפן די גאַנצע צייט, ער זאָל זיך בעגעגענען מיט אָרנטלעכע פיינע ייִדן? נישט איין מאָל! אַלע ייִדן, מיט וועלכע ער האָט זיך אין זיין לעבן באַגעגנט, זענען עפּעס בעלי־מומין בגשמיות און ברוחניות, פאַרצאַרנטע, פאַרקריפּלטע... ער וויל זיך נישט באַגעגענען און דאַרום טרעפט ער שטענדיק אויף שלעכטע. אונדזערע מחבלים [איבערגעמאַכט פון „מחברים״] פון דעם גוטן זאָרט [סאָרט] האָבן נאָר שלעכטע העלדן. קיין גוטע זענען פאַר זיי גאָר נישטאָ. עס זענען אַלץ מענטשן, וואָס מען דאַרף פון זיי לאַכן, וואָס מען דאַרף זיי פּיינט האָבן ווי שפּינען, און קיין גוטע וועט איר אַפילו אויף אַ רפואה נישט געפינען. אַזוי איז זיך נוהג דער זיידע און אַזוי טוט אים נאָך דאָס אייניקל. [שלום־עליכם]״.[3]

דאָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1889. איצט, אין 1956,[4] קומט אַברהם קריב און שרייבט: „ביי אים [מענדעלען] זענען נישטאָ יענע קליינע מענ־טשעלעך, אויף וועלכע עס האַלטן זיך דאָס לעבן און די וועלט. ס׳רוב און דער עיקר זענען ביי אים יענע קליינע, וואָס זענען דער אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. און אַוודאי פעלן ביי אים יענע געהויבענע לייט, זייער מין

און מדרגה, די, וועלכע מאַכן הייליק דאָס לעבן און טאָט. נישטאָ קיין אָפענע און באַהאַלטענע צדיקים״... דאָ גייט אַ גאַנצע רשימה פון געהויבענע ייִדן, וואָס מענדעלע האָט וועגן זיי נישט געשריבן, און ער לאָזט אויס: „ביי אים זענען פאַרמעקט אַלע גרויסע דינאַסטיעס מענטשן פון שיינקייט, גרויסקייט און חסד. ס׳איז בטל די דערהויבנקייט פון לעבן און פון מענטשן... אַרויס־געוואָרפן פון זיינע ווערק אַלע מענטשן מיט דער פאָלקס־נשמה״. אויף צענדליקער זייטלעך באַמיט זיך קריב צו באַווייזן, אַז:

מענדעלע זעט העלעניסטיש־מגושמדיק די געטלעכע וועלט.

די כּנסת ישׂראל איז ביי אים אָן חסידות, אָן שבת און יום־טוב; אָן יראת שמים.

ביי מענדעלען פעלט די פאָלקס־נשמה.

מענדעלע האָט אויסגעקנעטן זיינע דערציילונגען פון אָפּפאַל פון לעבן און פון מענטשן.

דער ייִדישער מענטש איז ביי מענדעלען אַ קבצן מיט גוף און נשמה אָן אָן עתיד און אָן עבר, אָן אַ שוווּנג.

מענדעלע קוקט אויפן פאָלק פון אויבן אַראָפּ, מיט גרינגשעצונג.

מענדעלע קען נישט דאָס פאָלק, ער שפּעט פון פאָלק, און דאָס פאָלק קען אים נישט.

זיין שאַפונגגייסט האָט נישט געקוקט צו די לעבנסהויכן, צו די מענטש־לעכע הויכן, נאָר געצויגן ווי שווערע שטיינער אַראָפּ, צו דעם בהמישן.

פאַרשטייט זיך, אַז וועגן דעם, וואָס אַ שרייבער האָט נישט געשריבן, און וועגן דעם, וואָס עס פעלט אין זיינע ווערק, איז נישטאָ וואָס צו שרייבן אויך דעם קריטיקער. איך האָב אויך נישט בדעה צו שרייבן וועגן דעם, וואָס עס פעלט ביי מענדעלען און פירן אַ וויכּוח וועגן אַלץ, וואָס עס שרייבט וועגן מענדעלען קריב, וועמעס „מינדעסטער פינגער איז גרעבער פון מיינע לענדן״...

הפלא ופלא. כּמעט זיבעציק יאָר, ווי שלום־עליכם האָט געקרוינט מענ־דעלען פאַר אַ זיידן. ס׳האָבן אים אָנערקענט פרישמאַן, פּרץ, ביאַליק און די גאַנצע בייע און נייעסטע ייִדישע ליטעראַטור. אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט מען, אמת, דעם זיידן האַלבירט, אויף העלפט געפּסלט אַלס

נאַציאָנאַליסט. איצט, אין מדינת ישׂראל, ווען „די קליאַטשע" ווערט צוריק אַ פּרינץ, האָט מען פאַרגעסן אין דעם, וואָס איז געווען מיט איר אין גלות, אַ געיאָגטע, אַ געפּלאָגטע. אמת, אַחוץ אַברהם קריב און נאָך אייניקע, האָט די גאַנצע העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור אין ישׂראל נישט אַראָפּגענומען פון מענדעלען זיין קרוין און געענטפערט ווי געהעריק די ווידערשפּעניקע „אוראייניקלעך".

צום הונדערטן יובל פון דער „קליאַטשע" דערמאָנען מיר די דאָזיקע פּרשה, ווייל ס'וועט זיין געגוג צו באַווייזן ווי נישט גערעכטיק עס איז די קריב־קריטיק בנוגע מענדעלעס „קליאַטשע", אַז ס'זאָל זיך צעקריכן דער קריטישער שפּיגוועבס אַרום מענדעלעס שאַפונג.

לכאורה איז טאַקע פאַראַן אַ סתירה. מענדעלע, וואָס איז געווען אין פאָלק און מיטן פאָלק, „עצם מעצמו ובשׂר מבשׂרו", האָט אין זיין סאַטירע אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אַריסטאָקראַטישקייט, שטעלנדיק זיך אַלס מוכיח אויף דער בימה. ער שילדערט דאָס אינערלעכע ייִדישע לעבן מיט אַזוי פיל גראָטעסק, בייסנדיקן סאַרקאַזם און אומברחמנותדיקייט. ס'ווערט העסלעך און גרוילעך, ווען מיר דערזעען אין דער „קליאַטשע" דעם מאַרק מיט די אַלע אומגליקלעכע, וואָס יאָגן אָפּ אַ לעבן נאָכן שטיקל ברויט. ער שאַנעוועט נישט אַפילו די אָרעמע פעלדמעסטערינס און טוקערינס. דאָ זעט אויס דאָס גאַנץ ייִדיש לעבן ווי איין קריפּל. אָבער וויפל ווייטיק פילט ער אין דעם טרויעריקן ניגון פונעם סאָלאָוויי! „אַ בריה אַ פּאָעט [מענדעלע אַליין] פילט דעם צער פון דער וועלט". („די קליאַטשע", קאַפּיטל 11).

וויפל ווייטיק האָט געדאַרפט פילן דער נביא, ווען ער האָט אַרויסגע־שריגן דעם ביטערן אמת: „מכּף רגל ועד ראש אין בו מתום" (ישעיה א', ה'). מענדעלע האָט געוויזן די ביטערע ווירקלעכקייט — די פאַרקריפּלטע ייִדישע עקאָנאָמיק, דעם פאַרגליווערטן שטייגער אין דעם פאַרשטיקטן תּחום המושב, ווו „מען שלינגט זיך ווי די פיש איין איינע די אַנדערע" („די קליאַטשע", „אַל תּפתּח פּה לשׂטן").

דאָס אָפּשטאַרבנדיקע שטעטל, איבערגעריסענע לעבנס, נישט אויסגע־לעבטע טרוימען קומען אין פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" דערלעבן דאָס, וואָס מען האָט נישט דערלעבט אויף מענדעלעס שרעקלעכן מאַרק.

דער קלעזמער קומט „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" דערשפּילן דאָס „טרויער־ריקע שטיקל פון דעם זיסן שטייגער", וואָס עס האָט נישט דערזונגען מענדעלעס „וועלטבאַרימטער זינגער", דער סאָלאָוויי... ווער קען וויסן? אפשר האָט דאָס „טרויעריק־זיסע שטיקל" געזונגען אינווייניק אין זיך דער יונגער מקובל, דער תּלמיד אין פּרצעס „מקובלים" אין זיינע לעצטע מינוטן? אפשר האָט אין אים געזונגען דער צער פון דער וועלט. ווען „עס האָט אין פּמליא של מעלה אַ זינגערל פאַרפעלט"? אפשר איז שולדיק מענדעלעס גשמיותדיקע „טרויעריק־זיסע שטיקל", וואָס דער יונגער מקובל איז נישט געשטאָרבן בנשיקה? אָט דאָס אַלץ דאַרף זיך פרעגן אַברהם קריב, פאַרגלייכנדיק מענדעלען מיט פּרצן.

קריב שרייבט: „וכשנשוב ונשוה את פרץ ומנדלי, נראה גם זו כי פרץ שחתר אל ההרים הגבוהים ואל העליות הרמות של הנפש נשאר מרמז רמיזות, בעוד שמנדלי אשר נאחז בשיפולים היה בעל מזומנים שבמזומנים. פרץ עמד במעלה דרך וקרא לאשר יבואו אחריו כי יעפילו לעלות ממנו למעלה ומנדלי הגיע בעצמו לקצה הדרך שיצא בה ולא נשאר לתופסי דרכו אלא לילך בעקבותיו" (עמ' 67).

אַברהם קריב זאָגט, אַז פּרץ, שטרעבנדיק צו די הויכע בערג און צו היוכן אויפשטייג פון דער נשמה, איז געבליבן בלויז דער, וואָס גיט אַ רמז, ווען מענדעלע, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אין דער נידער, אין די שיפּולים, האָט אַרויסגעלייגט אַלץ מיט מזומן. פּרץ איז געשטאַנען אויפן וועג אַרויף און געוופן די, וואָס גייען נאָך אים, זיי זאָלן אים אַריבערשטייגן. מענדעלע האָט דערגרייכט צום עק וועג, אין וועלכן ער איז געגאַנגען, און די, וואָס גייען אים נאָך, מוזן בלייבן דאָרט מיט אים.

קריב געפינט דאָס הויכע ביי פּרצן נאָר אין זיין חסידות. אָבער פּרץ וואָלט נישט געקענט רופן אַרויף העכער, ווען ער וואָלט נישט דערפילט די רעאַלעווירקלעכקייט, פון וועלכער דער מענטש זוכט אַן אויסוועג. באַנציע שווייג וואָלט נישט דערגרייכט צום כּסא הכּבוד, ווען ער פאָלט נישט אַזוי נידעריק, שטילגעשוויגן אונטער די רעדער פון דער ווירקלעכקייט. פּרץ וואָלט נישט געקומען צום ראָמאַנטישן „חסידיש" און צו די „שבת־יום־טוב־ייִדן" פון „די גאָלדענע קייט" אָן בערל קאָלבאָס דעם שטריימלמאַכער. די

גאָלדענע קייט, אַלס אַנטי־טעזיס פון דעם זינדיקן „אין פּאַליש אויף דער קייט״. די אייזערנע קייט אין פּאַליש — רעאַליזם; די גאָלדענע קייט — ראָמאַנטיק, אָבער אויך אַ קייט, מיט וועלכער עס שמידט צו צו דער ווירק־לעכקייט דער וואָכעדיקער רבי, וואָס מאַכט הבדלה — יונתן — אַ נייע רינג.

מענדעלעס „ירידה״ האָט געפירט צו פּרצעס עליה. מענדעלע האָט פון זיין „„ירידה״ גערופן צו עליה, צו דער מאָראַלישער וועלט פון אמת, צדק און יושר. אָט די לעקציע, וואָס מיר באַקומען אין „די קליאַטשע״, די ערדישע נויט, שטויסט צום אייביקן נביאישן טרוים. מענדעלעס סאַטירע — דאָס איז אַ קוואַל, אין וועלכן די שיפולים, די נידעריק געפאַלענע, ווערן געלייטערט און דערהויבן. דער בעסטער עדות איז „די קליאַטשע״ אַליין. דאָס בינטל היי, וואָס ישׂראליק ברענגט איר צו שטילן דעם הונגעריקן מאָגן, שטילט נישט איר הונגעריקן גייסט, דערנידעריקט נישט איר שטאָלץ.

ווי קען דען מענדעלעס סאַטירע פירן אין אַ טעמפּן ווינקל? צי וועט עס דען זיין אַ דערנידעריקונג פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור מיט מענ־דעלעס סאַטירישער פעדער זיך צוצורירן און אויפשטעכן דעם געשוויר פון דער מאַרק־אידעאָלאָגיע פון „חטוף ואכול, חטוף ושתה״, וואָס וואַקסט ווי ווילד־גראָז און פאַרשפרייט זיך אין אונדזער ווירקלעכקייט, אין אונדזער מדינה. צי וועט עס זיין אַ דערנידעריקונג פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור מיט מענדעלעס גאַליקן סאַרקאַזם פאַרשפּאָטן די פאַרשיידענע מה־יפיתניקעס, וואָס בוקן זיך צו דער כלומרשטער ציוויליזאַציע און הומאַניזם פון דער נייער וועלט און אין איר נאָמען זעצן זיך רייטן אויף דער אייביקער גלות־קליאַטשע? צי האָט שוין סאַטירע געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט וועגן די נייע ישׂראליקס, וואָס טאַנצן מה־יפית פאַר דעם אַלט־נייעם קאַשצײ און צאַפּלען זיך אין די הענט פונעם אַשמדאַי?

כל־זמן ס׳וועט עקזיסטירן סאָציאַלע אומרעכט אינעם נאַציאָנאַלן לעבן, קען מענדעלעס וועג פון סאַטירע זיין דער וועג פאַר דער באַפרייערישער ליטעראַטור. אַזאַ סאַטירע דאַרף אָפּריינקן דעם וועג אַרויף צו אונדזערע גייסטיקע נאַציאָנאַלע ווערטן.

די ביטערע ווירקלעכקייט קען מען נישט פאַרדעקן נישט מיט קיין אַרבע־כנפות און נישט מיט קיין רויטער פאָן. די סאַטירע און דער קריטישער

רעאַליזם קענען פונקט און אפשר נאָך בעסער, ווי דער ראָמאַנטיזם און אידעאַליזאַציע, פירן אַרויף.

מענדעלעס סאַטירע — דאָס איז דער „סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה" (בראשית, ויצא י"ב) — דער לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט צום הימל.

אַברהם קריב איז אין גרימצאָרן, וואָס מען געפינט נישט אין מענדעלעס ווערק וועגן חסידות און חסידים, וועגן די אויסערלעכע און אינערלעכע איבערלעבענישן, ווי דאָס פאָרן צום רבין; און אויך צוליב דעם, וואָס אין מענדעלעס „ישיבה של מעלה" רעדט מענדעלע מיט גרינגשעץ וועגן עלית הנשמה (עטרה ליושנה, ז' 41; 101). ווי גרויס וואָלט געווען א. קריבס צאָרן, ווען ער לייענט דורך וועגן דעם כאָטש איין בלאַט פון די אַנטי־חסידישע פּאַמפלעטן פון מאַקאָווער מגיד דוד שבר פושעים און זמר עריצים! דאָרט וואָלט ער אויך געקענט לייענען וועגן עלית־הנשמה אָט וואָס:

„ר' חיים מוואָלאָזין כתב אל אחיו ר' זלמן שהגר"א לא החשב „עלית־נשמה"; שצוו בשמו הגר"א שלא יקבל שום אמצעים בלתי אשר יעמול ויבין בעמלו וביגיעתו וגדולה מזו היה רבינו אומר, כי אף מה שהנשמה משׂגת השׂגות נפלטות בשינה ע"י עלית נשמה... אינו נחשב אצלו כ"כ לעיקר, והעיקר מה שאדם משיג בזה העולם ע"י יגיעה ומפנה עצמו לד"ת. בזה הוא עושה נחת ליוצרו".[5] ווי מיר זעען, איז דער ווילנער גאון געווען מער היינט־וועלטיק און דאַ־וועלטיק, ווי דער „יענער־וועלטיקער" היינטיקער אַברהם קריב...

קריב האָט אין זיין קריטישן אימפּעט נישט דערפילט דעם אַבסורד, ווען ער זאָגט, אַז מענדעלעס קינסטלעריש אויג איז געווען צוגעפּאַסט צו קוקן אַראָפּ. די וווּנדערבאַרע פעיִקייט צו ריכטן זיינע אויגן צום הימל — דאָס איז די גאָב פונעם מענטשן. אָבער מענדעלע, זאָגט קריב, האָט דעם מענטשן אויך ס'רוב באַשאָנקען מיט דער בהמישער געוווינטשאַפט צו קוקן אַראָפּ. דעריבער, זאָגט קריב, האָט ער, מענדעלע, אַזוי פיל מאָל פאַרגליכן דעם מענטש צו דער בהמה און אַפילו אויסגעמאָלן פאַר אונדז די גאַנצע כנסת־ישׂראל אין געשטאַלט פון אַ קליאַטשע. דאָס, וואָס עס האָט נישט געטאָן קיין איינע פון די אומות העולם.

איז ערשטנס: וועגן די בהמות און מענטשן האָט נאָך דער אַלטער קהלת געזאָגט: „ומותר אָדם מן הבהמה אין״ (קהלת ג׳ יט). בהמות זוכן שפּייז אויף דער ערד, נישט אין הימל; גייען זיי מיט די קעפּ אַראָפּ. אויך מענטשן אַקערן, זייען און שפּייזן זיך פון דער ערד און האָפן, אַז „אמת מארץ תצמח״. דעם מענטשנס אויגן זענען פון פאַרנט און געווענדט צו זען פאָרויס — דעם פּראָגרעס. אַברהם קריב קען נישט מסכּים זיין מיט אַזאַ מאַטעריאַליסטישער אַפּיקורסות פון קהלת און קען אַזאַ פאַרגלייך נישט דערלאָזן בנוגע דער כּנסת ישׂראל. וועט אפשר קריב אָפּשאַפן ישעיה הנביא, וואָס האָט געמאַכט נאָך אַן ערגערן פאַרגלייך: „ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו, ישׂראל לא ידע עמי לא התבונן״ (ישעיה א׳, ג׳).[6] די כּנסת ישׂראל ווערט ביי ישעיה געשטעלט נידעריקער פונעם אָקס און פונעם אייזל... אפשר האַלט קריב, אַז דאָס נביאישע אויג פון ישעיהו איז, ווי דאָס קינסטלערישע אויג פון מענדעלען, געווען צוגעפּאַסט צו קוקן אַראָפּ?

ווּהין איז געווען צוגעפּאַסט צו קוקן דאָס אויג פונעם נביא עמוס, ווען ער רופט אויס צו די פעטע נגידיתטעס די אַריסטאָקראַטקעס פון באַרג שומרון: „שמעו הדבר הזה פרות הבשן, אשר בהר שומרון, העושקות דלים, הרוצצות אביונים״? (עמוס ד׳, א׳).

צווייטנס: חיות און בהמות אין דער ליטעראַטור איז נישט מענדעלעס דערפינדונג און נעמט זיך נישט פון קוקן אַראָפּ. מענדעלע איז נישט געווען דער ערשטער און נישט דער לעצטער, וואָס האָט זיי אַריינגעפירט אין דער סאַטירישער אַלעגאָריע. דאָס האָבן געטאָן דער אַלטער עזאָפּ און די „נייע״ לאַפאָנטען און קרילאָוו, דער אַלטער אַפּוליי („דאָס גאָלדענע אייזל״) און די נייערע — סוויפט („ גוליווער״), אַנאַטאָל פראַנס („דאָס פּינגווינען־אינדזל״), טשעכאָוו („קאַשטאַנקע״), טורגעניעוו („מומו״), שלום־עליכם („מתושלח״), און נאָך, נישט אויסצורעכענען. אָבער אין פיל פון די ווערק איז, פאַרקערט, די אייגנשאַפט פון מענטשן געגעבן דער חיה און דורך דעם געדינט דער זעלבסטדערקענונג פונעם מענטשן...

אַגב, אין זיין עפּילאָג צו „סוסתי״ דערקלערט מענדעלע, פאַר וואָס ער האָט זיך באַטראַכט צו גיין צו די בעלי־חיים און רעדן וועגן די בהמות.

קוממיות

„העט והלשון היו תמיד הפועלים הראשונים בהשנויים הטובים שנעשו בתבל״. (ש.י. אברמיבץ — „מה נעשה״, המליץ, 1878, נומ׳ 1).

„נאַ וויסאָטיע אוזדאַי זשעלעזנאַי ראָססיו פאָדניאַל נאַ דיבי״.

(פושקין, „מיעדני וואָדניק״)

פושקין האָט באַזונגען דעם דענקמאָל פון פּיאָטר דעם גרויסן, דעם בראָנדזענעם רייטער אויף אַ פערד, וואָס טראָגט זיך מיט אויפגעהויבענע פאָדערשטע פיס צו דער ניעווא. פּיאָטר האָט מיטן אייזערנעם ציימל אויפגעהויבן רוסלאַנד און געלאָזן זי אין גאַלאָפּ.

מענדעלע האָט זיין קליאַטשע נישט אָנגעטאָן קיין ציימל, נאָר אויפגעהויבן זי מיט זיין פעדער און שפּראַך.

ס׳האָבן נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט ביי ייִדן קיין פּאַרטייען מיט זייערע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַמפּף־פּראָגראַמען. ביי די משׂכּילים זענען געווען צוויי טענדענצן: איינע — דער קאָסמאָפּאָליטיזם, דאָס האָט געהייסן פּאַקטישער נאַציאָנאַלער ניהיליזם,[7] די צווייטע איז געקומען שפּעטער — די חיבת־ציון־באַוועגונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַל פּראָגראַם פאַר די ייִדישע מאַסן אין גלות. די „קליאַטשע״ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער משׂכּילישער אידעע, אַז די בילדונג, וואָס דאָס פאָלק וועט דערגרייכן מיט דער הילף פון דער צאַרישער רעגירונג, וועט דערלייזן די ייִדן־פראַגע.

„די קליאַטשע״ איז געווען אַ גרויס געשעעניש אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ס׳איז געווען נתפעל צו ווערן צו הערן פון דער „אומגליקלעכער קליאַטשע נעבעך״ אַזעלכע רייד — אַזאַ עזות קעגן די וועלטהערשער און קעגן די אייגענע תּקיפים.

קיינער פון זיין דור משׂכּילים האָט ביז אים נישט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט מיט אַזאַ קלאָרקייט און מיט אַזאַ שאַרפקייט די עיקר־פאָדערונג פון דער כּנסת־ישׂראל צו נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג. די קליאַטשע וואַרפט אָפּ דעם נאַציאָנאַלן ניהיליזם, די נעגירונג פון ייִדנטום און אַסימי־

לאַציע. קיינער ביז אים האָט נישט אַזוי ענג פֿאַרבונדן דאָס אינערלעכע יידישע לעבן מיט די אויסערלעכע כּוחות, וואָס דריקן אויף אים.

דורך דער קליאַטשע לאָזט ער הערן די פֿעלקער פֿון דער וועלט: „פֿלייש און בלוט זענען מיר אַלע, אונדזערע באַדערפֿענישן זענען גלייך, און איין רעכט אויף צו לעבן האָבן מיר אַלע". („קיין טאַנץ גייט נישט פֿאַר קיין עסן").

„מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערזען און צו זיין דור משׂכּילים און קולטור־טרעגער געזאָגט: „פֿון רעפֿאָרמען רעדט איר, פֿון השׂכּלה. דאָס פֿאָלק דאַרף ברויט!" און דער ערשטער, וואָס האָט דערזען דעם קהלשן בעל־טובֿה אין זיין ווירקלעכער געשטאַלט בשעת ער כאַפּט זיך אַרויף רייטן אויף דער קליאַטשע".[8]

אין זיין הקדמה באַטראַכט מענדעלע זיין „קליאַטשע" אַלס צווייטן טייל פֿון די „טאַקסע". אין דער „טאַקסע" ווערן דעמאַסקירט די פּיאַווקינס, וועלכע זייגן דאָס פֿאָלק. ס׳ווערט אָבער נישט אָנגערירט דער דרויסן — דער צאַרישער רעזשים. וועקער פּרוווט אַפֿילו דערמוטיקן די בעלי־מלאָכות מיט דער האָפֿע־נונג אויף דער „באַרמהאַרציקער רעגירונג, וועלכע ווינטשט איטלעכן גליק און זוכט אַלץ מיטלען צו פֿאַרבעסערן אונדזער צושטאַנד".

אין „די קליאַטשע" האָט מענדעלעס געזעלשאַפֿט־קריטיק דערגרייכט דעם אַדל, דעם צאַרישן רעזשים און דעם וועלט־סדר. דער אַדל איז ביי אים „אַ הונט, אַ בער, וואָס האָט געביסן, געוואָרגן מענטשן, געזויגן זייער בלוט און אויסגעזויגן דעם מאַרך פֿון די ביינער" (קאַפּיטל 3, ערשטער וואַריאַנט). און אין שפּעטערדיקן וואַריאַנט הערן מיר שוין דעם פּראָטעסט־אויסרוף קעגן דעם רויך פֿון דער ציוויליזאַציע, וואָס „טריקנט אויס די הערצער" (וואָס אַ אַשמדאַי קען").

אין „די טאַקסע" רעדן די וועקערס, נאָר דאָס פֿאָלק אַליין קומט נישט צום וואָרט. אין „די קליאַטשע" האָט מענדעלע געלאָזן רעדן אַליין דאָס פֿאָלק.

אַ קנעכט מיט אַ פֿרייען באַוווסטזיין איז שוין נישט קיין קנעכט. די קליאַטשע לאָזט זיך נישט פֿירן ביי דער טשופּרינע. דער ווידערשטאַנד פֿון דער קליאַטשע ישׂראליקן קומט באַלד ביי זייער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט און איז באַשריבן אין קאַפּיטל „ברוך משנה הבריות" — די ברכה, וואָס ישׂראליק מאַכט דערביי.

די אומגליקלעכע בידנע קליאַטשע האָט איר שטאַרקן נאַציאָנאַלן באַ־וווסטזיין און פאַדערט איר רעכט אָן אַ שום „פּאַרוואָס". זי וויל נישט צאָלן פאַר איר נאַציאָנאַלן קיום מיט קנעכטשאַפט און חניפה.

אין דער גאַנצער השכלה־ליטעראַטור פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט מען זיך באַמיט צו באַווייזן די מעלות־טובות פון יידן און די נוצן, וואָס זיי ברענגען דער וועלט, געפאָדערט פון יידן, זיי זאָלן מיט זייערע מנהגים, מיט זייער אויפפירונג נישט שטעכן די אויגן; זיי זאָלן טאָן גוטס, זיי זאָלן זיין בעסער פאַר די גויים, וועט מען זיי נישט פיינט האָבן.

עס איז באַקאַנט דאָס השכלה־ליד:

„שטיי אויף, מיין פאָלק, דערוואַך פון דיין דרימל,
„אין נאַרישקייט זיי נישט פאַרגלויבט...
„ביי אַלע פעלקער זענען די לאָדנס לאַנג אָפן...[9]

מענדעלע האָט באַוויזן אין דער „קליאַטשע", אַז ביי אַלע פעלקער זענען די לאָדנס אויך נאָך נישט אָפן... ער שטעכט אויף די געשווירן ביי אַנדערע, ביי פרעמדע, האָט ער נישט קיין מורא „למה יאמרו הגויים", ווען ער שטעכט אויף אייגענע געשווירן. די נאַציאָנאַלע גלייכע רעכט מיט אַלע פעלקער פאָדערט דאָס יידישע פאָלק נישט פאַר דעם נוצן, וואָס עס ברענגט זיי, אָדער פאַר זיינע גוטע מעשים אויף דער וועלט.

די פּראָסטע מצווה, וואָס אַ בן־נח, אַ גוי, האָט מקיים געווען, די מצווה „עזוב תעזוב", ווען ער האָט געהאָלפן מענדעלע מוכר ספרים און אַלטער יקנהז אַרויסשלעפן זייערע בוידן פון דער בלאָטע, די געוויינטלעכע קעגנ־זייטיקע מענטשלעכע הילף צווישן גויים און יידן, ווערט דורך קריבס פעדער סימבאָליזירט און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מעגלעכן גורם צו שנאת ישראל. די גויים וועלן דערזען, אַז צווישן זיי וווינט אַ פאָלק, וואָס אַנדערע דאַרפן אַרויסשלעפן זיינע פאַרזונקענע וואָגנס, וועט מען דען אַזאַ פאָלק נישט פיינט האָבן? און ער פרעגט: „ווער וועמען האָט געשלעפט פון זומפּ, צי איז דען פאַראַן אַ מין וואָגן אויף דער וועלט, וואָס יידן האָבן נישט געשטופּט? צי איז פאַראַן אַ מין זומפּ, וואָס איינע פון די זיבעציק אומות האָט אין איר געזונקען, אַז יידן זאָלן זיך נישט אָנגורטן מיט לייב און לעבן זיי אַרויסצו־

שלעפּן, צי איז דען געווען אײן פּרײַהײטס־באַוועגונג, וואָס ייִדן זענען נישט געגאַנגען אין זײער שפּיץ?" (ז' 80).

נאָך פריִער פון קריבן האָט דעם געדאַנק, נאָר אין אַן אַנדער פאָרעם, אויסגעדריקט מענדעלע. ער זאָגט אינעם נאָמען פון דער וועלטס אײביקער קליאַטשע: „פון אײביקע, אײביקע צײַטן איז מען אויף מיר געריטן, איט־לעכער האָט פון מיר, מער אָדער ווײניקער, גענאָסן. ווען מען האָב איך שוין אויף מײַן רוקן נישט איבערגעטראָגן? און ווען שאָדן בין איך שוין אין מײַן לעבן נישט אויסגעשטאַנען?" (קאַפּיטל 4).

ביי מענדעלען זעען מיר דער וועלטס עקספּלואַטאַציע פון ייִדישער מי, ביי קריבן — אַ זעלבסטבאַרימערײַ.

ס'איז אָבער אַ פראַגע, צי דער פאַקט אַליין און דאָס באַרימען זיך מיט דעם איז נישט געווען און איז נישט עלול אַרויסצורופן שׂנאת־ישׂראל. קען דאָך יעדע פון די שבעים אומות, יעדעס פאָלק נישט דולדן, ווען מען האַלט עס, ווי קריב, פאַר אַזאַ „עם שאין נפשו בעצם אלא שאחרים יוציאו את עגלותיו הטובעות", אַז נישט ער אַליין, נאָר ייִדן שלעפּן אים אַרויס פון דער בלאָטע. וואָס וועלן זאָגן צו אַזאַ באַרימערײַ פון קריב די אַמעריקאַנער, פראַנצויזן, טשעכן, אונגאַרן, דײַטשן, ווו מען האָט אין זייערע באַפרײַונגס־באַוועגונגען פון די פאַריקע יאָרהונדערטער נישט געזען קיין ייִדן אין דער שפּיץ?

פאַרשטײט זיך, אַז דער „עם מפוזר ומפורד בין כל העמים", אַ פאָלק, וואָס איז צעזײט און צעשפּרײט צווישן די פעלקער, איז אַרײַנגעפאַלן צוזאַמען מיט זיי אין די בלאָטעס און צוזאַמען מיט זיי זיך געריסן אַרויס פון די בלאָטעס.

ייִדן, פּירער פון די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד, האָבן אָביעקטיוו געדינט ווי אַ צילברעט פאַרן אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען. מען האָט געשלאָגן ייִדן פון בײדע זײַטן — אי ווי בורזשויען, אי ווי באָלשעוויקעס, כאָטש ייִדן זענען אין די באַוועגונגען (סיי רעאַקציאָנערע סיי רעוואָלוציאָנערע) נישט געווען קײן כּוח המכריע, און ס'איז אין גרויסן ספק די ייִדישקייט ביים רוב פון די ייִדן פּירער.

„מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון"

מענדעלע האָט מיט דער „קליאַטשע" אַריינגעפירט דורך דער פּאַראַדנער טיר אין דער ליטעראַטור די פּישקעס, די סענדערלעך, די שמואליקס און דעסגלייכן, מענטשן, וואָס שיינען אַרויס מיט זייער צלם אלוקים. אין די זעכציקער יאָרן זענען אין דער רוסישער ליטעראַטור אַריין די „ראַזנאָ־טשינצעס".[10] מענדעלע האָט אין „די קליאַטשע", ווי אויך אין דער שפּעטער־דיקער שאַפונג, נישט באַוויזן דעם יידישן אַרבעטער, אַפילו ווען ס'האָט שוין עקזיסטירט אַ היפשער יידישער פּראָלעטאַריאַט. מענדעלע איז אין זיינע שאַפונגען געבליבן מיט דער דעקלאַסירטער מאַסע, פון וועלכער ס'האָט זיך אויסגעשיכט דער פּראָלעטאַריאַט.

דער גרויסער פּראָלעטאַרישער גאָרקי, דער „פאָטער" פון דער סאָוועטי־שער ליטעראַטור, האָט אַחוץ פּאַוועל וולאַסאָוו פון זיין „מוטער" נישט באַוויזן קיין אַרבעטער־טיפּ, און די בורזשויקע, די נעגאַטיווע וואַסיאַ זשעלעזנאָוואַ, איז שטאַרקער, שאַרפער און בולטער, ווי איר שנור די סאָציאַליסטקע, וואָס איז מטושטש און שוואַך כּלפּי איר שוויגער.

„נאַ דניע", די „אונטער־וועלט" פון דער „איבער־וועלט" און די פּאַר־זונקענע אין שמוץ פון „סטראַסטי־מאַרדאַסטי", רעוואָלוציאָניזירן מער, ווי זיין „שטורעמפויגל".

מענדעלע האָט פּונקט ווי גאָרקי טיף איינגעזאַפּט אין זיך די קבצנישע וועלט אין דער קורצער אָבער פייַנפולער וואַנדערונג איבער יידישע שטעט־לעך אין זיין פריִעסטער יוגנט מיט אַברהמל דעם הינקענדיקן, דורכגעמאַכט אויפן יידישן אופן זיינע „אוניווערסיטעטן".

„די קליאַטשע" האָט נישט אָפּגעשלאָסן, ווי אַנדערע מיינען, דעם פּעריאָד פון מענדעלעס פּובליציסטיש־קינסטלערישן שאַפן. ער זעצט אים פאָר אין די שפּעטערדיקע „קליאַטשע"־וואַריאַנטן.

מענדעלע דערמאָנט נישט דעם יידישן פאַבריקאַנט, ווי ער דערמאָנט נישט דעם יידישן אַרבעטער. ס'רוב פאַבריקאַנטלעך זענען נעכטיקע בעלי־מלאכות און זיי זענען פּסיכאָלאָגיש נאָך מיט זיי פאַרבונדן, ווי דער סוחר איז דאָך נעכטן געווען אַ קליינער קרעמער.

מענדעלע האָט קיין מאָל נישט גערעדט פון אַ פּראָלעטאַרישן קלאַסנ־קאַמף, אָבער מיר זעען כּמעט דאָס גאַנצע אָרעמע אונטערדריקטע יידישע פאָלק, וואָס איז פול מיט פּראָטעסט קעגן דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

די קרוין פון זיידן

„„דער שטורעם, אין וועלכן גאָט און די גערעכטיקייט וועלן זיך באַווייזן, וועט, מיין איך, זיין אַ גרעסערער, אַ שטאַרקערער פון דעם, וואָס איז געווען נישט לאַנג!...״ („„די קליאַטשע״, קאַפּ׳ 12).

דאָס האָט מענדעלע געשריבן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד.

מיר, וואָס האָבן דורכגעלעבט דעם שטורעם און האָבן דערלעבט צו זען דעם „איוב״ אָן אויפגעריכטן מיט נייעם לעבן אין אייגענעם לאַנד, ווייסן, וויפל דאָס האָט אונדז געקאָסט. אָבער דער שטורעם האָט נישט פאַרניכטט איובס נשמה. דער שׂטן האָט מקיים געווען גאָטס באַפעל „זיין גייסט, זיין נשמה זאָלסט דו היטן״... דאָס פאָלק, אַרויסגעריסן פון די אַלטע גלות־היימען, האָט זיך איבערגעפּלאַנצט אין מדינת־ישׂראל. די אַלטע גלות־נשמה האָט באַקומען אַ נייעם תּיקון. דער אַלטער דעמב — דער קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור־צווילינג (יידיש־העברעיש) — איז געבליבן איינגעוואָרצלט פעסט אין אונדזער נייער און נייעסטער ליטעראַטור־געשיכטע.

זיין „די קליאַטשע״ לאָזט אונדז נישט פאַרגעסן, לאָזט אונדז נישט פאַרגעבן די געשיכטע פון אַכזריות און ווילדקייט. אויף דער קליאַטשעס „אָנגעבאַרעטער פעל מיט די בלויע צייכנס״, איר „צעקאַרדאַשעטן רוקן מיט די ביילן איז די געשריבענע געשיכטע פון יענע אַלטע דורות״ (קאַפּ׳ 4).

גריבאָיעדאָוו איז געוואָרן אַ קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור בלויז מיט איין־און איינציקן סאַטירישן ווערק „אַ צרה מיטן שׂכל״ („גאָריע אָט אומאַ״). ווען מענדעלע וואָלט אָנשרייבן בלויז „די קליאַטשע״ אַליין, וואָלט ער שוין פאַרדינט די קרוין פון קלאַסיקער.

„די קליאַטשע״ דאַרף מען צורעכענען צו יענע קלאַסישע קונסטווערק, וועלכע פאַרבלייבן אויף דורות און תּקופות.

די „קליאַטשע" דאַרף נאָך פון זיך אַראָפּוואַרפן די נייע ישׂראליקס, וואָס רייטן נאָך אויף איר.

די ליטעראַטור שאַפט נישט קיין פּראָבלעמען און דערלייזט זיי נישט. די ליטעראַטור אַנטפּלעקט זיי, דער מענטש און די געזעלשאַפט זוכן פאַר זיי אַ לייזונג. אַ סך פּראָבלעמען, נישט געלייזטע, האָט געלאָזן מענדעלעס „קליאַטשע"; די וויכטיקסטע פון זיי איז פאַר אונדז דער שטרייט צווישן נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרלייקענונג און נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג — דער קאַמף, וואָס פירט זיך אין די תּפוצות ישׂראל פאַר באַפרייען די קליאַטשע פון איר כּישוף.

---

1 סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, באַנד 15, ז' 340.

2 אברהם קריב, עטרה ליושנה, תל־אביב, „דביר", תשי"ז (1956).

3 יודישעס פאָלקסבלאַט, פּעטערבורג, 1889, נומ' 16–17.

4 דער אַרויסטריט פון קריב קעגן מענדעלען איז איינגעשלאָסן אין זיין נייער אויפלאַגע פון 1973.

5 „ר' חיים פון וואָלאָזשין האָט געשריבן צו זיין ברודער ר' זלמן, אַז דער גאון רבינו אליהו האָט נישט געהאַלטן פאַר חשוב די עלית נשמה און באַפוילן אינעם נאָמען פונעם גאון רבינו אליהו, ער זאָל נישט אַננעמען קיין שום מיטלען, נאָר דאָס, ער זאָל זיך באַמיִען און פאַרשטיין דורך זיין מי און אַרבעט. און דאָס איז גרעסער, האָט געזאָגט אונדזער רבי. די וווּנדערלעכע דערגרייכונגען אין שלאָף דורך עלית נשמה איז ביי אים נישט דער עיקר, דער עיקר איז דאָס, וואָס דער מענטש דערגרייכט אויף דער וועלט דורך מי און ווענדט זיך זעלבסט צו דברי־תּורה. מיט דעם פאַרשאַפט ער נחת זיין שעפער".

6 „הוי גוי חוטא, עם כּבד עון, זרע מרעים, בנים משחיתים" — („זינדיק פאָלק, אַ פאָלק שווער מיט פאַרברעכן, שלעכטע פאַרדאַרבענע קינדער") (ישעיה א' ד).

7 ש. אייזנשטדט — פּרקים לתולדות תנועת הפועלים היהודית, ת"א, „דביר" 1970; חלק א'; זונדעלעוויטש, זכרונות, „צוקונפט" 1914, ז' 831–839 און „צוקונפט" 1916.

8 י.ל. פּרץ, אַריינפיר־אַרטיקל אין זאַמלבוך מענדעלע מוכר־ספרים צו זיין 75־יאָריקן יובילעום, וואַרשע, 1910.

9 דאַכט זיך פון יל"ג.

10 פאַראַרעמטער אָדל.

למדו היטב — האָבות והבנים

אין זיינע „רשימות לתולדותי" (שטריכן צו מיין ביאָגראַפיע) שרייבט מענדעלע מוכר־ספרים: „צוזאַמען מיט דעם האָב איך געפּרוווט פֿאַרפֿאַסן אַ סיפור אין אַ קלאָרן לשון־קודש, געשטיצט אויפֿן פֿאָלקסגייסט און פֿאָלקס־לעבן פֿון מיין צייט. פֿון דעם סיפור האָב איך אַרויסגענומען איינציקע קאַפּיט־לען און עס אָפּגעדרוקט מיט אַן אַריינפֿיר־וואָרט אין אַ באַזונדער בוך אונטערן נאָמען למדו היטב — סיפור אהבים, וואַרשע 1862".

אין זיין „דבר אל הקורא" שטרייכט אונטער אַבראַמאָוויטש, אַז מען קען נישט קריטיקירן דאָס ווערק, ווייל ס'איז נישט פֿאַרענדיקט (כי אין להמבקר להקדים פיו לאזניו). אויף דעם פֿיר און זיבעציקסטן זייטל ענדיקט זיך למדו היטב מיט אַ צושריפֿט „תום החלק הראשון" (סוף פֿון ערשטן טייל).

באמת האָט די קריטיק פֿון יענער צייט כמעט נישט באַמערקט דאָס ווערק. למדו היטב איז געלעגן ווי פֿאַרגעסן אונטער דעם גרויסן באַרג מיט אוצרות, וואָס עס האָט אונדז געלאָזן אונדזער גרויסער קלאַסיקער. דורות מיט מענדעלע־פֿאַרשערס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס ווערק מיט קורצע אַגב־אורחאדיקע באַמערקונגען. אַלע זענען געווען איינשטימיק אין דעם, אַז למדו היטב איז געווען דער ערשטער נישט־געראָטענער פּרווו פֿון אַבראַ־מאָוויטשן צו שרייבן אַ ראָמאַן. דער ראָמאַן פֿלעגט דערמאָנט ווערן נאָר ווי אַ שטריך צו מענדעלעס ביאָגראַפֿיע. ערנסטער זענען געווען די אָפּהאַנד־לונגען פֿון פּאַפּערנאָ און שפּעטער פֿון יוסף קלויזנער. דאָס זענען אָבער נישט געווען אַזעלכע גרינטלעכע פֿאַרשונגען, צו וועלכע מיר האָבן זוכה געווען צום הונדערטסטן יובל פֿון למדו היטב און האָבות והבנים (1962 און 1968). דאָס זענען די אַרבעטן פֿון שמואל ווערסעס[1] און דן מירון.[2]

זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז דן מירון איז געגאַנגען פּוסטריט נאָך שמואל ווערסעס.

אין די יאָרן 1968—1969 האָט דער מחבר פון דעם אַרטיקל אָנגעשריבן אַן אַרבעט איבער למדו היטב — האָבות והבנים. די אַרבעט איז איבערגעלאָזן געוואָרן אין רעדאַקציע פון סאָוועטיש היימלאַנד פאַר דער עליה פונעם מחבר קיין ישראל. זי וועט מסתמא נישט געדרוקט ווערן. ביים באַקענען זיך מיט די אַרבעטן פון די ישראל־פאַרשערס האָט דער מחבר באַשלאָסן צו באַנייען די אַרבעט, וועלכע ער האָט געמאַכט אין לענינגראַד, ווייל זי שיידט זיך אונטער פון זיי פּרינציפּיעל.

למדו היטב — אַן אָנזאָג

„ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן שרייבן און די ערשטע זאַך אויפגעשריבן, איז צו מיר געקומען דער שׂטן, דאָס איז דער אָפּשפּעטער, וואָס געוועלטיקט איצט אין מיר אין געשטאַלט פון מענדעלע מוכר־ספרים, און האָט מיך אָנגערעדט אָפּצושפּאָטן פון מענטשן און אָראָפּרייסן פון זיי די מאַסקע" („רשימות לתולדותי").

דער ערשטער אָנזאָג, דער קול־מבשׂר פון ביאַת־מענדעלע, איז געווען זיין קליינער ראָמאַן למדו היטב. דאָ האָט אַבראַמאָוויטש זיך פּראָקלאַמירט ווי אַ סאַטיריקער. די גאַנצע הקדמה (דבר אל הקורא) קלערט אויף די פּאָזיטיווע ראָלע פון סאַטירע, איר נוצן פאַר אויסבעסערן די געזעלשאַפט־לעכע מאָראַל. דער אידעישער יסוד איז אָפּהאַלטן מענטשן פון פאַרברעכנס „און אַ סוף מאַכן צו זינד" (לכלא הפשע ולחתום חטאות).[3] פאַרברעכערס האָבן מורא מע זאָל נישט אויפדעקן זייערע פאַרברעכנס. די דעמאַסקירנדיקע סאַטירע איז דעריבער מסוגל צו פאַרמיידן שלעכטס... אַבראַמאָוויטש שטרעבט צו דעמאַסקירן און אויסשפּעטן די, וואָס שטאָפּן זיך אָן מיט געלט דורך שווינדל, די, וואָס זיי איז גוט פון פאָלקס אומגליק (אנשים כאלה אשר בצרת עמנו להם טוב).

למדו היטב דאָס איז אַ פּראָגראַם פאַר ליטעראַטור און קונסט, וואָס אין איר יסוד איז די עטיק.

די טעאָריע פון עסטעטיק, וואָס באַטראַכט די עסטעטיק ווי אַ באַזונדערע

פאָרעם פון וועלטבאַנעם, איז אויף אַ ווונדערלעכן אופן אויסגעדריקט דורך אַבראַמאָוויטשן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק.

די נאַטור־וויסנשאַפט איז נייטיק פאַרן מענטשן צו דערקענען די אַרו־מיקע נאַטור, כּדי צו האָבן נוץ פון איר. די קונסט און די ליטעראַטור דאַרפן אונדז לערנען צו דערקענען אונדזער אייגענע נאַטור. די נאַטור פון מענטש קען באַקומען איר תּיקון נאָר דורך דערקענטעניש. דער מענטש קען איבער־מאַכן די אַרומיקע נאַטור, ווען ער אַנטפּלעקט אירע געזעצן. ער קען איבער־מאַכן זיין אייגענע נאַטור, ווען ער לערנט די געזעצן פון לעבן (ללמוד חוקי חיים ולעשות הטוב והישר בלבב שלם).

די ליטעראַטור און קונסט דאַרפן אונדז געבן אַליין־דערקענטעניש (הלא נחוץ לו לדעת את עצמו מה הוא? אם לא יתהלך בחוקותיו נגד המוסר". ז׳ 28). די ליטעראַטור און קונסט זענען אַ רעזולטאַט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, פונעם לעבעדיקן לעבן, פונעם פאָלק און איינצייטיק אויך אַ סיבה, אַ ווירקנדיקער גורם, אַ פאַקטאָר אויף אויסצובעסערן דאָס דאָזיקע לעבן.

דער מאָטאָ למדו היטב, דער פסוק פון ישעיהו, איז געגעבן נישט־פאַרענדיקט, אָבער דער לייענער דאַרף האָבן אין זינען דעם גאַנצן פסוק מיטן „למדו היטב": „רחצו, הזכו, הסירו רע מעלליכם מנגד עיני, חדלו הרע, למדו היטב, דרשו משפט, אשרו חמוץ, שפטו יתום, ריבו אַלמנה" (ישעיה א׳, י"ז).

למדו היטב איז אויף אַזאַ אופן ביי אַבראַמאָוויטשן אַ ווערק, וואָס דאַרף ווירקן עמאָציאָנעל דירעקט אויף די מענטשן און אויפן לעבן פון דעם יחיד אין דער געזעלשאַפט.

דאָס וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געפאָדערט פון דער ליטעראַטור ווי אַ קריטיקער אין זיינע פובליציסטישע אַרויסטרעטונגען, טוט ער אַליין ווי אַ קינסטלער אין זיין בעלעטריסטיק. דער יסוד פון אַבראַמאָוויטש־מענדעלעס שאַפן איז געווען און געבליבן: פון פאָלק פאַרן פאָלק. מיט דער אידעע האָט ער געלעבט און געאָטעמט. זיינע קינסטלערישע ווערק זענען געווען אַ המשך פון זיינע קריטיש־פובליציסטישע — „משפט־שלום", „עין משפט", „מה נעשה".

דער ענטפער, וואָס מענדעלע האָט געגעבן זיינע קריטיקערס אין אַריינ־

פיר (אל הקורא) צו למדו היטב, איז אָביעקטיוו געווען אַן ענטפער אויף פּאַר מענדעלעס קריטיקערס אויף דור־דורות עד היום הזה. איז דען נישט דאָ אַן ענטפער דעם יעניקן קריטיקער, וואָס האָט דאָ נישט לאַנג אין ישׂראל, גלייך ווי יענע קריטיקערס פון מענדעלעס צייט, אויפגעהויבן די שטים מיט גרויס צאָרן: „ראו, בא איש עברי לצחק בנו! יחלל שרי קדש ויתן לחרם יעקב וישראל לגדופים״? האָט דען אַבראַמאָוויטש דאָ נישט אָנגעגריפן יענע קאַזיאָנע קריטיקערס פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן אויסגערופן אַ חרם אויף סאַטירע און לאָזן נישט אַרויף אויף דער שוועל פון ליטעראַטור דעם נעגאַ־טיוון העלד? איז דען דאָ נישט קיין אורטייל פאַרן קולט פון לויב און חניפה, וואָס עס פריידיקן יענע קאַזיאָנע קריטיקערס? (כי הספרים ההם, שבתוכם התגלע עול וחטאת עם הפעילו הרבה יותר מאלה, אשר שם אך יתגדל ויתקדש שם הצדקה).

אין סך־הכל האָט אַבראַמאָוויטש מיט זיין למדו היטב נישט געמאַכט קיין ליטעראַרישע פּרווון, ווינציקער פון אַלע מאַנעווורירט מיט זשאַנערס. דער עיקר, דער יסוד איז געווען — די פונקציעס פון ליטעראַטור און זיין זעלבסטבאַשטימונג אין דער ליטעראַטור ווי דער קומענדיקער מענדעלע מוכר־ספרים.

דן מירון שרייבט: „פון אַ ברייטערן היסטאָרישן קוקווינקל איז למדו היטב געווען אַ פּרווו פאַרויסצורוקן אַ ליטעראַרישן זשאַנער, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט פאַרפלאַנצט געוואָרן אין דעם באָדן פון דער העברעישער ליטעראַטור און זיין גאַנצער אָנהאַלט איז נאָך געווען אין דער בחינה פון אַן עקספּערימענט״ (ז׳ 4).

דאָס קען מען קוים דערזען, ווען מען באַטראַכט דאָס ווערק רעטראָ־ספּעקטיוו פון אַ ספּעציפיש־ליטעראַרישן קוקווינקל. ווען אָבער מען באַ־טראַכט דאָס ווערק אָביעקטיוו פון אַ ברייטערן היסטאָרישן קוקווינקל, מוז מען דערזען די געזעלשאַפט, דאָס פאָלק, פון וועלכן און פאַר וועלכן ס׳איז געשאַפן.

דער מיטצייטלער און נאָענטער צו אַבראַמאָוויטשן י. ח. ראַווניצקי רעדט וועגן דעם, אַז אַבראַמאָוויטש האָט אין יענער צייט, ווען ער האָט געאַרבעט איבער זיין תולדות הטבע, זיך פאַרנומען מיט בעלעטריסטיק בלויז צייט־

ווייליק, כדי צו פּרוּוון זיין כּוח אויסצומאָלן דאָס לעבן פון זיינע ברידער־ייִדן פון יענער צייט (נישט קיין ליטעראַרישע פּרוּוון מיט זשאַנערס, נאָר פּרוּוון צו מאָלן דאָס לעבן). ראַווניצקי דערציילט אויך וועגן דעם, אַז אַבראַ־מאָוויטש האָט נאָך נישט געפילט און נישט דערקענט זיין באַרוף, צו וועלכן ער איז באַשאַפן מיט זיין פאַרבאָרגענעם כּוח און שטאַרקן גייסט.[4] צי קען מען רעדן וועגן יענעם אַבראַמאָוויטשן, אַז ער האָט זיך געפּרוּווט אַרויסרוקן אין דער ליטעראַטור אַ נייעם זשאַנער?

אמת, אַבראַמאָוויטש האָט מיט למדו היטב זיך אַליין באַשטימט אין דער קינסטלערישער העברעישער און יידישער ליטעראַטור, אָבער פון אַן אַנדער קוקווינקל — פון רעאַליסטיש־קריטישן. דער רעאַליזם האָט געצווּונגען אַבראַמאָוויטשן צו זוכן און געפינען זיין זשאַנער און זיין סטיל. דאָס וואָס דער שפּעטערדיקער מענדעלע האָט זיך אומגעקערט צו האָבות והבנים, ווען די העברעישע ליטעראַטור האָט שוין אַריבערגעשפּרייזט מפּו, באַווייזט, אַז למדו היטב — האָבות והבנים איז געווען ביי אַבראַמאָוויטש־מענדעלע נישט קיין ליטעראַרישער עקספּערימענט, נאָר אַן אַנטפּלעקונג פון זיינע כּוחות צו ווירקן אין געזעלשאַפטלעכן געראַנגל מיט קינסטלערישע מיטלען.

מענדעלע־שטריכן אין למדו היטב

אין אַלע זיינע ווערק האָט דער מאָלער און קינסטלער געלאָזן רעדן זיינע העלדן מיט זייער באַזונדערן ריידשטייגער. דער ריידשטייגער, איבער־געגעבן דורך מענדעלען, איז ווי אַ לעבעדיקער שטראָם, אין וועלכן מיר זעען יעדן רינצל, יעדן קנייטש. מיר דערזעען און דערקענען דעם כּאַראַקטער, דעם דרויסנדיקן אויסזען, דאָס פּנים און דעם פּנימיותדיקן דענקען און פילן, דעם מוח און דאָס האַרץ נישט נאָר פון די געשילדערטע העלדן, נאָר אויך פון דער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק.

דאָס טוט מענדעלע ס׳רוב ביים שילדערן זייטיקע עפּיזאָדישע פיגורן. דאָס איז דער פאַן, דאָס לייוונט, אויף וועלכע ס׳באַוועגן זיך זיינע הויפּט־העלדן. סענדערלס „אַ דאגה איך האָב" מאַכט שאַרפער בנימינס טרוימעריש־קייט אין מסעות בנימין השלישי. מלכּה־טויבעניו און טריינע־סאָסעניו (דאָס

ווינטשפינגערל) שמועסן אין קיך און מען דערזעט גלייך זייערע קאַרגע בעל־הביתטעס מיט זייער גאַנצן אופן פון לעבן און זייער סביבה.

ישׂראליקס מאַמע ציפּע און איר שכנה ברײַנע אין די קליאַטשע באַווייזן דאָס נאָרמאַלע לעבן פון „ישׂראליק דעם משוגענעם". דער גנבים־זשאַרגאָן פון רויטן ממזר „אַ קיינק אים אין די ביינע איאָן" און פון זיינע לייט כאַראַקטעריזירט די סביבה, מיט וועלכער עס קומט אויס צו ראַנגלען זיך פּישקע דעם קרומען מיט זיין האַרבאַטער, אויפן פאָן פון אַזאַ מגושמדיקער קאַלטער אַכזריות שיינט אויף מיט אַ לויטערער טיפערער מענטשלעכער וואַרעמקייט די צאַרטע ראָמאַנטישע ליבע פון פּישקען מיט דער האַרבאַטער.[5] אין למדו היטב ביי דער כאַראַקטעריסטיק פון מעכהן, איר אופן פון פּילן און טראַכטן איז באַנוצט די שטייגערישע ריידשפּראַך. אַבראַמאָוויטש האָט זיך אַפילו נישט באַמיט צו געפינען דעם העברעיִשן אַדעקוואַט פאַר יידישן אידיאָם. ער גיט אים אין אַ העברעיִשער קאַלקע און גלייכצייטיק ווי ער קלינגט אין יידיש (חלב צפור — פויגלמילך; קערת שמים — דאָס טעלערל פון הימל; היא נושאת הכובע — זי גייט אין ספּאָדעק; ותוליכהו בחוטם — זי פירט אים ביי דער נאָז; יכנס רוח באבי אביו — אַ רוח אין טאַטנס טאַטן אַריין). די רעאַליסטישע מעכה מאַכט בולטער די „ראָמאַנטישע" נעמי, דאָס אָפּגעציטערטע גבירישע בת־יחידהלע, וואָס קאָקעטירט מיט דער השׂכּלה, איז פאַרליבט אין אַ לערער אַ משׂכּיל און האָט מיט אים חתונה, ווען ער ווערט אַ סוחר...

אין די רעאַליסטיש געשילדערטע איבערלעבענישן פון מעכהן זעען מיר בולטער דעם פאַנאַטישן חסידישן דעספּאָט אפרים. אויף תמימותדיקייט פון אַזעלכע ווי מעכה האַלטן זיך אויף די „אייניקלעך", אָט די אַלע שלעכטע „גוטע יידן".

אין למדו היטב איז נאָך נישטאָ דער שפּעטערדיקער מענדעלעס העברעיִשער סגנון, אָבער דער יידישיזירטער העברעיִש באַווייזט אויף אַבראַמאָוויטשעס נטיה צו „אַ העברעיִשן סגנון, וואָס זאָל זיין לעבעדיק און זאָל רעדן אַ קלאָרע און פּינקטלעכע שפּראַך, ווי מענטשן אין אונדזערע צייטן און אונדזערע ערטער רעדן"...[6]

דער דאָזיקער יידישיזירטער העברעיִש געפינט זיך אין למדו היטב

אין אַ סך אַ גרעסערער דיסטאַנץ פון דעם לומדיש־משׂכּילישן העברעיִש, ווי דאָס איז צו מערקן אין אַנדערע שפּעטערדיקע העברעיִשע ווערק, ווו מענדעלע געפינט אַפילו העברעיִשע אַדעקוואַטן פאַר יידישע אידיאָמען. אין אַבראַמאָוויטשעס למדו היטב איז שווין צו באַמערקן מענדעלעס שפּראַכ־אויסדרוק ווי אַ מיטל פאַר זיין קינסטלערישער מאַלעריי.

האָבות והבנים

פון למדו היטב (1862) ביז האבות והבנים (1867—1868) איז דורכ־געגאַנגען אַ גרויסער אָפּשניט פון צייט. איז דעריבער קלאָר וואָס דאָס ווערק האָט איבערגעחזרט דעם למדו היטב. אין תּוך איך דאָך האָבות והבנים דער ערשטער וואַריאַנט (דער פולער טעקסט) פון למדו היטב. מען קען אָבער דעם טעקסט נישט אַננעמען פאַר אידענטיש מיט דעם טעקסט פון ערשטן סיפור, פון וועלכן ס׳זענען גענומען די צוועלף קאַפּיטלען פון למדו היטב. פאַר די זעקס יאָר האָט מענדעלע געוויס אַריינגעטראָגן שנויים. מע קען זיי אָבער נישט פאַרגלייכן, ווייל מיר האָבן נישט דעם ערשטן טעקסט.[7] מיר קענען נאָר פאַרגלייכן דעם געקירצטן טעקסט פון למדו היטב מיט זיין פולן האָבות והבנים (1868) — וואָס איז דערנאָך, אַ ביסל געקירצט, אַרויס אין 1912. מיר האָבן, הייסט עס, צוויי געקירצטע וואַריאַנטן פון דעם ווערק (1862 און 1912). (אַנדערש ווי אין אַנדערע זיינע וויכטיקע שאַפונגען, וואָס זענען צו ערשט אַרויס אין קורצע עסקיזן און דערנאָך אין גרעסערע ווערק. דאָס איז געווען מיט דאָס קליינע מענטשעלע, ווינטשפינגערל, פישקע דער קרומער, די קליאַטשע). דער ערשטער האָבות והבנים, איבערגעזעצט אין רוסיש דורך ל. בינשטאָק, איז געגעבן געוואָרן אויף רעצענזירן איינעם אַ רוסיש־יידישן שרייבער גאָלדענווייזער. בינשטאָק האָט געוואָלט פאַר־אינטערעסירן דורך אים די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל רוסקי וויעסטניק צו נעמען דאָס ווערק אָפּצודרוקן. אָבער גאָלדענווייזערן איז נישט געפעלן געוואָרן דער ראָמאַן.

אַבראַמאָוויטש האָט שטאַרק רעאַגירט אויף דער נעגאַטיווער רעצענזיע פון גאָלדענווייזער; ער האָט געהאַלטן, אַז גאָלדענווייזער איז „אַ שלעכטער מענטש און אַחוץ דעם איז ער נישט באַקאַנט מיט דעם לעבן פון די יידן,

צו וועלכע ער האָט געוויס אַ געפיל פון שפּאָט, ווי די אַנדערע היינטיקע עם־הארצישע יונגע־לייט.[8] ער וואַרפט פאַר בינשטאָקן: „איצט זעט איר, מיין טייערער, אַז איר האָט געטאָן אַ פעלער, וואָס איר האָט מיך נישט געפּאָלגט און נישט אָנגעשריבן אַ הקדמה צו אייער איבערזעצונג, כּדי צו דערקלערן, אַז ביי היינטיקער צייט, ווען די ליטעראַטור שטרעבט אָפּצו־שפּיגלען אין זיך דאָס לעבן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, אויך פון דעם אָרעמסטן; ביי היינטיקער צייט, ווען די ליטעראַטור איז אַוועק פון דער אַבסטראַקטקייט, בכדי צו באַהאַנדלען דאָסווירקלעכע לעבן און זי שעמט זיך נישט צו שילדערן באַשקירן, קאַלמיקן אאַ״וו; ביי היינטיקע צייטן, ווען די ליטעראַטור באַמיט זיך צו קענען און פאָרשטעלן דעם לעבנסשטייגער פון אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין אונדזער לאַנד — מוז זי אויפנעמען אויך עפּעס פון ייִדישן לעבן״ (דאָרט).

מיר האָבן אונטערגעשטראָכן די שורות, וועלכע זענען לויט אונדזער מיינונג דאָס וויכטיקסטע, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געוואָלט זאָגן מיטן ווערק.

אַבראַמאָוויטש איז געגאַנגען אין וועג פון דער פאָלקיסטישער בעלע־טריסטיק אין יענער צייט, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור דעם „ראַזנאָטשינעץ״ (דעם אָרעמסטן). די פאָלקיסטישע בעלעטריסטיק האָט געהאַט אין זינען דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס מער, ווי דעם ליטעראַריש־עסטעטישן. דאָס עסטעטישע איז געווען לשם דער געזעלשאַפט. די ליטעראַ־טור האָט נישט געקענט זיין אַבסטראַקט, די פּאָעזיע — נישט קיין בת־השמים, באַזינגט „דאָס ווירקלעכע לעבן״ אויף דער זינדיקער ערד. „די פאָלקיסטישע בעלעטריסטיק מאָלט פאַר אונדז נישט קיין אינדיווידועלע כאַראַקטערן און נישט קיין אינערלעכע פּסיכישע איבערלעבונגען פון דעם יחיד, נאָר די געוווינהייטן, השׂגות און דער עיקר דעם געזעלשאַפטלעכן לעבנס־שטייגער פון דער מאַסע. זי זוכט אין פאָלק נישט סתּם אַ מענטשן מיט זיינע אינעווייניקסטע איבערלעבונגען, נאָר דעם פאָרשטייער פון אַ באַ־שטימטן געזעלשאַפטלעכן קלאַס, וואָס טראָגט באַשטימטע געזעשאַפטלעכע אידעאַלן. פאַרן געדאַנקען־בליק פון די בעלעטריסטן־פאָלקיסטן טראָגן זיך נישט קיין בולטע קינסטלערישע געשטאַלטן, נאָר פּראָזאַישע, הגם ברענענ־דיקע פראַגעס פון דער פאָלקס־עקאָנאָמיע״.[9]

האָבות והבנים, אין רוסיש איבערגעזעצט פון בינשטאָק, האָט געהאַט אַן אונטערקעפּל נישט ווי אין למדו היטב פראָסט „אַ ראָמאַן" (סיפּור אהבים), נאָר „אַ ראָמאַן פון ייִדישן שטייגער".

ניקאָליי פּעסטרעטשענקאָ, וואָס האָט געהאָלפן אַרויסצוגעבן דעם ראָמאַן, האָט אויך געגעבן אַ לענגערע הקדמה. באַלד פון אָנהייב וואָרנט ער, אַז מע זאָל נישט זוכן קיין פאַרגלייך מיט טורגעניעווס ראָמאַן, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען, אָנווייזנדיק, אַז ער איז באַשטימט מער פאַרן רוסישן לייענער־פּובליקום, ווי פאַרן ייִדישן. ער מאַכט אַ קורצן עקסקורס אין דער ייִדישער געשיכטע, וועלכע ער איז תּופס ווי אַ ליבעראַל. אין דעם, וואָס דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך אָפּגעזונדערט און איז פאַרבאָרגן פאַר די רוסישע, זענען שולדיק די אומשטאַנדן, און כּדי צו העלפן אָפּשאַפן די אָפּגעזונדערטקייט מוזן די רוסישע מענטשן בעסער באַקענען זיך מיטן ייִדישן לעבן. ער באַמערקט, וויפל מען פּטרט מי און מיטלען צו דערקענען די שבטים פון דער ווילדער ווייטער אַפריקע אין דער צייט, ווען מען קען נישט די ייִדן, וואָס ווינען דערנעבן.

אַבראַמאָוויטש פּראָטעסטירט קעגן דער הקדמה דערפאַר, וואָס עס ווערט אין איר אָנגעוויזן, אַז דער ראָמאַן איז באַשטימט מער פאַרן רוסישן לייענער, ווי פאַרן ייִדישן, און וואָס ער האָט „אָנגעפּלוידערט פיל זאַכן, וואָס זענען קעגן מיינע מיינונגען און קעגן מיין פאַרלאַנג".[10] אַבראַמאָוויטש דערקלערט קאַטעגאָריש: „איך האָב קיין מאָל אין לעבן צו פּעסטרעטשענקאָ נישט געשריבן" און ער האַלט פאַר אומגערעכט און אומגעזעצלעך דאָס וואָס פּעסטרעטשענקאָ האָט אָן זיינער און אָן בינשטאָקס הסכּמה זיך געמאַכט פאַר אַן אַרויסגעבער.[11]

אין די ערשטע נומערן פון 1868 האָבן אָפּגעדרוקט רעצענזיעס די רוסישע זשורנאַלן: אָטיעטשעסטווענ‍ניִע זאַפּיסקי, ווסעמירני טרוד, זשענסקי וויעסטניק; די רוסיש־ייִדישע: הכּרמל (רוסיש) און דיען. אָטיעטשעסטווענ‍ניִע זאַפּיסקי האָט אין אַן אויפגעבראַכטן טאָן געטאַדלט די חוצפּה צו ספּעקולירן מיטן נאָמען פון טורגעניעווס אָטצי אי דיעטי און באַמערקט, אַז אַבראַמאָוויטש האָט נישט ריכטיק געשילדערט דעם לעבנס־שטייגער פון דער ייִדישער יוגנט אין יענער צייט. כאַראַקטעריסטיש, אַז דער רעצענזענט, וואָס ווייס בעסער

דאָס ייִדישע לעבן ווי אַבראַמאָוויטש, ווייס נישט, ווער איז דער אַבראַמאָ־וויטש, און ער שרייבט מיט אַ טאָן פון פאַראַכטונג: „עפּעס אַן אַבראַמאָוויטש".

דערקעגן, דער רעצענזענט פון זשענסקי וויעסטניק ווייס צו דערציילן, אַז ער האָט געפונען אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַ ביכעלע פון אַבראַ־מאָוויטש למדו היטב.

אַלע רעצענזענטן זענען אייניק אין זייער נעגאַטיווער שטעלונג צו דעם ווערק. די ווירקלעכקייט איז נישט אַזאַ פינצטערע ווי אַבראַמאָוויטש שילדערט זי, און די געשטאַלטן זענען נישט קינסטלעריש געשילדערט, נישטאָ קיין פּנימיותדיקע שאַרפע איבערלעבונגען.

די רוסישע קריטיק האָט געהאַט פאַר זיך די אַנגערוישטע פּאָלעמיק אַרום טורגעניעווס אָטצי אי דיעטי. דאָ האָט מען נישט אַרויסגעזען קיין ייִדישן באַזאַראָוו, קיין ניהיליסטן. די רוסישע קריטיקערס, וועלכע האָבן דעמאָלט באַגעגנט מיט פיילן די פּאָלקיסטישע בעלעטריסטיק, למשל פון אַזאַ ווי גלייעב אוספּענסקי, האָבן געהאַט פאַר זיך די עסטעטישע שיטה, וואָס האָט געפּסלט ליטעראַריש־קינסטלערישע שאַפונגען מיט אַ טענדענץ — נישט „פויגל־פרייע" פּאָעזיע...

אַבראַמאָוויטש, וואָס איז געווען בראשו־ורובו איינגעטונקען אין טענ־דענץ, האָט, פאַרשטייט זיך, נישט צופרידנגעשטעלט די קריטיקערס־עסטעטן...

מענדעלע האָט זיין גאַנץ לעבן „געפיילט זיינע ווערק", געשטרעבט צו עסטעטישער שלמות, אָבער שטענדיק איז מיט אים געווען דער שׂטן־מקטרג, די גנזעלשאַפטלעכע סאַטירע, און ער האָט געצווונגען זיין פּאָעטישע נשמה־יתירה אויך מיט אים „זיך אַראָפּצולאָזן אויפן נידעריקן טרעפּל פון ייִדישן לעבן" (הקדמה צו פישקע דער קרומער) „וואָס איך זאָל נישט וועלן עפּעס דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אָפּיר די טאָרבע" (דאָרט).

דער רעצענזענט פון הכרמל האָט באַגריסט די רוסישע האָבות והבנים מיינענדיק, אַז ער האָט פאַר זיך אַ נייעם לעוואַנדע, וועלכער דאַרף פאַר דעם רוסישן עולם אויסמאָלן „פינקטלעך דאָס איצטיקע ייִדישע לעבן און נישט באַשרייבן די לאַנג־פאַרגאַנגענע צייט. די הויפּטאויפגאַבע איז צו באַקענען דאָס רוסישע פּובליקום נישט נאָר מיט די קינדער, נאָר אויך מיט די עלטערן". דער רעצענזענט האַלט, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ סך

בילדער פונעם יידישן לעבן זענען אינעם ווערק געשילדערט טרעפלעך, זענען זיי דאָך פאַרעלטערט און ס׳זעט אויס, ווי דאָס בוך וואָלט געשריבן געוואָרן שוין לאַנג. (מיר ווייסן נישט, צי האָבן דעמאָלט די זעקס יאָר צווישן למדו היטב און האָבות והבנים זיך גערעכנט שוין לאַנג). דער רעצענזענט מיינט, אַז ביים שילדערן די עלטערן האָט אַבראַמאָוויטש צו פיל אוטרירט, ווי למשל ביים באַשרייבן, ווי אפרים טרעט דעם הייליקן תנך מיט די פיס... די שווינדלערישקייט פון דעם כּוזבער צדיק, דעם חדר, די נישטיקייט פון יחיאלן אאַ״וו. ער פאַרשטייט נישט אַבראַמאָוויטשעס גראָטעסק, דורך וועלכן ער באַווייזט דאָס לעבן.

קאָוונער אין דיען רוקט אויך אַרויס די זעלביקע טענות צו אַבראַמאָ־וויטשן — קינסטלערישע שוואַכקייט, נישט־היינטצייטיק. אַבראַמאָוויטש זעט נישט די טענדענץ, די שטרעבונג פון דער יוגנט אָוועקצוגיין פון העברעיש צו רוסיש... אמת, קאָוונער האַלט אונטער אַבראַמאָוויטשעס ליטעראַטור־קריטיק און זיין קוקפּונקט וועגן דער ראָלע פון דער ליטעראַטור.

דער אָפּקלאַנג פון האָבות והבנים ווייזט אונדז אויס ווי אַן עכאָ פון למדו היטב, וועלכער האָט זיך דערהערט, אמת, אין זעקס יאָר אַרום, ווען ס׳איז אַרויס דער פּולער טעקסט. ס׳זענען געוויס פאַרבליבן שילדערונגען און בילדער, וועלכע זענען געוועזן כאַראַקטעריסטיש אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן, ווען ס׳האָט זיך געשאַפן דער קדמון־טעקסט פון למדו היטב, און האָבן אויסגעזען נישט אַקטועל, פאַרעלטערט פאַר די רעצענזענטן פון די סוף זעכציקער. אויף אַזאַ אופן מוז די באַהאַנדלונג פון למדו היטב — האָבות והבנים גיין אין צוויי פלאַכן: וואָס האָט האָבות והבנים צוגעגעבן אָדער אַראָפּגענומען פון למדו היטב און וואָס איז געבליבן פון זיין אַלטן, נישט־אַקטועלן פאַרטעקסט.

דן מירון האַלט, אַז דער בייט פון דעם נאָמען באַווייזט אויף אַ בייט פון דער טענדענץ. „מיט למדו היטב דאַרף ער אַרויסהייבן די מאָראַלישע טענדענץ פונעם ראָמאַנען־פּאָלעמיק... דער נאָמען האָבות והבנים ווייזט אויף מער אַן „אָביעקטיווער און היסטאָרישער דעסקריפּטיווער טענדענץ״. (ז׳ 106). „דער נאָמען למדו היטב איז נאָך נאָענט צו עיט צבוע. ער ווייזט אויף אַ באַנעם פון דער קעגנערשאַפט צו השׂכּלה, וואָס איז דער עיקר

מאַראַליש, בעת דער נאָמען פון האָבות והבנים איז אַ ראיה אויף אַ היסטאָ־רישן באַנעם" (ז' 107). דערביי האַלט דן מירון, אַז „דאָס מוז נישט זיין אַ סימן פון אַ בייט אין אַבראַמאָוויטשעס משׂכּילישע אידעעס". (דאָרט).

ס'איז אַ גרויסער ספק, צי מען קען ביים פאָרשן ליטעראַטור־שאַפונגען טיילן (אַפילו צוליב דידאַקטישע צוועקן) אויף „מאַראַלישע" און „היסטאָריש־אָביעקטיווע" טענדענצן. באַזונדערס צי קען מען טיילן אויף „מאָראַל" און „היסטאָריע" די שאַפונג פון אַזאַ פובליציסט־קינסטלער ווי אַבראַמאָוויטש־מענדעלע. דן מירון אַליין וואַרפט אָפּ אַזאַ טיילונג ווען ער באַשטעטיקט, אַז דורך מענדעלעס „מאָלער־קונסט" גיט ער זיין משׂכּילישן באַנעם אַן עסטעטישן אויסדרוק. דאָס הייסט, אַז אין מענדעלעס שאַפן האָבן מיר אַן עסטעטישן אויסדרוק פון אַ געזעלשאַפטלעך־היסטאָרישן באַנעם... דער „משׂכּי־לישער באַנעם" איז אַ געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישער. מען קען נישט אָפּטיילן זיין עסטעטיש־קינסטלעריש שאַפן פון זיין געזעלשאַפטלעכער עטיק, וועגן וואָס עס רעדט דן מירון (ז' 125). די פונאַנדערטיילונג פון למדו היטב און האָבות והבנים אויף „מאָראַלישע" און „היסטאָרישע" באַנעמען קען אויך אָפּגעפרעגט ווערן פונקט ווי דן מירון פרעגט אָפּ (ז' 127) די צעטיילונג פון „עסטעטישע דערגרייכונגען און משׂכּילישע אידעען".

מיר וואָלטן נישט געהאַט מענדעלעס סאַטירע, ווען זי וואָלט נישט זיין דורכגעדרונגען מיט פובליציסטיש־מאָראַלישער טענדענץ.[12]

די טענדענץ פון למדו היטב דאַרף לויט אונדזער מיינונג נישט פאַר־שטאַנען ווערן, ווי דן מירון מיינט „אויפן הינטערגרונט פון דער ראָמאַנען־פאָלעמיק". אַבראַמאָוויטש־מענדעלע האָט נישט געשאַפן ליטעראַטור לשם ליטעראַטור, נאָר צוליבן לעבן...

אין למדו היטב (1862) האָט אַבראַמאָוויטש זיך פּראָקלאַמירט ווי אַ סאַטיריקער אַ מוכיח. אין דער זעלביקער מאָראַלישער ראָלע דערשיינט ער ביי אַנדערע היסטאָרישע אומשטאַנדן אין פופציק יאָר אַרום, אַפילו ווען מען זאָל אָננעמען, ווי עס מיינט דן מירון, אַז האָבות והבנים פון 1912 איז אַן אויטאָפּאַראָדיע.

די השׂכּלה אין גערא̇נגל

די השׂכּלה, וואָס איז אימפּאָרטירט געוואָרן דורך סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט דייטשלאַנד סוף אַכצנטן און די ערשטע העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט נאָך נישט אַרויסגערופן דעם סאָציאַלן געראַנגל פון דורות.

די השׂכּלה בימי מענדעלסאָן האָט אָנגערירט די „,שפּיצן" פון דער געזעלשאַפט. עס האָבן זי געפּעסטעט העכערע קרייזן אין סאַלאָנען, וואָס האָבן געהאָפט זיך דערשלאָגן צו גלייכשטעלונג פאַר אַ דינינקן שיכט פון געבילדעטע סוחרים און באַנקירן. די פאָרמאַציע פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכן אַנדרוגינוס ווי „דייטשן, פּאָליאַקן פון משהס גלויבן" האָט זיך פאַרהאַלטן אין סאַלאָן און נישט אַריין אין קיך. די פאָרמאַציע איז געווען נישט־געפּער־לעך, ווען זי איז געבליבן אַן אַריסטאָקראַטישע און איר ווירקונגקרייז האָט זיך נישט פאַרברייטערט אין די מאַסן פון פאָלק. ווען די השׂכּלה איז אָבער געוואָרן אַן אייגענע, נישט אימפּאָרטירטע, ווען זי האָט פאַרכאַפּט דעם מיטלשטאַנד און איז אַריינגעדרונגען אין דעם ציטאַדעל פון תּורה, אין דער ישיבה, און האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די „טעג"־עסערס, האָט זי באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד דעם חסידיזם. די, וועלכע האָבן געשטורעמט די באַ־סטיליע פון ראַציאָנאַליסטישן פּילפּול, געמאַכט אַ רעוואָלוציע קעגן דער לומדישער ייִדישקייט, האָבן דערפילט אַ גרויסע סכּנה, אַז די ראַציאָנאַליס־טישע השׂכּלה, די נייע רעוואָלוציע, זאָל פאַרלענדן די גאַנצע ייִדישקייט. די אַלטע חסידישע רעוואָלוציע איז אַרויס אין אַ שטרייט קעגן דער נייער משׂכּילישער רעוואָלוציע.

די משׂכּילים האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער ממשלה, אויפן „גוט־האַרציקן" קייסער אַלעקסאַנדער דער צווייטער, דעם „באַפרייער"; די חסידים אָבער האָבן זייער אָנשפּאַר געהאַט אין דער מאַסע פון פאָלק, וואָס האָט אין דער השׂכּלה נישט געזען קיין אויסוועג פאַר איר רעכטלאָזיקייט און נויט. „די ייִדן דענסטמאָל האָבן שטאַרק קיין חשק נישט געהאַט אָנצונעמען די ,השׂכּלה', וואָס מען האָט עס פון אויבן פאַרגעשריבן זיי ווי אַ רפואה צו זייערע אַלע מכּות. זיי האָבן זיך געשטעלט און געזאָגט: ,שקאָלעס ביע זשעלאַיעם!' שקאָלעס, הייסט עס, ווילן מיר נישט". (דאָס ווינטשפּינגערל, באַנד 2, קאַפּיטל 4).

די השכלה אין רוסלאַנד האָט געהאַט איר אָריגינעלן גאַנג. להיפוך צו דייטשלאַנד און צום גערמאַניזירטן פוילן זעט מען נישט אין רוסלאַנד דעם טיפּ רוסן פון משהס גלויבן, ווייל דעם געראַנגל האָט די השכלה געפירט אויפן נאַציאָנאַלן באָדן אין דער געדיכטעניש פונעם פאָלק. אמת, אין די אַכציקער יאָרן איז געווען אַ שמד־מגפה צווישן יידישע סטודענטן, וואָס האָבן דורכן טויפצעטל געוואָלט באַקומען דעם דיפּלאָם. אָבער דאָס איז דאָך נישט געווען קיין באַווירקנדיקער אידעיִשער פאַקטאָר.[13] די השכלה אין רוסלאַנד האָט זיך דיפערענצירט און זיך אויסגעפאָרמירט אין נאַציאָנאַלע מאַסן באַוועגונגען פון ציוניזם און סאָציאַליזם. צו יענער צייט איז שוין סיי די השכלה, סיי דער חסידיזם געוואָרן ראָמאַנטיק. די שטרייטן צווישן זיי זענען פאַרביטן געוואָרן אויף נייע שטרייטן פאַרן נאַציאָנאַלן געדאַנק און פאַרן סאָציאַליזם.

אַבראַמאָוויטש־מענדעלע איז פאַר זיין לאַנגן שאַפערישן לעבנסוועג נאָכגעגאַנגען און האָט דורכגעמאַכט אַלע עטאַפּן פון דער השכלה אין איר אַנטוויקלונג און איז קיין מאָל נישט אַרויס פון דעם השכלה־קרייז, כאָטש ער האָט שאַרף קריטיקירט זיין דור משכילים מיט דער אַלטער „טראַדיציאָנעלער" השכלה פון די זעכציקער יאָרן...

אין האָבות והבנים לעבט אַבראַמאָוויטש איבער זיין האָניק־חודש מיט דער השכלה. ס'איז מער אַ ראָמאַן צווישן אַבראַמאָוויטשן מיט דער השכלה, ווי צווישן דודן און רחלען.

ריכטיק האָט באַמערקט פּאַפּערנאַ, אַז די פאָרמירונג פון די אָבות־געשטאַלטן איז געראָטענער ווי די פאָרמירונג פון די בנים־געשטאַלטן. ווי אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור בכלל, אַזוי אין דער מענדעלע־סאַטירע בפרט, זענען די נעגאַטיווע העלדן שאַרפער און בולטער, ווי די פּאָזיטיווע, באַזונדערס ווען דער משכיל איז נאָך געווען פריש־צאַפּלדיק און ניי, נאָך נישט אויסקריסטאַליזירט.

דער ראָמאַן אין זיינע צוויי ליניעס (דוד און רחל, שמעון און דינה) רעגט נישט אויף, ווייל זיינע העלדן זענען כמעט פּאַסיוו. נישטאָ קיין האַנדלונג, נישטאָ קיין שטאַרקע ליבע און קיין קאַמף פאַר דער ליבע, און אָן אַ קאַמף איז נישטאָ קיין טראַגיק. רחל גיט זיך אונטער טאַטע־מאַמע, דוד

טרעט אָפּ זיין אָרט יחיאלן, פּרצעס בן־יחידל, אָן ווידערשטאַנד. בלויז שמעון דערוועגט זיך צו אַנטלויפן (אָבער נישט קעמפן!), ווו זענען דודס גוטע פריינד, וועלכע רינגלען אים אַרום שׂמחת־תּורה אין שול... מען זעט נישט, עמעצער זאָל אונטערהאַלטן דודן אין זיין עת־צרה. די השׂכּלה איז נאָך דאָ פאַרבאָרגן אין דודס בוידעם־שטיבל, וווהין עס קומען יהונתן און נחום קמחי. דער „סאַלאָן" ביי יוכבד איז אין גאַנצן אין שאָטן. דינה וואָלט געוויס געווען מער משׂכּיליש קעמפעריש ווי רחל. ביי אונדזער פאָרשטעלונג וואָלט אַזאַ דינה מיט אַ צייט שפּעטער זיך אָפּגעשוירן די האָר און געוואָרן אַ קורסיסטקע און גאָר שפּעטער אפשר אַ טוערין פון „בנות־ציון". אָבער דאָס אַלץ איז נאָך נישט צייטיק. דאָס זענען אַלץ די ערשטע אָפּגעציטערטע טריט פון דער השׂכּלה. אין די משׂכּילים זעט מען נישט סתּם מענטשן מיט זייערע אינע־ווייניקסטע פּסיכישע איבערלעבונגען, נאָר טרעגערס פון דער השׂכּלה־אידעע. ווי אַזאַ טיילט זיך אויס דוד.

דוד לעבט איבער דעם אידעאַליסטישן פּעריאָד, ווען די השׂכּלה איז געגאַנגען אין פאָלק געבן אים בילדונג און ווען דער משׂכּיל האָט אָנגעהויבן צוזאַמען מיט דעם אויך לעבן מיט זיינע סוחרישע אינטערעסן. אַבראַמאָוויטש זיצט אין בן־דודן דעם אידעאַליסט. ער איז נישט גלייכגילטיק צו אים, ווען ער ווערט אַ סוחר און טרעפט זיך מיט אים ווי אַ פריינד אין ווינטש־פינגערל. ער הייסט דאָרטן רפאל לובלינסקי.

אַבראַמאָוויטש האָט באַוויזן דעם כּוח פון השׂכּלה, אַז אַזאַ אָרעמער דוד, וואָס האָט געהאַט נאָר בילדונג, האָט געקענט דערגרייכן דורך איר עשירות. דאָ ווערט פון משׂכּיל אַ סוחר. אָבער געוויינטלעך איז געווען פאַרקערט: פונעם סוחר ווערט אַ משׂכּיל.

די באַגרענעצטע שטעטלדיקע סביבה האַלט נאָך אָפּ דעם קרעמער פון דער טריפהנער השׂכּלה. דער שטאָטישער סוחר נוצט אויס די השׂכּלה ווי אַ מיטל צו באַדינען די פאַרברייטערטע ספערע פון זיינע געשעפט־אינטע־רעסן. אָבער די רויִנירונג פון אפרים דעם סוחר קומט נישט, ווי עס מיינט דן מירון, פון דעם, וואָס ער איז נישט קיין משׂכּיל און ער ווייס נישט און פילט נישט די „לאָגיק פון האַנדל". רפאל לובלינסקי, דער סוחר דער משׂכּיל, האַלט אויך ביים באַנקראָט. כאָטש ער האָט דאָס געפיל און די לאָגיק פון

האַנדל. קריזיסן און באַנקראָטן זענען נישט געווענדט אין דער לאָגיק פון מענטשן. די עקאָנאָמיק האָט איר לאָגיק און אירע אָביעקטיווע געזעצן. קיין שום בילדונג קען דאָ נישט העלפן.

דאָס קעגנשטעלן זיך פון די אָבות קעגן דער השׂכּלה פון די בנים איז נישט געקומען פון דעם, וואָס די אָבות זענען געווען נאַריש, ווי דן מירון מיינט, „אַן אומפעיִקייט פונעם מענטשן פון אַלטן דור צופּאַסן זיין געדאַנק און אַקטיווירן זיין לאָגיק לויט די פאָדערונגען פון דער השׂכּלה" (ז' 107). האָבן דאָך די אַקציזניקעס פון מענדעלעס ווינטשפּינגערל, כאָטש פון אַלטן דור, יאָ געהאַט די פעיִקייט. די משׂכּילים האָבן נישט געקעמפט, ווי דן מירון מיינט, מיט דער נאַרישקייט. די השׂכּלה האָט געקעמפט קעגן עם־הארצות, פון וואַנען עס דערנערט זיך דער פאַנאַטיזם. אַבראַמאָוויטש האָט אַרויס־געשטעלט אפרים דעם חסיד ווי אַן עם־הארץ, וואָס קען אַפילו נישט ענטפערן שׂרהן אויף איר נאַיִווער פראַגע, פאַר וואָס איז דער הייליקער ספר פון תּנך מיטן ביאור אַזוי שעדלעך פאַר איר זון; האַלט פאַר אַ גרויסע עבירה דאָס אָפּפאַרבן אויף שוואַרץ דעם ווייסן כּפרה־האָן און פאַר אַ גרויסע מצווה אויסצוקלאַפּן די הושענות...

די השׂכּלה איז דער אידעיִשער פאָרפּאָסטן פון אַ נייעם דעמאָקראַטישן כּוח, וואָס קומט אָן מיטן קאַפּיטאַליזם און רייסט זיך אַריין אין שטעטלדיקן פעאָדאַל־פּאַטריאַרכאַלן גליווער פון דורות. אַזאַ כּוח קען נישט זיין פּרץ, דער קליינשטעטלדיקער שווינדלער, וואָס רויבט אַלמנות און יתומים, און אויך נישט אפרים, וואָס פּראַוועט חסידות אין כּסלון.

די אידעיִשע שטרייטן צווישן דער השׂכּלה און חסידיזם זענען געווען סאָציאַלע שטרייטן, וואָס האָבן אַנגענומען די פאָרמעס פון שטרייטן צווישן אמונות ודעות. אַבראַמאָוויטש־דוד באַמיט זיך אין למדו היטב און האָבות והבנים באַווייזן, אַז די אמונה שטייט נישט פאַר אַ סכּנה פון דער „דעה", און אַז די שולן מיט וועלטלעכער בילדונג קענען זיין צוזאַמען מיט אמונה. פאַרקערט, דאָס פאַנאַטישע חסידות ברענגט צו כּפירה („מי יתנני למוכיח בשערי עמי, כי אז הוכחתי להם בצדק, שבחסידותם היתרה יחרב מקדש הדת, ורק בגלל צדקתם הרבה יחטאו בניהם לסור מדרך ה'", למדו היטב, קאַפּיטל „ברח"). אַזוי אַרום וואַרפט אָפּ דוד דעם ניהיליזם פון דער השׂכּלה.

ראָמאַנטיק

אין דעם דריטן נוסח פון האָבות והבנים (1912) האָבן מיר שוין נישט קיין אַקטועל־געזעלשאַפטלעכן, נאָר אַ היסטאָרישן ראָמאַן.

איינער פון אונדזערע קריטיקערס, דוד פרישמאַן, האָט געהאַט געזאָגט, אַז אויב ס'זאָל קומען די צייט און דאָס שטעטל זאָל פאַרשווינדן ווערן פון דער וועלט, וועט מען דאָס קענען אויפשטעלן צוריק מיט אַלע פּיטשעווקעס פון מענדעלעס ווערק. אָבער זיי קענען דינען נישט נאָר פאַר אַ מוזיי פון פאַרגליווערטן פאָלקסשטייגער, נאָר אויך פאַר דער לעבעדיקער געשיכטע פון פאָלק.

ביים איבעראַרבעטן זיינע ווערק פלעגט מענדעלע נישט נאָר פּיילן זיי קינסטלעריש, נאָר אויך אויספּורעמען זייער אַרכיטעקטור, אַראָפּנעמען טייל־ווייז דאָס אָפּגעלעבטע און צוגעבן דאָס אַקטועלע, אַריינפלעכטן לעבעדיקע שטיקער געשיכטע. דאָס האָט געפירט צו בייטן טיילווייז דעם כאַראַקטער פון די ווערק און זייערע הויפּטהעלדן.

דאָס האָט באַוויזן די אַרבעט פון מענדעלע איבער זיינע קליאַטשע־וואַריאַנטן.[14]

אין לעצטן נוסח פון האָבות והבנים דערציילט שוין מענדעלע אין נחת אַמאָליקע צרות און דערמאָנט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אַמאָליקע נאַריש־קייטן. מען דאַרף מיט גרויס אָפּגעהיטקייט זיך באַציִען צו דער באַמערקונג פון שמואל ווערסעס וועגן מענדעלעס מעסיקייט און קאָנסערוואַטיזם אויף דער עלטער (דאָרט ז' 644). אַבראַמאָוויטש־מענדעלע איז געווען סתּירהדיק. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ יצר־טוב און אַ יצר־הרע. אין אַלע זיינע שאַפונגען פירט מענדעלע אַ וויכּוח מיט זיך אַליין. דאָס איז אָבער נישט בלויז אַ קינסטלערישער אָנשטעל. שווער איינצושטעלן אַ פּעריאָדי־זאַציע צו באַשטימען מענדעלעס אידעיִשע פּאָזיציעס. גראָד אין דער צייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַפּאַטיע, אין אַ צייט פון רעאַקציע, אין יאָר 1909, אַרבעט איבער מענדעלע פון העברעיִשן סוסתי זיין דריטן וואַריאַנט פון דער קליאַטשע, וועלכע איז פול מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און נאַציאָ־נאַלן פּראָטעסט. אין 1911, ווען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געווען אין אויפשטייג, פאַר וואָס זאָל מענדעלע פאַרלירן זיין רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס

און ווערן קאָנסערוואַטיוו בלויז דערפאַר, ווייל ער איז עלטער געוואָרן מיט צוויי יאָר? אויב אַפילו ביי אים פערזענלעך זענען געווען ירידה־שטימונגען, זעט מען דאָס אָבער נישט אַרויס אין זיינע ווערק. ווען ער רירט זיך צו מיט זיין פעדער צו זיינע שאַפונגען, פאַרשווינדן זיינע פיזישע און גייסטיקע שוואַכקייטן — ער איז יונג און קרעפטיק. צווישן זיינע ראָמאַנטישע שלמה ר׳ חיימס און האָבות והבנים שאַפט מענדעלע זיין יידישן וואַריאַנט פון דער קליאַטשע, וואָס איז דורכויס אַקטועל־קעמפעריש.

אין האָבות והבנים פון 1912 זענען שוין אַ סך שאַרפע מאָמענטן פאַר־שוווּנדן. דער רעטראָספעקטיווער בליק פאַרגלעטיקט. אַלע ווייען פאַרגייען, עס בלייבט אַ בענקשאַפט צום אַמאָל.

דוד איז שוין מיט זיין השׂכלה נישט קיין אימפּאָרטירטער פון דייטש־לאַנד (ווי אין פריערדיקן וואַריאַנט פון 1868). אין ליטע דערשלאָגט ער זיך צו זיין בילדונג. מיט מי און מיט פלייס ענדיקט ער די ראַבינער־שול און ווערט לערער אין אַ קאַזיאָנער שול. דוד איז אַ פּראָדוקט פון יידיש־נאַציאָ־נאַלער השׂכלה, וואָס קומט נישט פון דרויסן. באַלאָדן מיט תּורה און וויסנ־שאַפט, ווייל ער דאָס פאַרזייען אין האַרצן פון דער יוגנט.

נאָך מענדעלעס די קליאַטשע, דעם שאַרפן פּאַמפלעט קעגן צאַריזם, קעגן די יידישע פּאַגראָמען און שוואַרצער מאה, האָט שוין דוד נישט געקענט זיין, אַפילו רעטראָספעקטיוו ווי אין יאָר 1868, אַ רוסישער פּאַטריאָט, קושן די רוסישע ערד און געבן קאָמפּלימענטן דער ממשלה. דאָס וואָלט שוין פאַרן ייד פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אויסגעזען אונטערלעקערישע חניפה.

דוד רעאַגירט שאַרף אויף די טענות פון דעם מין משׂכּילים־ניהיליסטן פון נייעם דור, וואָס דערזעען אין שילערס „שליחות־משה" אַן אָפּלייקענונג פון די דערהויבענע נביאים און הייליקע כּוהנים און באַלעקן זיך פון דער ביבל־קריטיק.

ער, דוד־מענדעלע, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן חסידישן פאַנאַטיזם און קעגן די רבנים און קעגן דער כּנופיא כּלי־קודש, באַשיצט די תּורה, ווי אַ נאַציאָנאַלן קולטור־ווערט, פון אירע קריטיקערס און אירע פאַרשוועכערס.

„זינט ס׳האָבן זיך געמערט די ביכער, וואָס קריטיקירן די כּתבי־קודש, איז בטול געוואָרן זייער הייליקייט, ס׳איז פאַרדאָרבן געוואָרן די חכמה פון

אונדזערע חכמים און ס'איז געוואָרן דערנידעריקט דער כבוד פון אונדזערע עלטערן... איר נעמט אָן די דאָזיקע זידלעריי מיט גרויס פרייד... וואָס איז ביי אייך די שׂימחה? אַ פּאָלק, וואָס מען זאָגט אים: דיין טאַטע (יעקב) איז אַ שווינדלער, דיין מאַמע (שׂרה) אַ זונה, דיינע עלטסטע זענען אויסגעלאַ־סענע, דיינע חכמים זענען פאַרפירער און ס'רוב פון זייערע מעשׂים זענען גאָרנישט, אויך דיינע נביאים זענען אומוויסנדיקע, נישט קיין פּאָעטן ווי ס'דאַרף צו זיין, — ווער דען אַזאַ פאָלק זיך פרייען? דאָס האַרץ וועט דאָך אים וויי טאָן און ער וועט זיך שעמען, נאָך דערצו אַזאַ פאָלק ווי אונדזערס, אַ גרויס פאָלק, וואָס איז באַלד פון אָנהייב געוואָרן אַ ליכט פאַר פעלקער און זיין תּורה, אַ תּורה פון לעבן, פון ליבע, פון חסד, פון רחמים און פון שלום..." (אין צוגעגעבענעם פּרק „פּרחי השׂכּלה").

ווי אין די קליאַטשע דעמאַסקירט מענדעלע דעם נייעם דור בני־תּורה, וואָס זענען געוואָרן איבער אַ נאַכט משׂכּילים, ווי ער באַמערקט עס ביי ישׂראליקן, דעם חכם בלילה, וואָס רייט אויף דער קליאַטשע, ער גרייפט אָן דעם נייעם דור משׂכּילים, וואָס ער האָט די מידה פון קנעכט, פון דערנידע־ריקטע, וואָס האָבן נישט קיין זעלבסטווערדע... (אין דעם צוגעגעבענעם פּר'ק „פּרחי השׂכּלה").

ער אַטאַקירט אויך די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן צווישן דער יוגנט. ער רעדט מיט דער יוגנט וועגן די זעלביקע פראַגעס, וואָס ער האָט גערעדט אין פריזערדיקן האָבות והבנים מיט נחום קמחי, וואָס פיגורירט שוין נישט דאָ, און באַטאָנט ווי פריִער, אַז העברעיִש איז דער ערשטער קוואַל פון דער השׂכּלה, „דער טייערסטער אוצר פון ישׂראל" און ער מאַכט אים, אַ פאַר־טריבענעם פון לאַנד, „פאַר אַ פאָלק אָן עם־הספר".

ווי פריִער שטייט ער אויף די פּאָלקיסטיש־דעמאָקראַטישע פּאָזיציעס, אַז די סיבה פון אָפּגעשטאַנענקייט ביי די פאָלקסמאַסן קומט נישט פון זייער סוביעקטיוון ווילן, נאָר פון דרויסן, פון די דרויסנדיקע אָביעקטיווע באַדינ־גונגען, אַז די אינטעליגענץ דאַרף זיך דערנענטערן צו דער מאַסע.

דער רויבער־מאָטיוו פעלט אין גאַנצן אינעם דריטן וואַריאַנט. די מיינונג פון דן מירון, אַז „די אידעיִשע כּוונה פון אַבראַמאָוויטשעס אימיטירן שילערן איז צו באַווייזן, אַז דער פענאָמען הפקרות אין דער פּראַקטיק (אויסגעלאַסנ־

קייט, פאַרברעכנס), און אין דער טעאָריע (אַטעיִזם, ניהיליזם) האָט זיין מקור... אין דער רעאַקציע צו דער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע, וואָס איז פאַרגליווערט אין האַרטקייט און ברוטאַלקייט" (דן מירון — ז' 56־57).

דער רויבער־מאָטיוו ביי פושקין (דובראָווסקי) און נאָך אַזעלכע דריקן אויס אַ פּראָטעסט קעגן דער אָפּיציעלער געזעלשאַפטלעכקייט. אַזאַ מין פּראָ־טעסט האָט אויך געדאַרפט זיין ביי אַריהן, בפרט, ווען אַריה איז נישט נאָר אַ ליטעראַרישער, נאָר אויך אַ פּאַקטישער, אַ רעאַלער, פון לעבן גענומענער העלד, ווי דאָס באַווייזט ווערסעס (ז' 644). מען קען נאָך צוגעבן דעם פאַקט, וואָס ווערט געבראַכט אין בוך באַברויסק[15] וועגן דעם „רבי" פון די גנבים... אליעזר שיין „איינער פון די בני־באַברויסק, אַ טיפער דענקער, האָט געזען אין אָט דער דערשיינונג פון יידן־גנבים און־רויבער אַן אויסדרוק פון סאָציאַלן פּראָטעסט קעגן דעם שווערן מצב פון די נידעריקע פאַלקסשיכטן". אָבער די אַלע „נביאים" און „רביים" פון די גנבים זענען דאָך ווי ליליפּוטן ביים אוניווערסאַלן גוליוועך קאַרל מאָר.

נישט אלקנה־אַריהס פיר „פונקטן" פון זיין פּאָזיטיוון רויבער־פּראָגראַם, וועלכע פאַלן זיך צוזאַמען מיט דעם רויבער ראַצמאַנס שילדערונג וועגן קאַרל מאָרס גוטע מעשים, נישט די רויבערישע פאַבולע קענען נישט געבן אַבראַמאָוויטשעס רויבער־עפּיזאָד דעם כאַראַקטער פון שילערס רויבערס, ווייל אריה, „דער קרבן פון חסידות" זוכט זיין רעהאַביליטאַציע ביי חסידות גופא. אַגב, איז עס גאָר נישט מאָראַליש־עטיש דאָס, וואָס אַריה שאַנטאַזשירט פּרצן און פאַרן אָפּלאָזן דעם שידוך מיט אפרימען באַהאַלט ער זיינע (פּרצעס) שווינדלערייען.

מיר זעען נישט ביי אַריהס רויבערס קיין „אויסגעלאַסנקייט, קיין אַטעיִזם, קיין ניהיליזם, קיין פּראָטעסט". די שוואַכקייט פון אַריהן איז דערפאַר טאַקע, ווייל אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט די סימפּאַטיע צו די „רויבערס" און אַריה איז ביי אים אַרויס אַ פּאָזיטיווער העלד, וואָס געפינענדיק זיך אין דער אונטערוועלט, לעבט ער מיט זיין נשמה אין דער אייבערוועלט... אַזוי אַז עס האָט זיך באַקומען קרח מכאן וקרח מכאן, נישט אַהין, נישט אַהער.

בעלינסקי האָט נאָך געוואָרנט: „מען דאַרף זיין אַ צו גרויסער ליריקער מען זאָל פריי גיין אויף דער הייך פון דער שילערישער דראַמע. אַ פּראָסטער

טאַלאַנט וועלכער קלייבט זיך אַרויף אויף איר הייך, פאַלט אַראָפּ פון אים גלייך אין בלאָטע. אָט פאַר וואָס אַלע נאָכמאַכערס פון שילערן זענען אַזוי לאַקריצדיק, באַנאַל און אומדערטרעגלעך".

פּושקין, דער גרויסער פּאָעט, איז געווען שוואַך אין פּראָזע און זיין נאָכמאַכונג פון שילערס רויבער אין דובראָווסקי איז גאַנץ בלייך און גרוי.

אַבראַמאָוויטש האָט נאָך נישט געהאַט דעם נייטיקן טאַלאַנט, כּדי אין זיין ערשטן ראָמאַן בייצוקומען די אימיטאַציע פון שילערן, בפרט ווען שילערס ליריש־ראָמאַנטישע רויבער קענען ווייניק געבן מענדעלען צו שילדערן אַ רעאַליסטישן אַריה...

דאָס האָט מענדעלע געפילט און אין דריטן וואַריאַנט איז אַריה שוין נישט קיין רויבער־בעל־צדקה, נאָר אַ קליינער אַקציזניק אַ בעל־תשובה, וואָס וווינט אין דעם פרידלעכן „נוה שלום" הינטער זשיטאָמיר. אַריה און זיין סביבה זענען געגעבן ראָמאַנטיש־אידיליש... אָבער זיין אידיליע ווערט צעשטערט דורך דערווירקלעכקייט. ווי אַן ענטפער אויף די אָפּטימיסטישע ווערטער פון אַריהן פול מיט האָפענונג „כי הנה אור זרוע לכם בני הדור החדש" (אַ ליכט שיינט פאַר אייך, קינדער, פון נייעם דור) (קאַפּ' „בוגי למועד"), דערציילט שמעונס לערנבוך: „אין די ערטער פון אייראָפּע זענען צעשפּרייט אַ סך יידן און ציגיינער". שמעונס אילוזיעס, ווי די אילוזיעס פון ישראַליקן אין די קליאַטשע, וועגן דעם, אַז מיט השׂכלה (מיטן דיפּלאָם) וועט זיך פאַר אים „עפענען די גאַנצע וועלט" (די זעלביקע ווערטער ווי אין די קליאַטשע), ווערן צעשטערט, ווען ער דערמאָנט זיך אין „הבאים לשרש יעקב בארצנו הרחבה" (וועגן די, וואָס קומען אויסצוואָרצלען יידן אין אונדזער ברייטן לאַנד). שמעון זוכט און געפינט נישט דאָס שער־בלאָט און ער ווייס נישט די צייט, ווען ס'איז געשריבן וועגן „יידן און ציגיינער". „די צייט האָט זיך באַהאַלטן".

די „באַהאַלטענע צייטן" מיטן פאַרפאַלענעם שער־בלאַט זענען אַ בפּי־רושער רמז אויף די יידן־רדיפות און גרושים בימי סטאָליפּין...

ער דערמאָנט די יונגע יידישע אינטעליגענץ און איר נאַציאָנאַלע רעכט־לאָזיקייט און די צוקונפט, וואָס זי האָט צו דערוואַרטן אין צאַרישן רוסלאַנד. ער קערט אום דעם יונגן דור מיטן פּנים צום ביטערן רעאַליסטישן היינט.

דער „לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״ (דאָס האַרץ פון די עלטערן אויף די קינדער און דאָס האַרץ פון די קינדער אויף די עלטערן) איז געווען אַן אילוזיע, ווייל אין גאַנג פון דער געשיכטע איז דער פרידן געשטערט געוואָרן דורך שאַרפערע קאָנפליקטן נישט נאָר צווישן דורות, נאָר אויך אין דור גופא. דאָס זענען געווען סאָציאַלע און אידעאָלאָגישע קאָנפליקטן וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין פּאָליטישע ריכטונגען און קלאַסנקאַמף. אָבער דער פאַרשאַרפטער סאָציאַלער קאַמף פירט דערצו, אַז דער עבר זאָל באַזיניקט ווערן אויף ס׳ניי. מען זוכט צו געפינען זאַפטן אינעם אַלטן שטאַם פאַר נייע צווייגן און נייע בלעטער. דער ראָמאַנטישער עבר גיט קרעפטן צו גיין אין דער צוקונפט.

י. ל. פּרץ, וואָס איז דורכגעדרונגען געווען מיט יידישער טראַדיציע, איז אַריין מיט זיינע (און דוד פּינסקיס) יום־טוב־בלעטלעך און מיט זיין „וועבער־ליבע״ אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, ער האָט מיט אַ נייער געלייטערטער נשמה געגעבן די גאָלדענע קייט און חסידיש, וואָס איז אַ פולע סתירה צום פוילישן ייִנגל פון יצחק־יואל לינעצקי.

פּרץ האָט רעהאַביליטירט און אויפגעהויבן די נשמה פון חסידות. בן־דוד (אין האָבות והבנים) מיט דער יוגנט הושענא־רבה אין וואַלד, איז די ראָמאַנטיק פון אַ משכּילישן רבי מיט משכּילישע חסידים. אַ ביסל דערמאָנט עס פּרצעס כּיתּות חסידים, וואָס דער ביאַלער רבי באַווייזט דעם בריסקערס רב. דער „רבי״ בן־דוד זאָגט תּורה, שפּילט און טאַנצט מיט זיינע יונגע משכּילישע חסידים. אָבער דאָ אין וואַלד איז עס איינגעהאַלטענער, מתנגדישער ווי ביי פּרצעס חסידים.

צו אַ העכערער מדרגה פון חסידישער התלהבות דערגייט עס אין בית־הכּנסת שׂמחת־תּורה, ווען געפלאַכטן האַנט־אויף־אַקסל טאַנצן יידן און זינגען:

נגיל ונשיש בזאת התורה
כי היא לנו עוז ואורה
תורה היא עץ חיים
כי עמה מקור חיים...

דאָס צוגעגעבענע ראָמאַנטישע קאַפּיטל „כן בקודש חזיתיך" מיטן שׂמחת־תּורה איז די העכסטע מדרגה פון חסידישער התלהבות, וואָס קען טרעפן מיט קאַלטע מתנגדישע ליטוואַקעס־משׂכּילים נאָר אין שׂמחת־תּורה...

דאָ זענען פאַרגעסן די יסורים פון פייערבערגס לאַן ? און אַ צווייטער דוד פון שלום אַשס צוריקגעקומען וואָס האָט אין זיין צוריקקומען נישט געפונען זיין אַמאָליקע אמונה... נישט צוריקגעקומען. מענדעלע האָט דאָ צונויפגעבראַכט די אָבות מיט די בנים אַרום דעם קוואַל פון לעבן, פון וועלכן ער אַליין האָט געשעפּט מיט שפע און באַטיילט זיין פאָלק.

דער בריסקער רב האָט מיט איין ניכטערן מתנגדישן וואָרט געמאַכט פאַרשווינדן דאָס ווונדערלעכע בילד מיט די כּיתּות זינגענדיקע חסידים פון ביאַלער רבין. נאָך דעם ראָמאַנטיש־חסידישן התלהבותדיקן טאַנץ פון דורות קומט מענדעלע מיט זיין קאַפּיטל „אוי לאבות ואוי לבנים", וואָס קערט אונדז אָפּ פון דער יום־טובדיקער דורות־אידיליע צום וואָכעדיקן דורות־געראַנגל.

---

1 שמואל וורסס: „הרומן הראשון של מנדלי וגלגוליו" — מולד כרך ב' 1962, חוברת 171־174.

2 למדו היטב פון שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש. אַריינפיר, הערות און הוספות פון דן מירון. ניו־יאָרק, ייִוואָ 1969.

3 אַלע העברעיִשע זאַצן, גענומענע אין קלאַמערן זענען פון אַבראַמאָוויטשעס הקדמה „דבר אל הקורא".

4 י. ח. ראַוונيצקי: שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש. רשימות לתולדותיו של מנדלי מוכר־ספרים. כל כתבי מנדלי מוכר־ספרים, ספר ששי, תל־אביב, דביר, תרצ"ו ע' 146.

5 אונדז ווונדערט די נישט־געראָטענע באַמערקונג פון דן מירון, געגעבן אין קלאַמערן אויף ז' 49: „...אויב מען קען באַצייכענען מיטן וואָרט ראָמאַנטיש די ליבע פון אַ קרומען מיט אַ הארבאַטער". וואָס פאַרשטייט ער אונטערן וואָרט „ראָמאַנטיש"? צי קען זיין ראָמאַנטיש נאָר די ליבע צווישן אַן אַפּאָלאָן מיט אַ ווענוס?

6 „בריוו פון ש. י. אַבראַמאָוויטש צו י. ח. ראַווניצקי" דעם 1טן סעפּטעמבער 1906, פובליקירט אין מענדעלע־בוך ז' 202.

7 נאָכן חורבן פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין קיִעוו, איז נישט באַוווסט וווהין ס'זענען אַהינגעקומען די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פונעם מענדעלע־מוזיי.

8 וועגן דעם רעדט זיך אין אַ בריוו פון אַבראַמאָוויטשן צו בינשטאָקן, פאַרעפנטלעכט אין מענדעלע־בוך, ז' 84.

9 ג. וו. פּלעכאַנאָוו — געקליבענע פילאָסאָפישע ווערק, ב. 5, ז' 46 (אין רוסיש).

10 אַ בריוו צו ל. בינשטאָק — מענדעלע־בוך, ז' 93.

11 דער מחבר פון די שורות האָט אין לענינגראַד זיך באַמיט עפּעס צו דערוויסן וועגן ניקאָליי פעסטרעטשענקאָ, אָבער אָן רעזולטאַטן. אַפילו אין ליטעראַטור־מוזיי א״נ פון א. ס. פּושקין אין די דערגאַנצונגען פון ווענגעראָוון, וואָס געפינען זיך נישט־געדרוקטע אין מוזיי, האָט מען נישט געפונען קיין שפּור. אַ פּנים, אַז דאָס איז אַן עפּיזאָדישע פיגור, וואָס האָט זיך מיט ליטעראַטור נישט באַשעפטיקט.

12 אַגב אַ „קליינע" באַמערקונג. שמואל ווערסעס אינעם אויבן־דערמאָנטן אַרטיקל ז' 503 שרייבט: „אַ סך פון די אויסדרוק־מיטלען, וואָס מע איז זיך נוהג זיי צוצורעכענען טורגעניעוון, געפינען מיר נאָך אין **למדו היטב**, און אויך דער נאָמען **האָבות והבנים** איז דורך מענדעלען שוין געווען צוגעגרייט מיט יאָרן פריִער פאַר דעם". דאָס וואַרפט אום די גאַנצע סכעמע פון דן מירון וועגן „מאָראַליש־קייט" און „היסטאָרישקייט"... גלייך ווי עס פאַלן אָפּ די טענות, וואָס עס האָט אַ מאָל געהאַט דער רעצענזענט פון **אָטיעטשעסטווענייע זאַפּיסקי**.

13 דער מחבר פון דעם אַרטיקל האָט זיך באַקענט מיטן מאַטעריאַל, וואָס עס האָט צונויפגעזאַמלט ד. מגיד וועגן ייִדן־קינסטלערס, וואָס האָבן שטודירט אין דער פּעטערבורגער אַקאַדעמיע פאַר קונסט. דאָרט זענען פאַרצייכנט בלויז צוויי צווישן זעכציק, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיטן טויפצעטל. (זען **סאָוועטיש היימ־לאַנד** 1969, נומ' 3).

14 **די וואַריאַנטן פון מענדעלעס קליאַטשע**.

15 **באַברויסק**. ספר זכרון לקהלת באָברויסק ובנותיה... תל־אביב, תרבות וחינוך, תשכ״ז 1967, ערשטער באַנד, זז' 132—133.

דער פאָלקלאָר אין מענדעלעס שאַפן

איך בין אַ פעדעמל, איינגעוועבט אין דער
גרויסער מאַטעריע, וואָס גייט אין דער וועלט
פון אייביקע צייטן אונטערן נאָמען „ייִד".
(מענדעלע מוכר ספרים)

פונעם פאָלקלאָר־אוצר האָבן געשעפּט און שעפּן עד היום די ליטעראַטורן פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. אַ גאַנצע רייע קלאַסיקער האָבן געשאַפן גרויסע ליטעראַרישע ווערק אויפן יסוד פון פאָלקלאָר.

אַפילו אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו די רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן ציילן די צייט פון זיבעטן נאָוועמבער 1917, האָט דער אולטראַ־רעוואָלוציאָנערער „פויקער פון דער רעוואָלוציע" מאַיאַקאָווסקי זיך געווענדט צום פאָלקלאָר.[1] דאָס זעלביקע — דער פּאָעט זשאַראָוו און אַנדערע.[2] דער סאָוועטישער פּראָזאַיִקער טשאַפּיגין האָט אָנגעשריבן זיין ווערק „ראַזין סטעפּאַן" אין אַרכאַיִש־פאָלקלאָריסטישן שפּראַך־נוסח, אין וועלכן דער יונגער סאָוועטישער דור האָט דערפילט דעם אָטעם פון דער עפּאָכע.

ס'איז נישט אָפּצושאַצן דעם קונסט־אוצר, וועלכן י.ל. פּרץ האָט געשאַפן אויפן יסוד פון פאָלקלאָר. גענוג בלויז צו דערמאָנען זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטען", „חסידיש", „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", „די גאָלדענע קייט" — דאָס איז אָבער נישט „גאַנץ פּרץ".

דער פאָלקלאָר און סטיל פון מענדעלעס שאַפן דאָס איז „גאַנץ מענדעלע".

✶

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש לעבט קינסטלעריש אין זיינע ווערק אין געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים. אַריינלעבן זיך אין אַ געשטאַלט — דאָס איז אַ גאָר הויכע מדרגה פון קונסט. עס איז באַקאַנט דער זאָג פון פלאָבער:

„מאַדאַם באַוואַרי — דאָס בין איך”. אין זיינע ווערק איז מענדעלע איינס מיטן פאָלק. ער איז נישט נאָר דער שאַפער, נאָר אויך דער געשאַפענער — דער הויפּטהעלד, וואָס נעמט אָנטייל אין די געשעענישן; דער קוואַל פון זיין שאַפן איז דאָס פאָלק מיט זיין קולטור, מיט אַלע זיינע אָנגעזאַמלטע אוצרות, זיין שפּראַך, זיין חכמה, זיין ווי און פרייד, זיין ביטערער יאוש און זיסע האָפענונג.

מענדעלעס פאָלקלאָריסטיק איז נישט קיין מאַניע, נישט קיין צוגעטראַכ־טער אינטעליגענטישער „אַראָפּנידערן” און „גיין אין פאָלק”. ער האָט פיינט דאָס געקינצלטע „יידלען זיך”. ער טרייסלט זיך אָפּ „פון משוגענער פרומקייט און גוטסקייט, פון איבערגעזאַלצענער ליבשאַפט צום פאָלק” (דאָס ווינטש־פינגערל, 4טער בוך, ק׳ 3).[3] דער מקור פון מענדעלעס פאָלקלאָריזם איז דאָס לעבן, דער שטייגער פון זיין סביבה.

די ערשטע קינדערשע איינדרוקן און געפילן פונעם פּאָעטישן מענדעלע זענען געקומען פון פאָלקס־מענטשן האַרעפּאַשניקעס. „אייזיק דער שמיד — איינער און הערצל קיילעס דער סטאָליער — דער צווייטער — ביידע האָבן געווירקט אויף שלמהלעס גייסט, דערהאַלטן אין אים דאָס יונגע פייערל” (שלמה ר׳ חיימס, קאַפּ׳ 11). אייזיק גייט אין אים אַריין מיט זיינע פאָלקס־מעשיות, הערצל קיילעס — מיט זיין שניצקונסט און פידל־שפּילן. דאָס „יונגע פייערל” האָט זיך ביי אים אויפגעכאַפּט פון אַ פונק אין קוזניע. „עס הודעט דער בלאָזזאַק, עס פלאַמען די קוילן. אייזנס גליִען, שלמהלע איז פאַרגאַפט, פאַרצויבערט. עס טראָגט אים דער קאָפּ, פאַרפליט העט, העט ווייט אין די ווייטע עולמס אַריין” (שלמה ר׳ חיימס, קאַפּ׳ 11).

אין ביאַליקס „שירתי” איז דאָס געוועזן „הצרצר משורר הדלות”.

מענדעלע האָט איינגעזאַפּט אין האַרצן און פאַרחתמעט אין זיין מוח, פון זיין פריסטער יוגנט, דאָס גאַנצע פינצטערניש פון דער „טאַרבע”, פון די „פּיעשע אָרעמע לייט”, פון די, וואָס שלעפּן זיך אַרום מיט „ביידלעך”, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אַ שטיקל צייט מיט אַברהמל דעם הינקענדיקן, אַרומגעוואַנדערט אין די פאַרשיידענע טונעיאַדעווקעס, אויף די וועגן פון קאַבצאַנסק, גלופּסק, צובוטשיץ וכדומה. דאָ האָט ער צונויפ־געזאַמלט אויפרייסשטאָף פאַר זיין שפּעטערדיקער סאַטירע.

וועגן לייענשטאָף, וואָס האָט געשפּייזט מענדעלעס מאַלערישע פאַנ־טאַזיע און פּאָעטיש געפיל, דערציילט אונדז מענדעלע אין ישׂראליקס מאַנאַלאַג: „די וווּנדערלעכע מעשׂיות פון מכשפות און צויבערער, מעשׂה־ביכלעך, ווי אַ שטייגער „טויזנט און איין נאַכט", „צענטורע־ווענטורע", „בבא־מעשׂה", וועלכע איך האָב געשמאַק געלייענט אין דער יוגנט, האָב איך נאָך ווי די האַלעשקעס איינגעשלונגען נאָך אַזעלכע מעשׂיות" (די קליאַטשע קאַפּ' 3).

אינטערעסאַנט, וואָס אויפן 35סטן קאָנגרעס פון פּען־קלוב, זומער 1962 אין אַבידזשאַן (ברעג פון העלפאַנטביין), איז באַהאַנדלט געוואָרן די טעמע „לעגענדעס און מיטן, ווי אַ קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר ליטעראַטור און קונסט".

ווען מענדעלע לייענט מענדעלען, זעט מען און מען פילט די השפּעה, וואָס עס האָבן געהאַט אויף זיין שפּראַך־נוסח די שפּראַך־קולטור פון אונדזער אַלטן פאָלקסטימלעכן ייִדיש, פון דער גאַנצער „ווייבערישער" ליטעראַטור, טייטש־חומש — צאינה וראינה, מנורת המאור, ספר הישר, תחינות, מגידישע משלים (דער דובנער מגיד), די פאָלקס־מעשׂיות פון ר' נחמן בראַסלאַווער, פון מהר"ל מפּראָג, פון ישׂראל בעל־שם טוב, פון „שפּאָלער זיידן", בדחנישע און חזנישע „שטיקלעך", פאָלקסלידער. מיר געפינען חקירה־ און מוסר־ספרים: חובת הלבבות, שבט מוסר, ספורי המקרא, אגדתא, מדרשים, עין יעקב, זוהר. באַפרייטע פון זייערע ספרים־אַלמערס, קומען זיי אין באַרירונג מיטן לעבן. „די פייערדיקע רייד פון די נביאים, די דערציילונגען זייערע איבער גאָט, איבער דער וועלט, האָבן אויפגעוועקט אין אים [שלמהלען] זיין כוח הדמיון און אים געגעבן גענוג שטאָף צו דענקען, צו טראַכטן" (שלמה ר' חיימס, קאַפּ' 4).

דער סאָציאַלער כּל־בו און דער פאָלקלאָר ביי מענדעלען

די אַמאָליקע רוסישע קריטיק האָט אָנגערופן ש.י. אַבראַמאָוויטשן „ביטאָ־פּיסאַטעל", דאָס הייסט אַ שטייגער־שרייבער. מענדעלע איז אָבער געווען אויף זיין שטייגער אַ געשיכטע־שרייבער. מיר רופן אָן אַ געוויסן פּעריאָד פון ייִדישער געשיכטע אין 19טן יאָרהונדערט „מענדעלעס צייט".

מענדעלע האָט געפּילט אַן אַחריות פאַר דער געשיכטע, האָט ער מיט מער געטרויקייט און פולקייט געשילדערט דעם לעבנסשטייגער פון דער אָפּגייענדיקער עפּאָכע. „די היסטאָריע פאָדערט, אַז די זאַך זאָל דאָ אַ ביסל מער דערקלערט ווערן. נישט, וועט אפשר אין איר פעלן זייער אַ וויכטיק בלעטל און פאַר די שפּעטערדיקע דורות, אוי, ווער ווייסט, קען די זאַך בלייבן נישט פאַרשטענדלעך" (שלמה ר' חיימס, קאַפּ' 4).

מענדעלע האָט באַגלייט דאָס 19טע און באַגעגנט דאָס 20סטע יאָר־הונדערט. אויפן שוועל פון 20סטן יאָרהונדערט (ווען מענדעלע האָט איבער־געאַרבעט זיינע וויכטיקסטע ווערק) איז שוין געווען אַ היפּשער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט. מענדעלע אָבער איז אין זיינע שאַפונגען געבליבן מיט דער דעקלאַסירטער מאַסע, פון וועלכער ס'האָט זיך אויסגעשיכט דער פּראָלע־טאַריאַט.[4]

דער סוחר איז דער נעכטיקער קרעמער, דער טאַנדעטניק — דער נעכ־טיקער בעל־מלאכה, ס'האָט אָפּט געטראָפן, אַז אַן אַרבעטער־געזעלן האָט זיך „אַרויפגעאַרבעט און געוואָרן אַ בעל־הבית פאַר זיך". די פּועלים אין שלמה ר' חיימס זיצן ביי איין טיש מיט זייערע בעלי־בתים. וועבער נעמען אַרבעט אַהיים.

ביי דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין סאָציאַלן אַנאַליז, איז דאָך מענדעלע פאַרבייגעגאַנגען דעם פּראָצעס פון דער אויסבילדונג פון אַ ייִדישן אַרבעטער־קלאַס. מענדעלעס „פּראָלעטאַריאַט" דאָס זענען: „תהילים־זאָגער, משניות־לערנער, בעל־תפילות, שופר־בלאָזער, דריידלעך־מאַכער, פּורים־שפּילער, מצה־רעדלער; שוחטים, מנקרים, טוקערינס, קנייטלעך־לייגערקעס, פעלד־מעסטערינס פעדער־פּליקערינס, זאָגערינס וכדומה"...

מענדעלע רעכנט איבער העכער צוויי הונדערט פאַרשיידענע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס, געשטאַלטן, יחידים און כאַראַקטעריסטיקעס פון אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און שטייגער — דאָס איז אַ מין סאָציאַלער כל־בו (דאָס ווינטשפינגערל, קאַפּ' 1, פּישקע דער קרומער, קאַפּ' 13, קליאַטשע, קאַפּ' 5, 11, 17). אַליין די נאָמענקלאַטור פון דעם סאָציאַלן כל־בו איז פאָלקלאָר־שטאָף. די מאַטעריעלע און גייסטיקע באַציִונ־גען צווישן אָט די אַלע קאַטעגאָריעס, זייער לשון, תנועות און הוויות זענען

געוועזן פאַר מענדעלען נישט נאָר שטאָף פאַר סאַטירע. דאָס איז געוועזן די רעאַלע סביבה, ווו מענטשן „זענען זיך מפרנס איינער פון דעם צווייטן און מען פאַרדאַרבט איינע די אַנדערע״ (די קליאַטשע, קאַפּ׳ 17). דאָס איז געוועזן דער לעבעדיקער קוואַל פון פאָלקלאָר, פאַרב און קאָלאָריט פאַר סאַטירישער מאָלעריי און פאַעטישער פּראָזע.

פאָלקלאָריסטיק און מענדעלעס סאַטירע

דער פאָלקלאָריזם פון מענדעלען האָט זיך פאַרמירט אין דער גנזעל־שאַפטלעכער אַטמאָספער, וואָס איז געוועזן דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון השׂכּלה און רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַטיזם. מיר זעען אָבער נישט אַזאַ שלל שפראַך־פאָלקלאָר ביים יונגן מענדעלע. אין מענדעלעס ערשטע ווערק — אין ערשטן וואַריאַנט פון דאָס קליינע מענטשעלע, דאָס ווינטשפינגערל. ער איז כמעט נישטאָ אין די טאַקסע. מ. נוסינאָוו באַמערקט: אין דער ערשטער רעדאַקציע פון דאָס ווינטשפינגערל (1864) איז בולט די טענדענץ אַרויסרוקן דעם משׂכּילישן מיין און פסלענען די עלעמענטן פון פאָלקס־עפּאָס, פון פאָלקס־לעגענדע. אין דער צווייטער רעדאַקציע (1888—1889) איז אָט די טענדענץ אָפּגעשוואַכט.[5]

די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור־פאָרשונג, אָנגעפירט פון דער יעווו־סעקציע האָט מדקדק געוועזן כחוט השׂערה מיט דער ירושה פון די קלאַ־סיקער. „כמעביר צאן תחת שבטו״ האָט מען יעדן קלאַסיקער בודק געוועזן ווען און מיט וואָס ער איז געוועזן פּראָגרעסיוו, ווען און מיט וואָס ער איז געוואָרן רעאַקציאָנער. פאָלקלאָר און העברעיִש זענען, לויט דער יעווסע־קישער גירסא, געוועזן ביי מענדעלען דער סימן מובהק פון זיין רעאַקציאָ־נערישקייט. מ. ווינער האָט דעמאָלט געשריבן וועגן דער „בויטוועגדיקייט פון אַ קריטישער באַציִונג צום שפראַך־פאָלקלאָר״, וואָס האָט „געמוזט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ דערשיינונג פון פאַרקריפלונג און ווי אַן אָפּהאַלט פון נאָרמאַלער געדאַנקען־ און שפראַך־אַנטוויקלונג״.[6] וועגן די שפראַך־פאָלקלאָר־עלעמענטן אין מענדעלעס העברעיִשע איבערזעצונגען זאָגט ווינער, אַז „זיי האָבן איצט די פונקציע ערשטנס, אויסצודריקן רעגרעסיווע פאַר־ליבטקייט צו פאָלקסטימלעכער שאַפונג און צווייטנס, צו פאַרבייגן די אור־

שפּרינגלעך סאַטירישע טענדענץ פון די ווערק אויף דער זייט פון פּאַטעטיש־נאַציאָנאַליסטישן טראַגיזם".[7] לויט ווינערס סכעמע איז „דער פֿאָלקלאָריסטיש־באַוואָקסענער רייד־שטייגער אַן אינסטרומענט פון פאַרקריפּלטן האַנדל־וואַנדל". „דער אורשפּרינגלעכער נויט־באַהעלף כאַראַקטער פון שפּראַך־פֿאָלקלאָר" קריכט אַרויס, ווען עס „דעגענערירט דאָס לעבן אין אײנעם מיט דער שפּראַך", „וואָס קאָן אַלץ אַרויסזאָגן, נאָר נישט פּינקטלעך דאָס, וואָס מען דאַרף". מענדעלע איז באַריידעוודיק. דער פֿאָלקלאָר גיט די מעגלעכקייט „באַריידעוודיק רעדן און זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט" (דאָרט).

ביי מענדעלען איז נישט געווען, ווי נוסינאָוו האָט געמיינט, די טענדענץ צו פסלענען די עלעמענטן פון פֿאָלקס־עפּאָס און פֿאָלקס־לעגענדע. מענדעלע האָט געשריבן זיינע ווערק בחפזון, ווי אין קאַמפּס־פיבער, געשטרעבט דער עיקר צו געבן אין זיי דעם חוט־השדרה פון דער אידעע. שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט און זיי אָנגעטאָן מיט פלייש און בלוט, זיי קינסטלעריש באַאַרבעט, איבערפאָרמירט, פאַרברייטערט דעם פאַרנעם מיט נייע געשעע־נישן, געפיילט די שפּראַך. דער פֿאָלקלאָרישער עלעמענט אין מענדעלעס שפּראַך־נוסח איז איינצייטיק געוואָרן מענדעלעס קינסטלערישער סטיל. די פֿאָלקלאָריסטיק האָט וויניקער פון אַלץ צו טאָן מיט די שפּיצן פון דער געזעלשאַפט און איז ענג פאַרבונדן מיט די פֿאָלקס־מאַסן — דאָס, וואָס איז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ פֿאָלקס־ליטעראַטור, און באַזונדערס פון מענדעלעס שאַפן. דער פֿאָלקלאָר האָט געהאָלפן מענדעלען קינסטלעריש — בולטער מאַכן די אידעע, דערנענטערן זיינע ווערק צום פֿאָלק.

אַחוץ דער קינסטלערישקייט האָט מענדעלעס פאַרוויקלטער אין פֿאָלקלאָר רייד־שטייגער (באַריידעוודיקייט) געהאָלפן דער עזאָפּישקייט. מיר האָבן דאָס באַוויזן מיט פיל ביישפּילן אין אונדזער אַרבעט „דער אַשמדאַי און ישׂראליק".

מענדעלע האָט געלעבט און געשאַפן אין אַ צייט, „ווען דאָס וואָרט האָט געדינט נישט ווי אַ נאַטירלעכע פאָרעם אויף אויסצודריקן דעם מענטשלעכן געדאַנק, נאָר ווי אַ שלייער, דורך וועלכן נישט פול, נאָר מיט רמזים ס'האָבן געשיינט די קאָנטורן פון דעם געדאַנק, און וואָס כיטרער און פאַרפּלאָנטער־

טער ס׳איז געווען דער שלייער, אַלץ טרויעריקער, אַלץ אומגעדולדיקער האָט געצאַפּלט אונטער אים די מעכטיקייט פון געדאַנק, אַלץ העכער האָט אָפּגעקלונגען זיין עכאָ אין די יונגע נשמות פון די לייענער.[8] פון איין זייט האָבן זיך באַוויזן אַלעגאָריעס, פון דער צווייטער — די קונסט צו לייענען צווישן די שורות. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ באַזונדערער שרייב־מאַניר, וואָס קען אָנגערופן ווערן עזאָפּישער, אַ מאַניר, וואָס פאַרמאָגט גלענצנדיקע המצאות און רמזים״.[9]

די ייִדישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַ לאַנגאַניקע טראַדיציע פון עזאָ־פּישקייט, איבערהויפּט אין תּנאים פון אונטערדריקונג און רדיפות, ווען מען האָט געמוזט רעדן אויפן ווונק. דער פאָלקלאָריסטישער רייד־שטייגער, אַן אַריינגעשטעלטער משל, אַ דערציילטע מעשׂה האָט באַהאַלטן די כּוונה „והמ־בין יבין״. מענדעלע רעדט פאַרשטעלט. ער זאָגט נישט אַרויס גלייך וואָס ער טראַכט, נאָר ער טראַכט ווי אַזוי צו זאָגן, כּדי דער וואָס דאַרף זאָל פאַרשטיין. דאָס ליגט אין זיין באַקאַנטן „נישט דאָס בין איך אויסן״... מענדעלע און זיין לייענער פאַרשטייען זיך אויפן ווונק. די „באַריידעוור־דיקייט״ האָט פאַרמאַסקירט אַן אַריינגעשמוגלט וואָרט, אַ פאַרבאָטענע פראַזע.

מ. ווינער, וואָס איז אין יאָרן אַרום אָפּגעגאַנגען פון ווולגאַרן סאָציאָ־לאָגיזם, וואָס האָט געהערשט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשונג, האָט אין קעגנזאַץ צו זיין פריִערדיקער אויבנדערמאָנטער סכעמע באַמערקט: „אויסערלעך איז מענדעלע באַריידעוודיק און פאַרט האָט קיין שרייבער נישט געגעבן אַזאַ געדיכטע שורה מיט אַזוי פיל קאָנצענטרירטן לעבן ווי ער״. ווינער באַמערקט אויך, אַז „מענדעלע האָט דער ייִדישער ליטעראַטור געוויזן דעם קינסטלערישן וועג צו דער פאָלקסטימלעכקייט״.[10]

אין די יאָרן 1934—1936, ערב די מאַסן־רעפּרעסיעס, האָט אויף אַ קורצע צייט אַ בלאָז געטאָן אויף דער „ייִדישער גאַס״ אַ לינדער ווינטל פון אַ נאַציאָנאַלן קולטור־פרילינג. סטאַלינס שני למלך, דער קיִעווער „ייִדישער גאַרבער״ מ. קאַהאַנאָוויטש, האָט באַזוכט ביראָבידזשאַן, גערעדט ייִדיש מיט ייִדן וועגן דער איינהייטלעכקייט פון דער ייִדישער שפּראַך (אויף די שילדן) און געמוסרט די ייִדישע ווייבער, פאַר וואָס זיי האָבן פאַרגעסן מאַכן ייִדישע געפילטע פיש און אַ שבתדיקן קוגל. אין ביראָבידזשאַן האָט מען

דעמאָלט צונויפגערופן אַ קולינאַרן־קאָנפערענץ וועגן ייִדישע נאַציאָנאַלע מאכלים... ס'האָט זיך געגרייט אַ ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ. דער מחבר פון די שורות, ווי אַ מיטאַרבעטער פון יודאַיִקאַ־אָפּטייל אין דער לענינגראַד־דער עפנטלעכער ביבליאָטעק א״נ סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, האָט צוגעגרייט צו דער קאָנפערענץ און פאַרעפנטלעכט אַ סאָוועטיש־ייִדישע שפּראַך־ביבליאָגראַפיע. דער מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס״ האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון מענדעלע מוכר־ספרימס ווערק. ס'האָט געהאַלטן ביים אַריינפירן אַ ספּעציעלן קורס פון העברעיִש — אונטער דער אָנפירונג פון אַלכסנדר כאַשין — פאַר ייִדישע לערער אין דעם פּעדאַגאָגישן פאַקולטעט ביים אינסטיטוט א״נ פון בובנאָוו.

ס'איז געווען אַ קורצער אָטעם־איבערכאַפּ פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג. דעמאָלט האָט אויך מ. ווינער פורץ־גדר געווען...

„אמת מארץ תצמח״

די רעליגיעזע פאָלקלאָריסטיק, ווי אַלע פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן — די שפּראַך־שאַפונג ביי מענדעלען, דינען אויפצודעקן דעם אמת פון לעבן. מיט דער שפּראַך פון אַלטע דורות רעדט מענדעלע צו די נייע דורות מיט נייע באַגריפן. דאָס וואָרט ווערט ביי אים מגולגל ווי ביי פּרצן דער גילגול פון אַ ניגון. אין העברעיִש און אין ייִדיש, אין ייִדישיזירטע העברעיִזמען, אין העברעיִזירטע ייִדישיזמען, אין אַלט־ייִדישן פאָלקלאָר, אין מענדעליזירטע תּנך־ און מדרש־טעקסטן, אין דער גאַנצער רעליגיעזער פאָלקלאָריסטיק — האָט מענדעלע געגעבן נייעם וועלטלעכן אינהאַלט, און דאָס פאָלקסטימלעך־ייִדישע, וועלכן ס'האָבן אָפּגעטרייסלט פון זייערע פאָדעשוועס די גרויסשטאָטישע „זיך ציוויליזירנדיקע״ משׂכּילים, האָט ביי מענדעלען באַקומען אַ נייעם אימפּולס און אויסדרוק־מעגלעכקייטן פאַר סאַטירע און ליריק.

די סטיליזירטע תּחינות, תּפילות, דער שפּראַך־מאַניר נאָכצומאַכן דעם טייטש־חומש, דעם מגידישן משל־נמשל, די פאָלקס־לעגענדעס, פאָלקס־מעשׂיות, מיטאָלאָגישע געשטאַלטן — מאַכן שטאַרקער און שאַרפער זיין סאַטירע און אינהאַלטרייכער זיין פּאָעטישע פּראָזע; מענדעלעס רעליגיעז־מיסטישע פאָלקלאָריסטיק האָט נאָך געהאַט אַ רעאַלן באָדן נישט נאָר אין

דער שפּראַך, נאָר אויך אינעם שטייגער און אינעם אַרט דענקען. שווער איז געווען פּרצעס בערל קאָלבאָס צו באַגרייפן, אַז די גבורה וואָס שטעקט אין שטריימל, נעמט זיך טאַקע פון אים אַליין; גלויבן און אַבערגלויבן האָבן נאָך געהאַט אַ רעאַלע קראַפט. מען האָט אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע, מען האָט „איינגעריסן" אין שול. אַברהם אָבינו האָט זיך געזעצט סנדקאות אויף זיין שטול, ווען מען האָט גע„יידישט" קינדער. אליהו הנביא איז געקומען צו זיין אָנגעפילטן כוס אויפן סדר. אמת, ס'האָבן שוין געפעלט יענע צדיקים, וואָס האָבן „געשטעלט אויף זיך" און ווי ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס האָבן זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם אויף „דו"; מענדעלע האָט געוווסט, אַז אמת מארץ תצמח, האָט ער דעם הימלישן הימל הימליש־ערדיש געמאַכט: גאָט, אַ גבור אין אַ פּורפּור־קלייד מיט גרייז־גרויע לאָקן, דערשיינט מיט אַ סוויטע (די קליאַטשע, קאַפּ' 10), די ערד מיטן הימל זענען זיך משדך, מלאכים, שׂרפים מישן זיך אויס אין איינעם מיט מענטשן און גיבן, קושנדיק זיך, איינער דעם אַנדערן איבער געטלעכע געפילן (פון זוהר, דאָס ווינטש־פינגערל, קאַפּ' 17, אַן איבערדיכטונג פון דער נפילים־לעגענדע).

אין יודל איז גאָט אַ חכם, אַ מייסטער, די תורה „אַ חתונה מיט אַ האַרמידער". יודל מיט גאָטס בת־יחידה האָבן חתונה אונטערן באַרג סיני, מתן־תורה — „אַ חתונה מיט אַ האַרמידער", יודל מיט גאָטס בת־יחידה האָבן אַ קינדל־מינדל — תורה שבעל־פּה. אַל דאָס געטלעכע איז דאָ ערדיש, שטייגעריש און פּשוט מענטשלעך.

די מיסטישע שדים און רוחות אין ישׂראליקס קראַנקן מוח זענען פּשוטע טשינאָווניקעס אין דער צאַרישער (אַשמדאַיס) קאַנצעלאַריע. קאַשציי זעט אויס ווי אַ שיכור ביים אויסניכטערן זיך (אַ רוסישער שוואַרצמאהניק, ביי וועלכן ישׂראליק טאַנצט מה־יפית). כיראָן דער צענטאַוער „איז מענטשלעך בלויז מיט דער באָרד און פּיאות, דאָס איבעריקע איז פערדיש און מלמדיש"... מענדעלע פּאַרמאַסקירט קונציק זיין אַרויסטריט קעגן די צאַרישע הערשער און פּריצים. דורך די שוואַרצע קונצנמאַכער פון די אַלטע לעגענדעס, צויבער־מעשׂיות „ווערן פּרינצן און פּרינצעסינס — בהמות נעבעך", דער מלך ווערט „איבערגעקערט אין אַ צאַפּ, אין אַן אָקס וכדומה", דער פּריץ, דער גראַף ווערט „אַ הונט, אַ וואָלף, אַ בער, וואָס האָט געביסן, געזויגן זייער (די

פויערימס) בלוט און ביי זיי אַרויסגענומען דעם מאַרך פון די ביינער" (די קליאַטשע, קאַפּ׳ 3). ער לאַכט אויס דעם אַבערגלויבן פון אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, באַווייזנדיק דעם בעל־שם מיט דער גויע וואָס פאַרטרייבן די שדים פון ישׂראליקן (די קליאַטשע, קאַפּ׳ 5). ער ברענגט דאָרט (אין די אויסגאַבן פון 1873 און 1889) אַ פּאַראָדירטן נוסח פון אָפּשפּרעכן. אין שלמה ר׳ חיימס (קאַפּ׳ 6) באַשרייבט מענדעלע ווי אַזוי ר׳ אליהו בעל־שם פאַרטרייבט די שדים ביי אַ געווינערין.

בדרך כלל איז מענדעלעס סאַטירע בנוגע דעם אינערלעכן ייִדישן לעבן נישט פאַרמאַסקירט און גראָטעסק.

מידת הדין מיט מידת הרחמים

נישט אומעטום איז די רעליגיעזע פאָלקלאָריסטיק ביי מענדעלען פּאַראָדיש־סאַטיריש. מיר זעען אויך אַ ראָמאַנטיש־פּאָזיטיווע באַציִונג. מיר פילן אָפּט אַ גוטע מיטפילנדיקע איראָניע, אַ באַהאַלטענע, אויך אָפענע ליבשאַפט צו זיינע העלדן. דורך האַרציקן דערהויבנדיקן פאָלקלאָר לעבן מיר איבער צוזאַמען מיט זיינע העלדן און ווערן מיט זיי צוזאַמען דערהויבן.

סענדערל זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים אין מענדעלעס ייִדיש מיט אַ האַרבער טענה: „וואָס שטייסטו גאָט פון ווייטן / פאַרבאַרגסט זיך אין שלעכטע צייטן"? (למה ה׳ תעמד ברחוק) (תהלים י׳, א).

מענדעלעס סאַטירע באַקומט זיך אָפּט דורך זיין ספּעציפישער אינטערפּרעטאַציע אויף ייִדיש פון די העברעיִשע טעקסטן, פּסוקים פון די הייליקע ספרים (דאָס, וואָס אויף אַן אַנדער אופן האָט געטאָן שלום־עליכמס געליבטער טביה דער מילכיקער). באַזונדערס זעען מיר דאָס אין מענדעלעס הקדמות.

אַנדערש מיטן תהילים. „דאָ, אין דער תהילים־איבערזעצונג, האָט ער (מענדעלע) נישט פאַראַפראַזירט, נישט פּאַראָדירט, נישט צו פיל פאַרהיימישט און זיך נישט געוועורטלט".[11]

די עלעגיש־לירישע פּאָעזיע פון תהילים, ווו דער מענטש גיסט אויס זיין האַרץ פאַר גאָט, דערלאָזט נישט אַזאַ „היימישקייט" און ווערטלדיקייט. צו שיר־השירים איז מענדעלע מער „צוגעלאָזן", היימיש און טייטשט אויס מיט אַלע „אויסריידענישן פון רש"י" („אַ גרויע האָר").

מיט צערטלעכקייט ווערן דורך אים אימיטירט טעקסטן פון תּחינות, אין וועלכע ס׳ווערט „דרך אַגב״ אַריינגעפּלאָכטן צענזור־קאָנטראַבאַנדע. עס ווערט דערמאָנט ביי מענדעלען אַ תּחינה חדשה על הפּרנסה. אין „פישקע דער קרומער״ זאָגט מענדעלע די דאָזיקע תּחינה און ענדיקט מיט תּחינה־לשון: „טו צושיקן מיר דיין קנעכט מענדל, דעם זון פון דיין דינסט גנענדל, און כל ישׂראל עפּעס אַ פּרנסה, אַ גוט געשעפטל מיט נחת רוח אמן״ (קאַפּ׳ 1). עס ווערן דערמאָנט תּחינות צו ליכטבענטשן, צו ראש־חודש־בענטשן, תּחינה אמהות שׂרה, רבקה, רחל ולאה, גאָר אַ שפּאָגל־נייע תּחינה פאַר כּפּרה שלאָגן (קאַפּ׳ 12).

מענדעלע האַלט זיך נישט איין „אויף אַ ציקאַוועס צו שטעלן אַ ביסל פון דער תּחינה ערב יום־כּיפּור, ביים לייגן קנייטלעך און מאַכן די וואַקסענע ליכט״. שלמהלעס מאַמע שׂרה לייגט קנייטלעך. „שכנות מיט געבראָכענע הערצער שטייען אַרום איר, זי לייענט זיי דערביי פאַר מיט אַ רירנדיקער שטים טיף פונעם האַרצן״. אין דער תּחינה בעטן די ווייבער נישט נאָר פאַר זיך, „פאַר די מאַנען און קינדער״... „זייער ליכט זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן פאַר דער צייט״, נאָר אויך „מען זאָל נישט כאַפּן ביי אונדז אונדזערע קינדערלעך, זיי זאָלן נישט אַוועקגענומען ווערן און נישט פאַרוואָרפן ווערן ווייט פון אונדז ווי די בלודנע שעפעלעך״... „די שׂונאים, די כל המשחיתים והמקטרגים, זיי זאָלן נישט קענען אָנרעדן אויף אונדז שלעכטס, אויסטראַכטן בלבולים צו פאַרשוואַרצן אונדזער נאָמען״... אין דער תּחינה ווערט אויך געבעטן: „עס זאָל אָנגענומען ווערן דאָס געבעט פון אַ פרעמדן, גאָר פון אַן אַנדער אומה״... (שלמה ר׳ חיימס, קאַפּ׳ 5).

מענדעלע איז אַנטציקט פון שׂרהס ריינע האַרציקע ווערטער פון ליב־שאַפט צו מענטשן, צו אַ גאַנצער „וועלט מענטשן״. ער לייגט אַריין אין שׂרהס מויל דעם פּראָטעסט קעגן דער רעקרוטשינע, קעגן די צאַרישע בלוט־בלבולים, קעגן די שׂונאי־ישׂראל — אַלטע און נייע פאָלקס־צרות, וואָס זענען פון תּמיד אָן געווען טעמעס פאַר פאָלקסשאַפונג.

אין קאַפּ׳ 5 פון שלמה ר׳ חיימס גיט אונדז מענדעלע זיינע אַ געגראַמטע איבערזעצונג פון „ונתנה תוקף״ אין סטיל פונעם אַלטן עברי־טייטש. דער „ונתנה תוקף״ קלינגט תּמימותדיק־קינדעריש מיט איידעלער איראָניע.

אין שלמה ר׳ חיימס האָבן מיר עטנאָגראַפיש־געשיכטלעכע שילדערונגען פונעם לעבנס־שטייגער. „לאָזן קינדס קינדער וויסן אין וועלכע הייזער די ייִדעס זענען געזעסן און האָבן אָפּגעלעבט זייערע יאָרן אין איינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע, און פאַרפאַלקן אויף קעסט״ (קאַפּ׳ 2), דאָס מאַטעריעלע און גייסטיקע לעבן אין די הייזער, דער „אינדערוואַכן, שבתים און יום־טובים״. צוזאַמען מיט דעם גיט אונדז מענדעלע דאָרט אַ שלל פאָלקסלעגענדעס און פאָלקס־מעשׂיות, צווישן פאָלק דערציילטע, און פון הייליקע ספרים: די מעשׂה ווי „מאַנטעפיאָרע האָט אָפּגעקויפט די ייִדן״ ביים קיסר (קאַפּ׳ 3); די מעשׂה פון ר׳ אליהו בעל שם טוב, ווי ער האָט דערהרגעט אַלע מכשפים, זיינע סגולות און קמיעות; די דערציילערין יאַכנע סאָסיע אָדער די לייבציכע מיט אירע מעשׂיות פונעם פאָלקסשטייגער (קאַפּ׳ 7—9).

שלמהלען „רירן ביי דער לעבער״ אַזעלכע מעשׂיות פון די הייליקע ספרים, ווי נאָך האַלבער נאַכט „לאָזט זיך גאָט פון דריי הונדערט און נײַנציק הימלען אין גן־עדן אַריין. כיתות מלאכים לויפן פאָרויס און זאָגן שירה: עפנט טויערן ברייט זיך אויף / עפנט הויך זיך ביז אַרויף / אַ איר אייביק פעסטע טירן / קומען לאָז דאָ גאָט שפּאַצירן״ (שׂאו שערים ראשיכם והנשׂאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד (תהלים כ״ד, ז׳). „גאָט וויינט אויפן חורבן בית המקדש, אויף ירושלים, די וויסטע שטאָט, אויף ציון, די ביטערע אַלמנה, אויף די קינדער ישׂראל זיינע, און צוויי הייסע טראָפּנס טרערן פאַלן אויס די אויגן גלייך אין ים אַריין״ (קאַפּ׳ 8).

אויך אין דאָס ווינטשפינגערל (קאַפּ׳ 17), ווען אַברהם האָט זיך גענומען זופן „זוהר״, האָבן די אויגן „אים געפלאַקערט״, „דאָס פנים געפלאַמט ווי ביי אַ פאַרליבטן״, „ביי יענע שטעלן דאָרט, וווּ גאָט שפּאַצירט אין גן־עדן מיט די צדיקים״, די שכינה ברומט ווי אַ טויב... וויינט אויף איר געליבט פאָלק. אויך גאָטס שפּאַציר און גאָטס געוויין... וויפל וואַרעמקייט און צאַרטקייט ווייזט אַרויס דער סאַטיריקער מענדעלע צום „זוהר״. „דער זוהר, דאָס איז אַ סיני, פייער־שפּייענדיקער באַרג פון הייליקער ריינער ליבשאַפט... דאָס איז אַ פייערדיקער זייל פון ליבע, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אַ שיין געגעבן פאַר ייִדישע קינדער אין די מיטעלע יאָרהונדערטן, ווען אַרום זיי איז געווען שטאָק־פינצטער, ווען פיינטשאַפט, ווילדע אַכזריות און פאַרבלענדקייט האָבן

זיי אַנגעטאָן געברענטע, געבראָטענע לייד און פאַרגיפט זיי נעבעך דאָס לעבן. דאָס איז דער ערשטער יידישער ראָמאַן, דער שיר־השירים, — דער ראָמאַן פון אַלע ראָמאַנען". (דאָס ווינטשפינגערל, קאַפּ׳ 17).

ווי כלאחר־יד דערמאָנט מענדעלע (דאָס ווינטשפינגערל, קאַפּ׳ 21) „די זייער שיינע מעשׂיות מיט ר׳ מאיר בעל הנס, מיט ר׳ יהושע בן לוי, מיט ר׳ חנינא בן דוסא, מיט ר׳ שמעון פון חלבתא, פון ר׳ שמעון בן יוחאי מיט זיינע תּלמידים, ווי ר׳ ישמעאל בן אלישע האָט אַראָפּגעבראַכט דעם שׂר־התּורה יפיאל המלאך, וועגן אליהו הנביא מיט רבה בר בר־חנא. די מעשׂה פון ספר „אבקת רוכל" וועגן זיבעטן צייכן, וואָס הקדוש ברוך הוא וועזט דער וועלט, פון אַרמילוס דעם שׂטן, וועלכן „די אומות העולם רופן אַנטי־קרישטו", און נחמיה דער זון פון חושיאל (משיח בן יוסף) (דאָס ווינטש־פינגערל, קאַפּ׳ 8). די מעשׂה, וואָס עס דערציילט איציק פשטן אין מסעות בנימין השלישי פון ספר יוסיפון וועגן אַלכּסנדר מוקדון, וואָס האָט געוואָלט גיין צו די קינדער פון יונדב בן רכב, ווי ער האָט נישט געקענט אַריבער די הרי־חושך (קאַפּ׳ 7).

צווישן די פיל לעגענדעס און פאָלקס־מעשׂיות, מיט וועלכע ס׳זענען אָנגעפילט מענדעלעס ווערק, זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן אין יענע פינצטערע צייטן אין די פּאַרוואָפענע טונעיאַדעווקעס געוועקט האָפענונג, געררייצט די פאַנטאַזיע, געפלאַנצט גלויבן אין גאולה. זיי זענען געווען ווי „זוניקע שטראַלן אין נאַכט־חושך". זיי זענען געווען אַ רעאַלקייט, מיט וועלכער מענטשן האָבן געלעבט.

טשערנישעווסקי ווייזט אָן, אַז: „אונטערן ווירקלעכן לעבן פאַרשטייען מיר נישט נאָר די באַציִונג פון מענטש צו זאַכן און וועזנס פון דער אָביעקטיוער וועלט, נאָר אויך דאָס אינערלעכע לעבן פונעם מענטשן; טייל מאָל לעבט דער מענטש מיט טרוימען, דעמאָלט האָבן די טרוימען פאַר אים, אויף אַ געוויסן גראַד און באַשטימטער צייט, אַ באַדייטונג פון עפּעס אָביעקטיווס".[12]

די רויטע יידעלעך אויף יענער זייט פונעם אומרויִקן לעגענדאַרן טייך סמבטיון, דאָס גליקלעכע פרייע לעבן, וואָס עס פירן דאָרט די עשׂרת השבטים, איז געווען אַ מין עלדאָראַדאָ־טרוים, דער חלום און די האָפענונג

אויף משיח און גאולה. די פֿאָלקסטימלעכע תּמימות, מיט וועלכער אַזעלכע לעגענדעס זענען דערציילט געוואָרן און דער גלויבן אין זיי, ווייזט, אַז זיי זענען ביי די טונעיאַדעווקער געווען אַ רעאַלקייט — אַווירקלעכקייט, וואָס האָט געגעבן כּוח אויסצוהאַלטן זייער געמאַטערט לעבן.

דאָס פֿאָלקסליד

מענדעלע האָט געהאַט אַ טיפֿן אינטערעס צו פֿאַרשידענע זשאַנרען פֿון פֿאָלקסשאַפֿונג, בתוכם אויך צום פֿאָלקסליד. ער האָט ליב די פֿאָלקסלידלעך, וואָס מען זינגט און ווי אַזוי מען זינגט ביי די בעל־מלאכות, ביי די שניידערס און שוסטערס. „עס שפּילט זיך אָפּ אַ מלך־עליון טשאַקענדיק און לעבעדיק, אַזש מלאכים מעגן זיך פֿרייען... אייגער מאַכט נאָך אויף אַן אומעטיק קול דעם בדחן, ווי ער זאָגט גראַמען צו באַדעקנס, אַ טייל בחורים שפּילן צו ווי די כּלי־זמר אַ שטיל טרויעריק ניגונדל... עס לאָזט זיך אויס אַ כּשר־טאַנץ" (שלמה ר' חיימס, קאַפּ' 11).

דאָ גיט מענדעלע קורצע שטריכן צו דער ביאָגראַפֿיע פֿונעם פֿאָלקסליד: „דאָרט ביי די פּועלים ווערן אָפֿט געזונגען לידלעך, אייגענע אַרבעט טאַקע, וואָס גייען דערנאָך אַרויס אויף דער וועלט צווישן עולם, פֿאַלן אַריין אין מויל צו מיידלעך, דינסטמיידלעך און באַקומען דעם נאָמען „פֿאָלקסלידלעך". פּועלים, וואָס פּלעגן וואַנדערן, אַרבעטן ביי גויִים אין די דערפֿער, האָבן אין זייערע לידלעך אַריינגעמישט גוייִשע ווערטער, אַזוי, אַז עס איז אויס־געקומען האַלב־ייִדיש — האַלב־רייסיש.

מענדעלע פֿירט דעם לייענער צו לייזער־יענקלס שטוב און לאָזט אים הנאה האָבן פֿון די חזנישע „שטיקלעך", וואָס ער כאַפּט אויף דורכן פֿענצטער (שלמה ר' חיימס, קאַפּ' 1). אויפֿן נידעריקן טרעפּל פֿונעם ייִדישן לעבן, דאָרטן אונטן אין די קעלערס, האָט מענדעלע אַנטפּלעקט דערהויבענע צאַרטע געפֿילן פֿון ריינער אין ליידן־געלייטערטער ליבע. פּישקע דער קרומער זינגט נישט קיין סערענאַדעס פֿאַר זיין געליבטער, דער האָרבאַטער. „שניידט אים דאָס האַרץ", ווען „זיין האָרבאַטע ברומלט פֿאַר זיך: „דער טאַטע האָט מיך געקוילעט / די מאַמע האָט מיך געגעסן" (פֿון אַן אַלטן פֿאָלקסליד).

ווי אַ פּרעלודיע צו דער ליבע צווישן הערשעלען מיט ביילען (אין

ווינטשפינגערל) זינגען זיי קינדעריש: „אַ זון מיט אַ רעגן / די כלה איז געלעגן / וואָס האָט זי געהאַט? / אַ ייִנגעלע... /

מענדעלע ברענגט „אַ לידל, וואָס קינד און קייט קענען עס און אַלע מאַמעס און אַמען נעמען דערמיט איין און פּאַרוויגן ברעקלעך קינדער: אויף דעם גרינעם באַרג / אויף דעם הויכן גראָז / שטייען אַ פּאָר דייטשן / מיט די לאַנגע בייטשן / הויכע מאַנען זענען זיי / קורצע קליידער טראָגן זיי / אָבינו מלך / דאָס האָרץ איז מיר פריילעך / פריילעך וועלן מיר זיין / טרינקען וועלן מיר וויין / קרעפּלעך וועלן מיר עסן / אונדזער ליבן גאָט / קיין מאָל נישט פאַרגעסן". (פישקע דער קרומער, קאַפּ' 25). דאָ איז געבראַכט דער פולער נוסח על פּי מענדעלע. דאָס לידל האָט נאָך אַנדערע נוסחאות.

„עפּעס אַ יוגנט מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ, וואָס פּאַרט זיך שטעלן פאַר אַן אַם, ברומט שטילערהייט פאַר זיך אַ טרויעריק לידל: אויפן הימל לייכטן שטערנדלעך / אין וואַלד שפּילט אַ סאָלאָוויי / דער גאַנצער וועלט איז ליב און פריילעך / און מיר אַליין איז אָך און וויי". (דאָס ווינטשפינגערל, קאַפּ' 3).

אין „אַן אַלטע מעשה" באַשרייבט מענדעלע, ווי דער הונגער טרייבט „אָרעמע און שוואַכע ייִדן נעבעך" זוכן היונה אויף ערדאַרבעט אין די קאָלאָניעס פון דרום־רוסלאַנד:

„ויהי בימי הרעב הגדול, און עס איז געווען אין די טעג פונעם גרויסן הונגער, נישט היינט געדאַכט, אין אונדזער ווינקל איז נישט געראָטן קיין תבואה, דער יקרות איז געווען שרעקלעך גרויס און מען איז געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען פאַר אַ שטיקל ברויט... אין יענער ביטערער צייט איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אין כערסאָנער גובערניע מאַכן ייִדן קאָלאָניעס. דאָרט איז פּשוט אַ גן־עדן. און צווישן דעם עולם איז דענסטמאָל אומגעגאַנגען אַ לידל, וואָס יונג און אַלט האָבן עס געזונגען. דאָס לידל איז דאַכט זיך כמעט אַזוי: האָט איר געהערט דאָס לאַנד כערסאָן / נישט ווייט פון דעם פעטער ישמעאל / פון פויגלמילך איז דאָרט פאַראַן / פאַר ייִדן ארץ־ישׂראל. / אַ פּייעם אַ ציג, אַ שאָף אַ דרייער / אַ הון אַן אינדיק — האַלב אומזיסט / אַלעסדינג בזיל־זול, קיין זאַך נישט טייער / און תבואות דאָרטן פיל ווי מיסט. / דאָס לאַנד איז גוט און ווויל אַ ווינדער. / אויב לעבן, ברידער, ווילט איר פיין / פאַרנעמט די קלימקעס, ווייב און קינדער / און לאָמיר עולה־רגל זיין!".

ווי מענדעלע זאָגט ווייטער, האָט מען דאָס לידל געזונגען „מענטשן צום אונטערטרייבן״. אויב דאָס לידל איז טאַקע אַ פאָלקסליד, וואָס מען האָט געזונגען, איז אָבער דער געבראַכטער נוסח אַ „מענדעליזירטער״. וועגן דעם זאָגט אויך מענדעלעס באַמערקונג: „דאָס לידל איז כמעט אַזוי״.

מענדעלע איז מקנא די, וואָס מאַכן פאָלקסלידער. ער פּרוווט זיך איבער־מאַכן אויף יידיש שבתדיקע זמירות. „זמירות ישׂראל״ איז געוואָרן שאַרף קריטיקירט פון יצחק־יואל לינעצקי. ער האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען אומ־נוצלעך און געשמאַקלאָז. לינעצקי און אַנדערע, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף דער נישט־קינסטלערישקייט פון „יודל״, „זמירות ישׂראל״ און „פּרק שירה״, האָבן נישט פאַרשטאַנען מענדעלעס גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט צו שאַפן פאָלקס־נוסח, אימיטירן פאָלקלאָר.

אין ווינטשפינגערל גיט מענדעלע, אין אַ האַרציק־פאָלקסטימלעכן סטיל אויף יידיש, פערזן פון דעם שבתדיקן זמר „מה ידידות מנוחתך את שבת המלכה״: „ווי ליב די רו איז דיינע / פּרינצעסין שבת מיינע! / מיר לויפן דיר אַנטקעגן אַלע, / מיר ביטן, קום געקרוינטע כלה! / פון אַלע מלאכות איז אַן עק, / די אַרבעט לייגט מען איצט אַוועק / זיך תענוג אָנצוטאָן ביים טיש / מיט הינער, חלה, פלייש און פיש״...

דאָ איז נישטאָ דער אַלטער עברי־טייטש, מיט וועלכן מענדעלע באַנוצט זיך אָפט איראָניש. דערפאַר איז פאַראַן דער טראַדיציאָנעל־פאָלקסטימלעכער שבתדיקער טיש מיט דער געקרוינטער כלה, די פּרינצעסין שבת.

פאָלקסטימלעכקייט און שפּראַך־אויסדרוק

די יידישע ליטעראַטור־שאַפונג אין די באַזונדערע לענדער באַקומט פאַרשידענע נאַציאָנאַלע השפעות. די היינטצייטיקע נייעסטע יידישע פּראָזע איז ווייט אַוועק פון יידיש־נאַציאָנאַלער פאָלקסטימלעכקייט. יעדער נישט־באַלאַנסירטער אימפּאָרט פון דער פרעמד באַרייכערט נישט, נאָר פאַראָרעמט די אייגענע שאַפונג־פּאָטענץ.

מענדעלע האָט פונאַנדערגעאַקערט דעם באָדן און געפונען אַ גרויס עשירות פאַרן אויסדרוק — פאַר באַגריף און בילד.

זאַפטיק און פילפאַרביק איז דער פאָלקסשטייגערישער שפּראַך־מאַטער־

יאָל ביי מענדעלען. „זי האָט זיך אין מיר געשמאָלצן" אָדער „פּאַר נחת זיך געשמאָלצן", „אַריינגלייגן דערינען קנייטשלעך אָפּשניצלעך", „פּשטלעך, פּזמו־נות, שמאָכטעלייען"; „זיך געבאָדן אין ווילטאָג", „גיין אין גאָלד", „מאַכן חן", „בלאָזן פון זיך", „פילן אַ טעם גן־עדן", „אַ גלעט אין בעקעלע", אַ לעקיש, לעקישעוואַטע, פּאַרלעקט (שיכּור), אַ למך.

אינטערעסאַנט זענען די ספּעציפישע עפּיטעטן, וועלכע באַצייכענען מיט איראָניע מענטשן, זאַכן און באַגריפן: אַ שאַרף קעפּל, אַ שאַרפע נאָדל מיט אַ שפּיצעכיק קעפּל, טריפהנער מזל, שוואַרצער מזל, דאָס גוטע געלעכטערל, אַ ממזריש שמייכעלע, כּשרע ייִדענעס, גילדנאָדערדיקע ייִדן, זיידענע ייִדן, אָפּגעפּיינטע מענטשעלעך.

פאָלקסאידיאָמען

דער אידיאָם — דאָס איז דער ספּעציפישער אויסדרוק, וואָס דאָס פאָלק באַנוצט מיט אַ באַזונדער מיין, וועלכער איז נישט אידענטיש מיטן אייגנט־לעכן באַטייט פון די ווערטער, פון וועלכע דער אידיאָם איז צוזאַמענגע־שטעלט. מענדעלען, דעם מייסטער צו רעדן פאַרשטעלט, אַלעגאָריש, מיט רמזים, איז באַזונדערס באַליבט דער אידיאָם, וועלכער גיט אָפּט די מעגלעכ־קייט צו רעדן בלשון „סגי־נהור".

די אידיאָמען ברענגען אַריין שפּילעוודיקייט און שטיפערישקייט. דורך זיי קען מען שטעלן דעם נויטיקן טראָפּ, אַקצענטירן דעם געצילטן געדאַנק. דער כאַראַקטער פונעם אידיאָם — אויסצודריקן פאַרשטעלט דורך דעם קאָנקרעטן דאָס אַבסטראַקטע — העלפט אָפּט מענדעלעס משל־נמשל.

דער אידיאָם דריקט אויס דעם פאָלקס שאַרפזין, זיין חכמה.

די אידיאָמען, וועלכע זענען דאָ געבראַכט, שעפּן נישט אויס אַלע, מיט וועלכע מענדעלע האָט זיך באַנוצט. זיי זענען נאָר אַ טייל פון דאָס ווינטש־פינגערל, פישקע דער קרומער, מסעות בנימין השלישי, די קליאַטשע, שלמה ר' חיימס.

די אידיאָמען ווערן דאָ געבראַכט נישט לויט אַן אלף־בית־סדר אויף אויסצולערנען דעם אידיאָם. די אידיאָמען ווערן דאָ געבראַכט ווי אַן אילו־סטראַציע פון ליטעראַטור־שאַפערישער פאַטענץ. מיט דער האָפענונג, אַז

דער לייענער פאַרשטייט זייער באַטייט, ווערן געגעבן קאָמענטאַרן נאָר אין באַזונדערע פאַלן — אין וועלכן באַטייט מענדעלע האָט זיי באַנוצט.

זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע, שרייען חי וקים, קייען די ערד (ווי אָפּעסן זיך דאָס האַרץ), ווערן פאַרשוואַרצט, דאָס פּנים זיך שוואַרצן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, שטאַרק פאַרפלאָמט זיין, אַרויסגיין פון די כּלים (עקזאַלטירט), אַרויסשפּרינגען פון דער הויט, אַרויס פון כּלים (אויפגעבראַכט), צעלייגט אויף טויזנט טעלערלעך (פונאַנדערגעבלאָזן, פונאַנדערגעשמירט), שיטן זיך ניין מאָס רייד פון מויל, גערעדט פאַר פייער און וואַסער (אַן אויסברוך פון רייד נישט צו דער זאַך), אָפּטאָן אויף טערקיש (געטייטשט דעם „הבה נתחכמה״), אַ שיינע ריינע כּפּרה, מען שלאָגט מיט מיר כּפּרות, טויגן אויף כּפּרות, זיין דאָס כּפּרה־הינדל, פאַרקראָכן קיין בויבעריק (נישט אַהין וווּ מען דאַרף), עס פּיקעט זיך מיר די גאַל (פאַרדריסט), געקוקט מיט אַ קאַלטן לעבער (גלייכגילטיק), געהאַט דאָס ערלעך אויסקומעניש (ווי „געהאַט אַ פּסק״), ענטפערן מיט אַ האַלבן מויל (אָפּצופּטרן), לייגן שטיינער אויפן האַרצן (מאַכן אַ שווער געמיט).

עס זענען פאַראַן קאָמפּליצירטע אידיאָמען, ווו ס׳ווערן געמאַכט אויספירן מיט אַ מוסר־השׂכּל, ווי למשל אַזעלכע:

עס גייט זיי אָפּ קדחת, ליגט זיי אין זינען מאַכן קוצעניו־מוצעניו (זאָרגלאָזיק זיך אַמוזירן), שווער צו לעבן היינטיקע צייטן פון די פינף פינגער און מאַכן פון שניי גאָמעלקעס (אין העברעיִש האָט עס מענדעלע איבערגעזעצט: עכשיו אין מן יורד מן השמים ואין יש מאין), אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב, דאָס שמאַלץ איז אויסגערונען און דער גרוב איז געבליבן.

בילדעריש זענען אידיאָמאַטישע פאַרגלייכונגען: קוקן ווי אַ האָן אין בני אָדם, אַרומגיין צעמישט ווי אַ נעכטיקער, אַזוי ווי אַ חתונה אָן כּלי־זמר, ווי האָניק מיט גאַל אויסגעמישט (זיס און ביטער, גוטס און שלעכטס), דאָס פּנים אויסגעבריט ווי אַ צימעס (רויט), ווי אַ יערכע מיט אַ מיתה משונה קאַליר (די הויט ביי דער באַבאַ יאַהאַ), עס גייט ווי אַ מזמור, אין איין אָטעם, ווי די עשׂרת בני המן, לאַנג ווי דער גלות.

אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג פאַרדינט די פאָלקסטימלעכקייט פון דער שטייגער־שפּראַך און די פּאָעטישע פּראָזע ביי מענדעלען.

דערלערנענדיק דעם פאָלקלאָר ביי אונדזערע קלאַסיקער, זיינע מקורות און דעם אופן, ווי ער ווערט באַנוצט, וועלן מיר בעסער פאַרשטיין דאָס, וואָס אונטערשיידט און דאָס, וואָס פאַרבינדט די נייסטע יידישע ליטעראַטור מיט אירע קלאַסיקער.

שפּראַך־שטייגער

אַ וויכטיקער עלעמענט פון סטיליזאַציע איז דער שפּראַך־שטייגער ביי באַזונדערע גרופּן. דאָס איז אַ באַזונדערע פאָרעם פון שפּראַך־שאַפונג.

דער ווייבערשער שפּראַך־שטייגער

די זאָגערינס, טוקערינס, קניטלעך־לייגערקעס, פעלדמעסטערינס, „די גאַבאיטעס מיט זייער חן" וכדומה זענען געווען די לעבעדיקע טרעגער פון דעם דאָזיקן שפּראַך־שטייגער, וועלכן זיי האָבן איבערגענומען בירושה, אַרויס־געלייענט פון תחינות, פון טייטש־חומש אָדער אויסגעהערט פון אַ מגיד צולייגנדיק אַן אויער צו אַן אָפענער שפּאַרונע פון דער ווייבערשער שול.

מיר האָבן דאָס אין די רייד פון ישראליקס מאַמע און פון איר שכנה ברײַנדל: „טו וואָס גאָט האָט געבאָטן. לאָמיר פון דיר נחת האָבן" (די קליאַטשע, קאַפּ׳ 1). — „הלוואַי רבונו של עולם משוגע זאָלן זיי ווערן, די שונאים, וואָס ווינטשן בייז מיר און כל ישראל... די אַלטע רביצין די צדקנית, איר זכות זאָל אונדז ביישטיין. זיי זאָלן זיך מיען, דער וואָס לעבט אייביק וועט דערהערן זייער תּפילה. ער איז דאָך אַ טאַטע, רחום צדיק"...

ברײַנדל טייטשט אויס דעם פּסוק „מי מנה עפר יעקב": „מנה — ווער קען איבערציילן, עפר — די ערד, דאָס מיינט מען די קברים, יעקב — וואָס מען האָט אָנגעמאַכט ביי יעקב, דאָס מיינט די יידן, וואָס הייסן יעקב. דאָס איז דאָך אַ פּסוק אין צאינה וראינה. און דער רב בחיי זאָגט"... (קאַפּ׳ 6). — „אַן אָנשיקעניש, אַ פּלאָג פון זיין ליבן נאָמען" (קאַפּ׳ 4). — „אַ דאַנק און אַ לויב דעם, וואָס איך האָב די הענט נישט געוואַשן" (קאַפּ׳ 15). — „דאָס מזל זאָל שיינען ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן" (קאַפּ׳ 8)...

ביים אויפקלערן די קליאַטשע רעדט צו איר ישראליק מיט דער שפּראַך פון אַ ווייבערשן מגיד: „אשרי אדם, ווי ווויל איז דעם מענטשן, מצא —

וועלכער האָט געפונען חכמה — חכמה. פאַר וואָס? וואָרעם כי טוב סחרה — איר האַנדל איז בעסער, מסחר כסף — איידער מיט זילבער. בשמאלה — אין איר לינקער האַנט אושר וכבוד — אי אושר אי כבוד". „אם תאבו — אויב איר וועט פאָלגן, ושמעתם — איר וועט הערן, טוב — דאָס גוטסקייט, הארץ — פון דעם לאַנד, תאכלו — וועט איר עסן"... (קאַפּ׳ 15).

פאָלקלאָר אין מענדעלעס פּאָעזיע

אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג ווייזט אָן אויף דער ליטעראַרישער קרובשאַפט פון מענדעלען דעם פּאָעט־סאַטיריק מיט גאָגאָלן. באַזונדערס איז דאָס צו זען אין דער רייכער פאָלקלאָריסטישער באַאַרבונג פון זיין פּאָעטישן וואָרט.

דעם דאָמינירנדיקן כּוח פון פאָלקלאָר אין מענדעלעס פּאָעזיע דערפילט מען אין די קלי־אַטשע אין זיינע פּאָעטיש־אַלעגאָרישע שילדערונגען. ער מאָלט אויס דעם שטורעמווינט: „עס פליִען משוגענערווייז די רוחות, אַלץ דרייט זיך רעשדיק מיט אימפּעט, באַגלייט פון אַ משוגענער קאַפּעלע. אַ חתונה ביי דעם גוטן פעקל שדים. אַ מכשפה פירט מען עס צו דער חופּה מיט איר באַשערטן. לעבעדיק, פריילעך. אַלטע און יונגע מכשפות טאַנצן, שפּרינגען און דרייען זיך אין אַ רעדל מיט רוחות אין איינעם" (רעאַקציאָנערע פּאָגראָם־וואַקכאַנאַליע) (קאַפּ׳ 5).

די שטורעמדיקע נאַכט און דער אָנברוך אויף טאָג וועסנעצייט אין וואַלד (די פּאָעטישע אַלעגאָריע פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905): „עס ווערט אַ רעש, אַ געטומל און עס לויפן זיך צונויף פון אַלע זייטן סאָוועס, סאָראָקעס, וואָראָנעס, פלעדערמייז, קעץ, מאַלפּעס, פרעש, סאַלאַמאַנדרעס, יאַשצערקעס, מיני שלאַנגען, עקדעשן, פּיפּערנאָטערס, אַ שרעקלעך גרויס געזינדל" (די שוואַרצע מאה) (קאַפּ׳ 10).

„דער אָפּגעטובלטער אויסגעצוואָגענער וואַלד איז געשטאַנען ווי אַ חתן־בחור, אָנגעטאָן אין אַ נייער גרינער זופּיצע... אָט באַלד קומט צו פאָרן די זון, די טייערע גילדענע מחותּנעסטע און די חתונה וועט זיך אָנהייבן... די ערשט נישט לאַנג וויסטע, שמוציקע ערד האָט אויסגעזען איצט נאָר אַ כּלה טאַקע מיט דעם גאַנצן פּוץ, מיט דעם גאַנצן חן... אומעטום האָט

אויסגעזען ווי יום־טובדיק און אומעטום האָט געשמעקט געווירץ. זיסע, ליבע ריחות פון בשׂמים״... (קאַפּ׳ 11).

מענדעלע איז נישט געווען קיין קינסטלער צוליב קונסט, נישט קיין פּאָעט צוליב דער פּאָעזיע. ער איז געווען „דאָס האַרץ פון אַ בריה אַ פּאָעט, וואָס פילט דעם צער פון דער וועלט״ (דאָרט).

די ערשטע רעוואָלוציע־טעג פון 1905 — דער יום־טובדיקער וואַלד אין אָנברוך פון טאָג — האָבן נישט לאַנג געדויערט. די זון — די טייערע גילדענע מחותּנעסטע — האָט נישט לאַנג פאַר אים געלויכטן מיט פרייד. די בלוטיקע פּאָגראָמען נאָכן צאַרישן מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער, די שוואַרצע רעאַקציע נאָך די ערשטע רעוואָלוציע־טעג ברענגען מענדעלען צער און ווייטיק. ער פרעגט דעם סאָלאָוויי: „פאַר וואָס אין דעם ים זיסן שטייגער דײַנעם קאָכן־רוישן כוואַליעס ביטערע טרערן״... פאַר וואָס אין זיין וויוואַט לכבוד יום־טוב הערט זיך „עפּעס נאָר טאַקע אַ ,אל מלא רחמים׳, וואָס די כּלי־זמר שפּילן חתן־כּלה יתומים נעבעך אויף דער חתונה ביים באַדעקנס״... (דאָרט). ער ענטפערט פאַרן סאָלאָוויי: „וואָס געהער איך שלימזלדיקער מיך אָן מיט פרילינג, וואָס פאַר אַ מחותּן בין איך עלנטער מיט דעם גאַנצן יום־טובדיקן עולם... דער וועלטס פרייד איז נישט אויף מיר געזאָגט געוואָרן... אַז ביי זיי אין גאַס איז אַ שׂמחה, איז אין מיין געסל אַ גוואַלד, בלוט, שׂרפות, פלאַמפייער און רויך... אַז גרינוואַרג ווייזט זיך אין לאַנד און שפּילפייגעלעך לאָזן זיך הערן,[13] גייט ביי מיר אַ סדרה תּעניתים״ (דאָרט).

מענדעלע האָט דאָ אויף זיין שטייגער אויסגעדריקט דעם ביטערן געפיל, וואָס איז געווען אין האַרצן ביי יעדן ערלעכן מענטש, נאָך דער מפּלה פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע.

דער באַרימטער קינסטלער יצחק לעוויטאַן האָט מיט זיין יידישן אומעט געמאָלן דעם רוסישן פּייזאַזש. מענדעלע האָט מיט זיין טרויעריקן געמיט דעם רוסישן פּייזאַזש פאַרייִדישט. אָבער מענדעלעס מוזע איז נישט שטענדיק מיט „זיסן טרויער״, זי איז אויך מיט מונטערער געהויבנקייט. בנימינס „מאַרש פונעם מלך אביון״ האָט זיך אויסגעמישט „מיט דעם געזאַנג פון די פייגעלעך, מיט דעם זשוזשען פון די פליגן, מיט דעם שמוצערן פון די גרילן

און האָבן אין אַ קאָנצערט זיך דערהויבן ביז צום כסא הכּבוד פון זיין ליבן נאָמען, הויך אויף דעם זיבעטן הימל". (מסעות בנימין השלישי, קאַפּ' 4).

מענדעלעס פּאָעזיע און פּראָזע געפינען מיר אין דער ליריק פון שלמה ר' חיימס, וואָס איז איין שטיק פאָלקלאָר — אַ פאָלקסשאַפונג, וואָס עס האָט דעם ייִדישן פאָלק געשענקט מענדעלע מוכר־ספרים, פונעם פאָלק און פאַרן פאָלק.

אַ פראַגמענט פון דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען פאַרעפנטלעכט אין בײ זיך 3, 1974.

---

1 „אַרכאַיזמי וו' פּאָעטיקע מאַיאַקאָווסקאָוואָ" אין בוך פון אַלעקסיי יוגאָוו סודבי רוסקאָוואָ סלאָוואָ. מאָסקווע, „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ", 1962, ז' 97.

2 בנימין מאַכלין, „דער פסוק אין דער היינטצייטיקער ליטעראַטור", סאָוועטיש היימלאַנד, 1969, נומ' 1.

3 פון אַזאַ מין איבערגעזאָלצענער ליבשאַפט צום פויער און דערנאָך צום אַרבעטער האָבן געליטן די אינטעליגענטן־נאַראָדאָוואָלצעס (ראָבאָטשעלובצי).

4 כאַראַקטעריסטיש, אַז מ. גאָרקי, דער „פאָטער" פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט אַחוץ פּאַוועל וולאַסאָוו און זיין מוטער און עטלעכע בעקערס נישט באַוויזן קיין שום אינדוסטריעלע אַרבעטער. ער שילדערט די בורזשואַזיע, דאָס קליינבירגערטום און דעם לומפּן־פּראָלעטאַריאַט.

5 מ. נוסינאָוו, „די ערשטע אויסגאַבע פון ווינטשפינגערל", שריפטן, 1טער באַנד, קיִעוו, 1928 ז' 203.

6 מ. ווינער, „די ראָל פון די פאָלקלאָר־עלעמענטן אין מענדעלעס סטיל", די ייִדישע שפּראַך, קיִעוו, 1927, נומ' 7 ז' 29–32.

7 מ. ווינער, „באַמערקונגען וועגן שפּראַך־פאָלקלאָר ביי מענדעלען", שריפטן, 1טער באַנד, קיִעוו, 1928 ז' 129.

8 סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, „סאַטירי וו' פּראָזע" — „ליטעראַטורני אָביוואַטעל" — ווערק (אין רוסיש) ב' 3, ז' 210.

9 סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, „ניעדאָקאַנטשעננִיע בעסעדי", ווערק (אין רוסיש) ב' 15, ז' 340.

10. מ. ווינער, „מענדעלעס סטיל", אין בוך מענדעלע מוכר־ספרים — פּישקע דער קרומער, מאָסקווע, פאַרלאַג „עמעס" 1940.

11 חנא שמערוק, „מענדעלעס תהלים־איבערזעצונגען", די גאָלדענע קייט 62/63, 1968, ז' 11.

12 ציטירט לויט ג.וו. פּלעכאַנאָווס „טשאַריאַ י.ג. טשערנישעווסקאָוואָ", איזבראַננִיע פילאָסאָפסקִיע פּראָיזוועדעניִאַ, ב' 5, ז' 259.

13 איבערפראַזירט פון „שיר־השירים": „הנצנים נראו בארץ, עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו" (ב׳ י״ב).

אילוסטראַציעס צו מענדעלעס רעדן־שטייגער און פאַלקלאַריסטיק, צווישן זיי נוסחאות פון אַפּשפּרעכן אַן עין־הרע, וועט דער לייענער געפינען ביי חנא שמערוק — „בעיות בחקר הטכסטים של מנדלי מוכר ספרים ביידיש", הקונגרס העולמי למדעי היהדות, 1965, כרך ב׳, ירושלים, תשכ״ט.

מאַטעריאַלן

צו פאַרשן די אַרבעט פון מענדעלע מוכר־ספרים איבער דער ייִדיש־לעקסיק (לויט די וואַריאַנטן פון „די קליאַטשע")

מענדעלע מוכר־ספרים גופא האָט געשריבן, אַז „ליבשאַפט צום נוצלעכן" האָט אים געבראַכט צו שרייבן אויף ייִדיש. די ייִדישע שפּראַך איז ביי אים געווען אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן השׂכלה. כּדי דאָס מיטל זאָל זיין ווירקזאַמער, פאַרפולקאָמט ער עס, און עס ווערט ביי אים אַ קולטור־פאַקטאָר און אַן אינסטרומענט פאַר זיין ליטעראַריש־קינסטלערישער טעטיקייט.

אין דער שטרעבונג צו דערגרייכן וואָס מער פאַרשטענדלעכקייט און אויסדריקלעכקייט דורך דער שפּראַך, האָט ער זיך באַנוצט מיט אַלע עלע־מענטן, וואָס זענען אייגן די ייִדישע מאַסן, צו וועלכע עס זענען געווענדט זיינע ווערק; ער נוצט אויס מיט אייגנאַרטיקע קאָמענטאַרן די העברעיִשע עלעמענטן און באַנוצט זיך ברייט מיט סלאַווישע עלעמענטן (ווערטער, זאַצן, סופיקסן און פּרעפיקסן), מיט וועלכע די שפּראַך פון די שכנים האָט באַריי־כערט ייִדיש.

פאַר דעם ייִדיש־פאַרשער זענען מענדעלעס ווערק אַ רייכער קוואַל צו פאַרשן די העברעיִשע און סלאַווישע באַווירקונגען אויף ייִדיש.

שוין נאָך דעם ווי אין צווייטן וואַריאַנט האָט מענדעלע פאַרביטן פיל העברעיִזמען און סלאַוויזמען אויף אַדעקוואַטע ייִדישע אויסדרוקן, האָט ער אין דריטן וואַריאַנט פון „קליאַטשע" זיך באַנוצט מיט סלאַוויש, וואָס ער האָט אָפט מאָל אַפילו נישט פאַרייִדישט.

דער נאָמען פון זיין ווערק איז אויך געווען און געבליבן אַ סלאַווישער — „קליאַטשע".

אַן ענלעכע, אָבער נישט אידענטישע באַהאַנדלונג פון דער לעקסיק אין „די קליאַטשע" האָט פאַרעפנטלעכט אליהו ספּיוואַק אין דער צייטשריפט די יידישע שפּראַך, 1927 (מענדעלע־נומער).

סלאַוויזמען אין דריטן וואַריאַנט

נעמען פון נאַטור־דערשיינונגען: **וועסנע, אָסיען, כוואַליע (אויך: פּאַליע).**

נעמען פון בעלי־חיים: **קאָמאַרן, מוראַשקעס, זשוקעלעך, יאַשטשערקעס, פּיאַווקעס, זשאַבעס, שצערעס, סאָראָקעס, וואָראָנעס, סאָוועס, סאָלאָוויי— סאָלאָוויטשיקל, קליאַטשע, שקאַפּע, כודאָבע.**

נעמען פון זאַכן (פאַר היימישן און ספּעציעלן באַנוץ): **קאָטשערע, לאָפּעטע, פּאָלומישאָק, פּריפּעטשאָק, צעבער, האָלעשקע, סיטשקע, טאָרבע, פּאָליצע, טשאָפּרינע, גריווע.**

סלאַוויזמען אין 1טן וואַריאַנט, פאַרביטן דורך יידישע ווערטער אין די וייטערדיקע וואַריאַנטן

אָביאַסניאַיען — **זיך אָביאַסניאַיען; עס דערקלערן.**

אָבידיען — **מיאוס באַהאַנדלען, באַליידיקן, באַהאַנדלען שלעכט, גראָב באַ־האַנדלען.**

אָבידע — **באַליידיקונג.**

אָבשטשעסטוואָ — **געמיינדע.**

אובערייסאַ איק טשאָרטו — **צו אַלדע (אַלדי) שוואַרצע (שוואַרץ) יאָר.**

אוסלאָוויעס — **באַלוינונג (פון אוסלאָוויעס וועלן מיר שמועסן).**

אוספּעיען — **נאָך נישט אוספּעיעט מיך אַרומקוקן; האָב איך נאָך נישט רעכט (מיך) אַרומגעקוקט.**

אופּראַזשען — **געשפּאַן.**

איספּאָלניען — **וועט עס איספּאָלניעט ווערן; וועט עס געטאָן ווערן.**

איספּראַוונע (צושיקן בריוו) — **פּינקטלעך.**

אַקוראַטנע — **פּינקטלעך.**

אַקוראַט — **פּונקט.**

באַלאַגורען — **פּלאַפּערן, פּלוידערן.**

בידנע — **אָרעמענקע, וויסטע, אומגליקלעכע.**

בעז־זאַשטשיטנע — **אומבאַשירעמטע.**

דאָסטאַוועז — **צושטעלן.**

האַווקען — **בילן.**

וואָיען — **געוואָיעט; געפייפט (דער ווינט האָט משונה געפייפט).**

וואַליען — **אַ שטיין זיך אַראָפגעוואַליעט פונעם האַרצן; עס איז מיר אַראָפּ**
ווי אַ שטיין פון דעם האַרצן.

דעם סלאַווישן „וואַליען" באַנוצט מענדעלע אין זעלבן 2טן וואַריאַנט
פון „די קליאַטשע", ווען ער זעצט איבער פון תּהילים „ותגעש ותרעש
הארץ ומוסדי הרים ירגזו...":

„עס וויגט די ערד זיך, שטורעמט אונטן,
„עס ציטערן פון בערג די גרונטן —
„קראַך, קראַך, אָט וואַליען זיי זיך איין".

דאָס מאַכט שטאַרקער הערן דעם שטורעם.

וועדליג — **כפי.**

זאַראַזען — **אָנשטעקן.**

זנאַטשען — **געזנאַטשעט; פאַררעכנט (אַזוי ווי די הינט); געזנאַטשעט זיין;**
גערעכנט זיין.

זנאַכאַרקע — **מכשפהטע.**

זשאַלעווען — **נישט פאַרגינען.**

כאַדאַטייען — **שתּדלנים.**

כאָטש — **הגם.**

טאָטשען — **נאָגן, פרעסן.**

טאַסעווען, אָנטאַסעווען — **אָנגעטאַסעוועט; אָנגעלאָדן (אַ וואָגן).**

טאַסקען, צוטאַסקען — **שלעפן, צושלעפן; טאַסקעט מיך אַוועק; טראָגט מיך**
אַוועק.

טייען — **טייעט פראָסט אָן; קוועלט ער פשוט אָן.**

טרעסלען זיך — **דו טרעסלסט זיך; דו ציטערסט.**

טשיסטע — **ריינע, עכטע; אַ טשיסטע קליאַטשע; אַ ריינע, עכטע קליאַטשע**
(פאַרטייטשט גלייך אין טעקסט) טשיסטע משוגעים — ריינע משוגעים;

אַ טשיסטע קאָמעדיע — אַ ריינע קאָמעדיע.

אַ טשיקאַוועשטש — אַ וווּנדער כלעבן.

טשעפּען זיך — נישט טשעפּען זיך צו יענעם; נישט זוכן זיך צו יענעם.

יאַווען זיך — זיך געיאַוועט; זיך געוויזן.

כיטרע — הינטערווייִלעכס; קוקן... כיטרע מיט די אויגן; קוקן... הינטער־ווייִלעכס מיט אויגעלעך.

לאַד — געקומען אויף אַ לאַד; געקומען אויף אַ שטייגער.

מאַלע — מאַלע וואָס — ווייס איך וואָס; און מאַלע נאָך זאַכן — וכדומה נאָך זאַכן.

מאַשעניקעס — גנבים.

מוזשיק — פּויער, ערל.

מוטשען — יאָגן און פּייניקן; פּלאָגן, מאַטערן.

זיך מוטשען — זיך פּלאָגן, זיך פּייניקן.

זאַמוטשען — דערגיין דעם עק.

אָפּגעמוטשעט — אָפּגעשלאָפּט.

נאַזנאַטשען — נאַזנאַטשעט; באַשטימט.

זיך נאַמערען — זיך נאַמערעט; געהאַט בדעה.

נודען — ...צום ברעכן; נישט גוט ווערן; ...צום ברעכן.

סאָבאָר — קלויסטער.

סאָסלאָוויעס — שטאַנדן.

סוועדיענעס — ידיעות.

סטראַגע — שטרענג.

ספּאָטיקען זיך — ספּאָטיקעוועט זי זיך; פאַרשטרויכלט זי זיך.

ספּאָסאָב — מיטל.

סקאַזקעס — בייקעס, פּיזמונות, שמאָכטעס.

פּאָדאַטן, נאַלאָגן — צינש, אָפּגאַבן (שטאָט־צינש און אַלע אַנדערע אָפּגאַבן; עס ווערן באַשאַפן עפּעס שטילע, שפּאָגל נייע נתונות).

פּאַדען — פּאַדען הין און הער; דרייען זיך הין און הער.

פּאָזדראָווען — געזאָגט „מזל טוב"; איך פּאָזדראָווע אייך — מזל טוב אייך.

פּאָטראָווע — אַ געריכט (צו עסן).

פּאָלנער — **אַ פּאָלנער מענטש; אַ גאַנצער מענטש.**

פּאָלעוואַניע — **יאַכט.**

פּאַסען — **פּיטערן.**

פּאָקאָרנע — **אָנבייגנדיק דעם קאָפּ.**

פּאַרפּוטעט — **פּאַרפּלאָנטעט.**

פּויטינע — **שפּינוועבס.**

פּוסטע — **נאַרישע.**

פּוסטע מענטשעלעך — סווישטשן.

פלאָדיען זיך — **פּרוכפּערן זיך.**

פלאַשטש — **מאַנטל.**

פּערעדניע — **הויז.**

(אין פיל מקומות האָט מען באַנוצט „הויז" ווי אַ פּאָדערהויז. „שטוב" האָט באַטייט דאָס גאַנצע הויז און אויך די ווינונג, און אַפילו אַ צימער).

פּראַווע — **רעכט (פּאַרטייטשט גלייך אין טעקסט).**

פּראָסט —

אַ פּראָסט מענטשל — אַ געמיין מענטשל.

ביי דעם פּראָסטן עולם — ביי דעם געמיינעם עולם.

ער טייעט פּראָסט — קוועלט ער פּשוט אָן.

אי איידעלע אי פּראָסטע מענטשן — אי פונעם איידעלן, אי פונעם געמיינעם גראַד מענטשן.

פּריגלאַשען — **פּריגלאַשעסט זיי אויף קיהעש (לשון); מאַכסט צו זיי אויף קיהעש (לשון).**

פּרימערן — **באַווייזן פּרימערן — ברענגען ראיות.**

געקאָוועט — **געשמידט.**

קישקע — **אין דער קישקע; אין דעם בויך אַריין.**

ראַבעווען — **גזלנען.**

ראַזבערייען — **באַקלערן.**

ראַזנאָסטשיק — **טענדלער.**

ראַסוזשדייען — **אַריינלאָזן זיך אין חקירות.**

ראַסכאָדן — **הוצאות.**

ריקעס — **טייכן (ריקעס טרערן — טייכן טרערן).**

שטוקעס — **אָנשטעלן (ווילדע שטוקעס — ווילדע אָנשטעלן)**;

שטוקעס, אָנשטעלן — פֿאַרטייטשט גלייך אין טעקסט.

סלאַוויזמען פֿאַרביטן דורך סלאַוויזמען

שייקעס — **באַנדעס.**

פּוסטע מענטשעלעך — **סווישטשן.**

„אַקוראַט" האָט מענדעלע איבערגעזעצט „פּינקטלעך", און „פּינקטלעך" פֿאַרביטן אויף דאָס סלאַווישע „איספּראַוונע".

סאַמע — **אַקוראַט.**

פֿאַרבליבענע סלאַוויזמען

נעמען פֿון נאַטור־דערשיינונגען: **וועסנע, אָסיען, כוואַליע.**

נעמען פֿון בעלי־חיים און פֿון דעם, וואָס איז צוזאַמענגעבונדן אָדער ווערט געברויכט אין אומגאַנג מיט זיי: **קאָמאַרן, מוראַשקעס, זשוקעלעך, יאַש־טשערקעס, פּיאַווקעס, זשאַבעס, שצערעס, סאָראָקעס, וואָראָנעס, סאָוועס, סאָלאָוויי־סאָלאָווייטשיקל, קליאַטשע, שקאַפּע, כודאָבע, קאָפּיטע, גריווע, טשאָפּריגע, סיטשקע, בויניע א"אַ.**

קאַנצעלאַריש־ביוראָקראַטישע טערמינען: **„דאָקלאַד", „פּאָמאָשטשניק", „איס־טאַטשניק", „פּיסאַקעס", „אוטשעניע", „דעזשורנע", „סוויעדיעניע", „דיע־לע", „סלאָוועסנאָסט".**

אין 1טן וואַריאַנט ווערן די ווערטער געגעבן אָן גענדזנפֿיסלעך; אין די ווייטערדיקע וואַריאַנטן ווערן זיי גענומען אין גענדזנפֿיסלעך, דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכן זייער פֿרעמדער כאַראַקטער, זייער „קאַזיאָנש־טשינע".

די ווערטער ווערן גענומען פֿון ליוציפֿערס ראַפּאָרט צו „זיין פּינצטער־ניש", דעם אַשמדאַי (2־טער וואַריאַנט) און פֿונעם בריוו פֿון קאָמיטעט „צער־בעלי־חיים" (2טער וואַריאַנט).

געזעלשאַפֿטלעכע קאַטעגאָריעס: **גאָטס־סטראַפּטשעס, פּראָסטאַקעס, פּאָקוס־ניקעס, אַ פּראָסטע פּאַדאַנע, קופּעצעסטוואָ, אַריינשטעלן אַ פּאָסטאַי,**

פירן די קאָמאַנדע **ביי די** וויבאָרעס, ראַפּאָרטעווען, **אייביקער** וואָפּראָס איז **נאָך נישט** גערעשעט, **סמאָטריטעל, פּיסמאָוואָדיטעל, פּאָווערעני, סבאָרשטשיק, סוועטשנאָי סבאָר, מושטיר, סמאָטרע, סטאַראַניעס, אָר־טשעניע, זשאַלאָוואַניע, פּיסאָקעס.**

סלאַוויש געמישט מיט יידיש: **בלייבן בסוד — כאַטע פּאָקרישקע; אָט ווערן וועלף „פּאַני בראַטצע" מיט שאָף; „טראַסציאַ איך מאַטערי" (דאָס לעצטע קאַפּיטל פון „די קליאַטשע").**

סלאַווישע אייגנשאַפטס־ווערטער: **פּאַנסקע צאַפּעס, אַ קאַפּיטאַלנע קליאַטשע, אַ טשיסטע קליאַטשע, אַ סטאַטעטשנע היטל, אין דער פּאַלנער פּאָרמע.**

סלאַוויזמען און העברעיזמען דערקלערט גלייך אין טעקסט

בעזדושנע, דאָס הייסט אָן אַ זעל.

ברואים און באַשעפעניש.

גבירים, רייכע לייט.

הלך למיתה — האָט א מיתה־משונה איינגענומען.

עפּעס אַ ווונק, אַ רמז; און אַ רמז ווערט אויסגעטייטשט — אַן אָנצוהערעניש.

החלק השני, דער צווייטער טייל.

כאילו קיימתם, גלייך ווי איר וואָלט געהאַלטן וואָרט.

כל ימיו, דאָס גאַנצע לעבן זיינס.

כמעט בכל תפוצות ישראל — צווישן די אַלע יידישע קהלות.

ער מעג זיך אַפילו לופען, אָראָפּנעמען די פעל. — אין 3טן וואַריאַנט „שינדן".

קיין מוצלח נישט געווען — נישט מזלדיק געווען, קיין מזל נישט געהאַט.

מזיקים, מישלחתן; מזיקים, מחבלים, אָנשיקעניש.

פול מיט סודות — מיט סודות, מיט סעקרעטן.

סומאַטאָכע — אַ געפּילדער, אַ מהומה.

סלוזשעט — גייט אויף די שפּיץ פינגער.

געווען אין דער עבודה, געדינט געטריי.

קהלשע פּאָווערענע — קהלשע דעפּוטאַטן.

פּאָלזע — דעם נוצן און דעם אינטערעס.

פּאָלזע — נוצן.

זיך פאַלזעווען — זיך באַנוצן.

אַלע פאָסטעמקעס — אַלע גענג.

בכל פרטיו, מיט אַלע פיטשעווקעס.

צרות און לייד.

געשאָסטעט — פאַרשווענדעט.

ווי מע שאָפקעוועט — ווי מע לעקט זיך אונטער, בייגט זיך.

העברעיזמען פאַרביטענע אויף יידיש

בשלמות (געטאָן בשלמות) — געטריי (געטאָן געטריי).

בשמחה — זייער גערן.

השגחה טאָן — גוט אַכטונג געבן.

התלהבות (מיט ה.) — מיט פייער.

אַ חידוש — אַ וווּנדער; זיך חידושן — זיך וווּנדערן.

אַ חיות צוקומען — אַ שטיק געזונט צוקומען.

חרוב — מאַכסט צו חרוב; צעשטערסט.

טיפה — אַ טיפה מן הים — אַ טראָפּן פונעם ים.

כבוד — האָנער.

כח — קראַפט.

פון כמה שנים — אַ לאַנגע צייט מיט יאָרן.

כפי דו זאָגסט — ווי דו זאָגסט.

לעת עתה — דערווייל.

מבטיח געווען — צוגעזאָגט.

מחשבות — געדאַנקען.

מישב — זיך מישב געווען; האָב איך מיך באַטראַכט.

מכין — זיך מכין געווען; זיך צוגעגרייט.

ממציא געווען — אויסגעטראַכט.

מסדר זיין — אויסשטעלן.

(אויסשטעלן איטלעכע מעשה אַקוראַט ווי מען באַדאַרפט).

מעמד — צושטאַנד (אין אַ בעסערן צושטאַנד).

מקבל זיין — פון איר מקבל געווען; פון איר געהאַט.

מרוצה (זייט איר מרוצה...) — ווילט איר...

משלחתן — מחבלים, אָנשיקעניש.

נבהל ומשתומם — פאַרגאַפּט.

(איך בלייב שטיין פאַרגאַפּט ווי אַ גולם).

נהנה געוועז — גענאָסן (ווער האָט דען נישט גענאָסן... פון מיר...).

נוגע זיין (איז אים נישט נוגע — עס באַרירט אים נישט).

נכלל (אין אים זענען בכלל — האָט אין זיך).

נתפעל ווערן — פאַרפלאָמט זיין.

(מען האָט באַדאַרפט דערביי שטאַרק פאַרפלאָמט זיין). אין ערשטן וואַריאַנט אויך: „פאַרפלאָמט און פאַרפאַליעט״.

סדר העולם — גאַנג פון דער וועלט.

על פי נס — דורך נסים.

עסקים — געשעפטן.

רמז — אָנצוהערעניש, ווונק; מרמז — דאָס איז אַן אָנצוהערעניש.

שוה בשוה — נישט געוועז שוה בשוה; געוועז קאָנטרע.

שמחה — פרייד.

תחבולה — מיטל.

הנהגות — פירונגען.

מנהג — איינפיר.

נסיעה — רייזע.

העברעיש אויף העברעיש

אחריות — סכנה (אַרויס פון דער אַחריות — אַרויס פון דער סכנה).

תחבולות — הסברות.

דער שטן — דער רוח.

סאַטירישע אויסטייטשונגען און וואָרטשפּיל

מענדעלעס סאַטירישע לומדישע אויסטייטשונגען און די „עם־הארצישע״ אויסטייטשונגען ביי מענדעלעס בעלי־מלאכות, ווי ביי שלום עליכמס טוביה דער מילכיקער, זענען די לאַנגאָניקע מסורה נאָך פון די מגידים און פון

לומדים, נישט נאָר פון עם־הארצים, אַרויסצוברענגען לעבנס־פילאָזאָפיע פון דער תורה.

מיר זעען דאָס אויך ביי די בעלי־התלמוד, וואָס פלעגן ביי אַזעלכע פאַלן באַמערקן: „אַל תקרי... אלא...“

מענדעלעס „עם־האַרצישע“ אויסטייטשונגען זענען נאָר אַן אָנשטעל:

אגיל ואשמח — קיילעכדיק און שפּיצעכדיק.

בגדי משי — זיידענע קאַפּאָטקעלעך.

זיין הדרת־פּנים — זיין אויסגעווייקט שיין פּנימל.

יד אחת — דאָס הייסט בלאָט צו שליסן תּמיד מיט דעם שטאַרקסטן.

כּוונות און פּשטים — קנייטשלעך, אָפּשניצלעך און פּשטלעך (אַריינלייגן דרינען קנייטשלעך...)

כּמה מעלות טובות למקום — וויפל דאַנק בין איך דעם אויבערשטן שולדיק.

לכפּר על כל עונותינו — זיין אַן אָפּקומעניש אויף אונדזערע זינד.

וואָס זייער גאַנצע עובדא... — וואָס דאָס גאַנצע געשעפט זייערס.

חאַרטש — רח״ש (רב, חזן, שוחט) — אַ ספּעציעלער אָפּצאָל זיי אויסצוהאַלטן. אַ ווערטערשפּיל.

„כּי הנה כּחומר ביד היוצר“ — איך בין דער חומר און ער איז דער יוצר, דער גאַנצער מאַכער הייסט עס, — אָדער איך בין דער חמור, דער אייזל, און ער איז דער אָנטרייבער.

דאָ איז אַ ווערטערשפּיל צווישן „חומר“ און „חמור“.

יידיש פאַרביטן אויף יידיש

אָפּגעפּרעגט; געוועזן שטאַרק אָפּגעפּרעגט — אָפּגערופן.

באַשעפעניש; לעבעדיק באַשעפעניש — מענטשלעכער נפש.

דעראָבערן; דעראָבערט מאַיאָנטקעס — פאַרשאַפט.

פאָרען; געפאָרעט — געבאָברעט.

פאַרקערט; אַלץ פאַרקערט — אַלץ קאַפּויר.

פאַרשידענע; אַלערליי.

צו פאַרזאָרגן — צו דערהאַלטןביים לעבן.

דער קאַליע־מאַכער — דער צעשטערער.

קאַצענע — **קעצישע.**

ריינע; **רײנע בהמות — עכטע בהמות.**

פאַרײדישטע דײטשמעריזמען

ערדרײכן — **דערגרײכן.**

ערלאַנגען: ערלאַנגט — **דערלאַנגט.**

עפּיטעטן צו דער קליאַטשע

די קליאַטשע — **אַ בידנע, װיסטע, אָרעמענקע, אומגליקלעכע, גוטע, משונה, שלימזלדיקע, פֿאַרמאַטערטע, הונגעריקע, פּאָקאָרנע.**

אַ טשיסטע קליאַטשע — אַ רײנע, עכטע קליאַטשע. אַ געבוירענע אמתע קליאַטשע.

די קליאַטשע — מײַן שלימזל. אַן אײביקע קליאַטשע, דער װעלטס אײביקע קליאַטשע.

אַ לעבעדיק באַשעפעניש — אַ מענטשלעכער נפש. האָרעפּאַשנע קאַפּיטאַלנע קליאַטשע.

אַ פּראָסטע פּאָדאַנע — אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק פֿון זײַן ליבן נאָמען.

אַזױ דאַר, אַזױ מאָגער — אַ נבלה, די קליאַטשע — הױט און בײן.

די שקאַפּע — **בידנע, יאַדעשליװע, אָפּגעבאַרעטע, דאַרע, אומגליקלעכע, פּשוטע.**

אַ פערד — **עפּעס אַ פערד, עפּעס אַ פערדל, עפּעס אַ מין בהמה.**

אַ פּרינץ — **שלימזלדיקער, געפאַלענער, פֿאַרװאָגלטער.**

שיר השירים של מנדלי מו"ס

לפני מאה שנה הופיע בדפוס הנודע של האלמנה והאחים ראם בווילנה ספרו של מנדלי מוכר ספרים ביידיש: „די קליאטשע" (סוסתי). כתאריך הצנזורה צויין ה־15 באוקטובר 1872. היה זה ספר בתבנית קטנה, שהכיל שישה־עשר פרקים קצרים אשר השתרעו על־פני 119 עמודים בסך־הכול. את המהדורה השניה, מעוטרת בעיטורים נאים, הוציא מנדלי עצמו בשנת 1889 בדפוס א. ורשבסקי באודיסה. ייתכן שהעיטורים נעשו בידי אשתו של מנדלי, שניחונה בכשרון לציור. בדף־השער מיוחד מצויה הקדשה לאמור: „די קליאטשע' מגישה שי לאשה"...

בנוסח השני עיבד מנדלי מחדש עיבוד יסודי את הלקסיקה, בהחליפו סלאביזמים ומלים עבריות בביטויים מתאימים ביידיש, הוסיף והעשיר את היצירה בתיאורים חדשים הניתנים בעוצמה פיוטית רבה.

את שני הנוסחים הללו עיבד מנדלי שוב באורח יסודי ב„סוסתי" בתירגומה העברי (1909), ולאחר שכבר היתה לפניו המהדורה העברית של „סוסתי" הוא יצר את הנוסח השלישי של „די קליאטשע" ביידיש,[1] שהופיע בהוצ' „מנדלי" בווארשה בשנת 1913, ככרך השלישי של כל כתבי מנדלי. „סוסתי" והנוסח האחרון של „די קליאטשע" התרחבו לכדי עשרים וארבעה פרקים. בין הנוסח הראשון לאחרון נשתפרו בינתיים דרישותיו של הקורא וגם הבשיל כשרונו של מנדלי. הוא צמח יחד עם הקורא. האליגוריה של הסוסה נהפכה לאפופיאה שלימה. הפקעת הזעירה נהפכה לפקעת־ענק, את החוט טווה הזמן.

את „סוסתי" כתב מנדלי במשך כארבעים שנה, הוא יצר וחזר ועיבד את יצירתו זו בשלוש תקופות היסטוריות, ושיקף אותן בשלושת הנוסחים שלו.

בדרך־חייו הארוכה ראה מנדלי עליות וירידות של התנועה החברתית והמהפכנית ברוסיה. בשנות השישים של המאה הי"ט לא באה הגאולה מן הריפורמות המקוות מלמעלה, מידי הצאר „המשחרר", שלא באו על הגשמתן; „ההליכה לעם" של שנות השבעים לא הביאה את מהפיכת האיכרים מלמטה. בשנות השמונים באה תחת זאת ריאקציה שחורה מלווה פוגרומים; המהפיכה הרוסית הראשונה, המאניפסט (מינשר) הצארי, תבוסת המהפיכה, ריאקציה ושוב פוגרומים. מיקסמי־שווא כחולים לוטי עננים שחורים, שמש־הפז הוט־בעה בנחלי־דם. תקוות וייאוש מתחלפים זו בזה. ובאליגוריית „סוסתי" צייר מנדלי את האפופיה הזאת[2] בכוח סאטירי־פובליציסטי רב.

שלום־עליכם, שהכתיר את מנדלי בתואר „סבא" של ספרותנו, ראה את „סוסתי" כ„יצירה בת אלמוות" וכינה אותה בשם „שיר השירים של מנדלי".[3]

*

פושקין בשירו על האנדרטה של פיוטר הגדול — פרש־הברונזה, שנישא על־גבי סוס משתולל, המניף את רגליו הקדמיות לעבר הנייבה שבפטרבורג — לאמור:

„ברסן ברזל הניף פיוטר הגדול את רוסיה והריצה בדהרה..."

מנדלי לא שם בפי „סוסתי" רסן אלא הרימה בעטו ובלשונו; סוסתו של מנדלי הופיעה בימים שנעלמו האשליות על האביב הפוליטי לאחר שיחרור האיכרים והתחילה התנועה של האינטליגנציה להליכה אל הכפר כדי להכין שם את המהפיכה.

ישראליק שואף להשכלה כדי להיות מועיל לעולם. גם זו מעין „הליכה אל העם". ומייד בראשית הליכתו קושרו הגורל עם הסוסה — כנסת ישראל.

„סוסתי" היתה בגדר מאורע גדול בספרות היהודית. „סוסה עלובה ומיס־כנה" כזאת והיא יוצאת בעזות כה רבה נגד שליטי־עולם ונגד התקיפים משלנו עצמנו. בימים ההם עוד לא היו קיימות מפלגות על פרוגראמות־המאבק שלהן. בקרב המשכילים היהודים ניכרו אז שתי מגמות: האחת, הקוסמופו־ליטית — למעשה ניהיליזם לאומי — והאחרת, חיבת־ציון, שחסרה פרוגראמה לאומית בשביל המוני היהודים בגולה.

הסוסה דוחה את הרעיון המשכילי שעל־ידי השכלה יגיעו היהודים לכלל

שוויון עם האחרים וכך יפתרו את שאלת־היהודים. לא היה איש בדורו של מנדלי אשר העלה בבהירות כזאת את התביעה העיקרית של כנסת ישראל בדבר שיווי־זכויות לאומי. „סוסתי" דוחה את הניהיליזם הלאומי, את שלילת היהדות וההתבוללות. איש לפניו לא קשר קשר הדוק כל כך בין החיים היהו־דיים (חוסר־זכויות וחוסר־קרקע) לבין כל העוול שבסדר העולמי, השורר בעולם החיצון. תביעתה של „סוסתי": בשר ודם כולנו, צרכינו שווים וזכות לחיות אחת היא לנו" — עדיין היתה אז נועזת מאוד לגבי כל העולם הסובב, שביסודו מונחים היו הרעב והניצול. רק לאחר הופעת „סוסתי" של מנדלי, רק בשנות השמונים, כתב סלטיקוב־שצ׳דרין את הסיפור „מי שלא אכל לחם בדמע", על אדם שמגלה, כי אכן יש לו הזכות לאכול, לאמיתו של דבר — הזכות לחיות. אחת־עשרה שנה אחר הופעת „די קליאטשע" של מנדלי הופיע „קוניאַגאַ" של סלטיקוב־שצ׳דרין. אילו היתה זו נסיך מכושף, כי אז היתה זו סוסתו של מנדלי...

בשנות השמונים מנדלי שוב אינו מחפש לסוסתו אוכל בלבד. בלא להיות „חובב ציון" הוא מגיע אל ה„אוטואמאנסיפאציה" של פינסקר ועושה אותה „סגולה לצרות היהודיות".

„סוסתי" של מנדלי אינה סובלת מדיכדוך־נפש שברגשי־נחיתות כמו ה„קוניאַגאַ" של סלטיקוב־שצ׳דרין, יש לה הכרה לאומית גאה, המסייעת לה לשמור על חירותה הפנימית ולתבוע את זכויותיה. עבד בעל הכרה והרגשת חופש פנימי שוב אינו עבד. מייד בפגישתו הראשונה של ישראליק עם הסוסה, היא מגלה את עצמיותה ואת מרדנותה. אין היא מניחה שיוליכוה ברעמתה. „הסרבנית הזו מרדה בי. כיוון שאחזתי בציצית ראשה ומשכתיה בחוזקה, התקוממה כנגדי ובעטה ברגליה" („אני מצאתיה"). אין היא מניחה שיוליכוה בדרך רעיונות ההשכלה של הימים ההם.

בכל ספרות ההשכלה של המאה הקודמת התאמצו להוכיח את כל המעלות הטובות שיש ביהודים ואת התועלת שיביאו לעולם. דרשו מאת היהודים, שעל־ידי התנהגות נאותה ירכשו להם יחס משופר יותר מצד הגויים. ומדובר לא רק בהתנהגות שבחיי יום־יום היה קיים (וקיים עד היום הזה) סוג נעלה יותר של תועלתיות. לנגד עיניהם של המשכילים־הקוסמופוליטים ההם, שהני־חו את היסוד לטמיעה ולטמיעה־למחצה, התנוסס רעיונו של משה הס הצעיר,

כי על העם היהודי להיעלם כליל כדי שבעולם ייווצרו חיים חדשים מלאי ערך („ההיסטוריה הקדושה של האנושות משל שפינוזה צעיר״) ; משמע, שעל היהודים לעשות כמעשהו של ישו הנוצרי ולהקריב את אומתם למען האנושות. היהודים חייבים להתערב בין האומות ולהפיץ צדק ויושר — להיעשות מיסיונרים. הדבר הטבעי הוא, איפוא, להכיר בתפקידם ההיסטורי של היהודים בקידמה העולמית ולכפור בזכות־קיומה של אומה יהודית. דבר זה עשה בימינו לנין. הוא ראה את הקו העיקרי של היהדות ושל התרבות היהודית ב„אחוז היהודים בתוך התנועות החברתיות המתקדמות והדמוקראטיות״ ועם זאת הוציא את היהודים מכל האומות ולחם נגד עצמאותה של תנועת־פועלים יהודית.

*

יהודים מנהיגי תנועות מהפכניות ומתקדמות עדיין אין פירושם יהדות ותרבות יהודית. יפה כתב אותו סבא של הסוציאליזם היהודי, מוריס וינ־טשבסקי: „ההיינים שלנו, הברנה׳אים שלנו, הפליקס מנדלסונים שלנו, האנ־טוקולסקים שלנו, הד׳יזראלים שלנו, הבראנדסים שלנו, המארקסים שלנו, הלאסאלים שלנו, הם מאתנו, אך לא בשבילנו.[4] אנו היום היינו מוחקים מתוך הרשימה הזאת את „היינה שלנו״ וכוללים בה לעומת זאת את „טרוצקי שלנו״ ואת „מרקוזה שלנו״ — שהרי לא בזכותם של כל אלה חיים וקיימים היהדות והעם היהודי.

הסוסה מכריזה: „דע שאין חפץ לבריה זו בהשתדלות מצדך שיהיו צרכיה נתונים לה בחסד וברחמים (הומאניזם של צער־בעלי־חיים) ואף לא בשביל טובת הנאה שיש לעולם ממנה...״ (ניצול ו„שליחות היסטורית״). סוסתו הנצחית של העולם לוחמת למען חירותה ועצמאותה... למען ערך־עצמי לאומי. „...וכשיהיו תלויים ברחמיו של מי שיהיה הרי היא כמו הודאה, שלו לבדו ראוי לחיות ולא לי, ואם אין הוא לי אין לי להתקיים וכשזה יחיינו בשביל טובת־הנאה שיש לו ממני, הרי הוא כאילו העיקר ותכלית־הברואים ואני לא נבראתי אלא כדי לשמשו ולהועיל לו בחיי הבלי, ובאמת הריני נפש חיה בשביל עצמי״ („על מה העולם קיים״). כאן מובעת בפירוש זכותה הטבעית של האומה כלפי כל שאר העמים ויחד עם הזכות לקבוע את גורלה

הלאומי בעצמה, גם התודעה הלאומית העצמית והרגש הלאומי הטבעי, אותה „אהבה שאינה תלויה בדבר כלפי פנים".

כל אותם גרמנים, צרפתים, פולנים ואחרים בני־דת־משה, כל אותם מתבוללים — סוציאליסטים, קומוניסטים בני־דת־מארקס־ולנין — ניתן להם עתה לראות בעליל עד כמה צדקה סוסתו של מנדלי באומרה: „לסמוך על רחמיכם ועל טובת־ההנאה שאתם מקבלים ממני אינני יכולה. היום רוחך טובה ותחנני, ומחר רוח תיכנס בך ותתאכזר אלי. או שלא אוכל מחר לתת לך תוכן הלבנים כתמול שלשום ויחרה אפך בי ותגזור עלי כליה. לא, שתדלני היקר, לא על רחמים ולא על הנאה, אלא על האמת והצדק העולם מתקיים" („על מה העולם קיים").

את יסוד היום שעליו בנוי כל סדר העולם מסביר מנדלי באמצעות האשמדאי: „בכל הבריאה כולה שולטים חוקים קבועים לכל הבריות והכול שווים שם. אין אחד נבדל מחברו. אין שם לא טוב ולא רע, לא רחמים ולא אכזריות, אלא הכול מתנהג על פי חוקים נאמנים וקבועים לעולמי עולמים ואתם בני־אדם, באלה לא חפצתם — נתפרדתם למפלגות וציבורים, ודתיהם ודיניהם של אלה משונים משל חבריהם" („אל תפתח פה לשטן").

הדברים דומים לרעיונו של ז'אן ז'אק רוסו על שוויון כמצב טבעי של האדם כחלק של הטבע ועל חוסר־שוויון, שנוצר בידי החברה האנושית. בעת שכתב את „סוסתי" בעברית כבר היה לנגד עיני מנדלי תרגומו הרוסי של „נאום רוסו על אי־השוויון בין בני־אדם", ההסברה הפופולארית של רעיון זה על־ידי ויירה זאסוליטש (1898).

על השוויון שר המשורר המהפכני היהודי יוסף בובשובר: „שלום על כל האדמה / שוויון לכל העולם"...[5]

גם המשורר המהפכני היהודי דויד אדלשטאט הביע בחרוזי שירו „איך אשיר שירי גיל" את הרעיון של רוסו (בתרגום חופשי): „הו, לדרור, לאושר וחיים / יצר הטבע את העולם; — לכם ניתן עולם חופשי / והנה אדמה ואדם משועבדים הם".

אין כאן המקום לדון בהארמוניה של הטבע ובדיסהארמוניה של החברה. המטרה ליצור חברה אל־מעמדית מאוחדת היתה והינה תוצאה של הסטיכיה הטבעית הדיסהארמונית ושל שאיפתו הנצחית של האדם אל השלימות.

מנדלי הסיק מחוק־הטבע מסקנות אחרות מאשר בובשובר ואדלשטאט. הוא קרא לא למלחמת מפלגות ומעמדות, כי אם להארמוניה בחיי החברה ובייחוד בחיים הלאומיים. הוא הצטער על היעדר עבודה משותפת להגשמת הציונות. „את מחשבותיך, ישראל, ידעתי. ראיתי את דמעתך ואת הפיכת פניך כלפי מזרח, אף זו ידעתי מה הוא ומה פירושה. גדולות אתה מבקש!" על ציונים הוא אומר: „הפילפול מעקם דעתם, עושה אותם קנאים נלהבים, מתהללים ומגזימים משונים, מרבה שינאה וקטטה ומחלוקת ומיפר האחווה ביניהם. הם מפלפלים ודורשים דרשות הרבה ואינם עושים ואינם לומדים ואינם יודעים כלום. דברים מגונים אלו מוציאים אותם מן העולם ומרפים ידיהם לעבודה משותפת לטובת כולם" („כיצד מרקדים לפני האשמדאי").

קשה לומר כיצד היה מנדלי מתאר את מדינת ישראל, את הכנסת ואת כל המפלגות. אך דבר אחד הוא בחזקת ודאות, שהיה קורא... „לעבודה משו־תפת לטובת כולם" — הכנסת של מדינת ישראל למען כנסת ישראל!

„אכן נודע פירושו של איוב" (פרק שנים־עשר)

„איוב זהו דברי הימים — ספר הקורות שלך — תחילתו ואמצעו הרי זה נתקיימו בך בכל פרטיהם ככתוב, וסופו ודאי אף הוא יתקיים בך. אותה הסערה שאלוהי המשפט והצדק יתגלה בה, עתידה להיות גדולה, גדולה מזו של אתמול. — כותב זה צפה למרחוק". כך כתב מנדלי לאחר מהפיכת 1905—1907 ברוסיה. הסערה זיעזעה את העולם כולו במהפיכות ובמלחמות. את „סוסתי" שרפו בתאי־גאזים, קרעו נתחים חיים מגופה. ורק כשוך הסערה נתגלה סוף סוף אלוהי הצדק והמשפט. איוב — סוסת העולם הנצחית, זכתה לחיים מחודשים בארצה שלה. נשמתה הגלותית העתיקה זכתה לתיקון חדש במדינת ישראל. אך „הסוסה" אינה מניחה לנו לשכוח את פראותם ואת אכזריותם של מעניה. „סוסתי" היא פרק רב־אימים בביוגרפיה של עם הנצח („ספר דברי־הימים מזכיר עוונות של דורות ראשונים. במגילת ספר זה כתוב עלי. אני רובץ לפניך עתה — הסתכל, הסתכל בעורי וקרא בו" („דברים שביני ובין סוסתי"). „סוסתי" היא יצירה מונומנטאלית, אך לא פסל מאובן. מבעד לעבר פורץ ומבקיע ההווה. עוד היום רואים אנו את המזבחות שהקימה הציביליזאציה הרכושנית לעגל הזהב — „מזבחות שעליהם הוקטר לשמי

ולשם אלוהי הממון, אלוהי התגרנות והערמומיות, העשן העולה מתוכן מייבש לבבות, מכלה הרגשות ומהפך ועושה את הכול סחורה — אהבה וריעות, יראת שמים, דת וצדקה..." („חוצפא כלפי שמיא") — — —

*

אין הספרות ממציאה בעיות ואינה פותרת אותן. הספרות רק מגלה אותן ומסייעת בידי החברה במלחמה על פתרונן. מנדלי כתב: „העט והלשון היו תמיד הפועלים הראשונים בשינויים הטובים שנעשו בתבל... למלחמת החרב והקשת קדמה תמיד מלחמת הדברים והדיעות... היחס שבין הספרות ובין חיי אדם הוא כיחס ההצטרפות שבין המחשבה ופעולת האדם".

בעיות רבות הניחה „סוסתי" של מנדלי ללא פתרון. החשובה שבהן לגבי דידנו היא — המאבק המתנהל בתפוצות ישראל בין התכחשות־עצמית לאומית לבין תודעת העצמיות הלאומית — המאבק לשחרר את הסוסה ממעגל־הקסמים שנקלעה לתוכו.

גריבויידוב נעשה לקלאסיקן של הספרות הרוסית הודות ליצירה סאטי־רית־פובליציסטית אחת ויחידה — "צרות השכל". אילולא כתב מנדלי אלא את „סוסתי" בלבד, גם אז היה ראוי כבר לכתר הקלאסיקן.

ב„סוסתי" הועלה שלל של בעיות. יש בה ביצירה זו גם מן השירה. הן בנוסח היידי והן בנוסח העברי מורגש הסגנון המיוחד במינו של מנדלי. אלא שנושא זה הוא עניין לדיון נפרד.

---

1 ד. איינהורן, „מענדעלע ביי דער אַרבעט", אין זאַמלבוך מנדלי מוכר ספרים, צום 75יאָריקן יובילעום, ווארשה 1910, עמ' 45.

2 עיון ממצה בנוסחי סופתי למנדלי פירסם מחבר מאמר זה בסאָוועטיש היימלאַנד, 1967, גל. 6.

3 די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, קיִוב 1889 (רצנזיה על די קליאַטשע והערת המערכת).

4 מ. ווינטשבסקי, צוקונפט, 1918, גל. 1 עמ' 25 (מוקדש למנדלי).

5 ש. אייזנשטאט — פרקים בתולדות תנועת הפועלים היהודית, 1970, חלק א' עמ' 257.

אינהאַלט

הקדמה 7
וואַריאַנטן פון מענדעלעס „די קליאַטשע" 9
„די קליאַטשע" — סוסתי (יידיש און עברית) 28
מענדעלעס „די קליאַטשע" — הונדערט יאָר 45
דער אַשמדאי און ישׂראליק 57
דעם זיידנס קרוין 73
למדו היטב — האָבות והבנים 88
דער פאָלקלאָר אין מענדעלעס שאַפן 112
מאַטעריאַלן 135
שיר השירים של מנדלי מו"ס (עברית) 146

פון דעם זעלבן מחבר

פועלי־ציון אין ראַטנפאַרבאַנד. זכרונות, געדאַנקען און דאָקומענטן.
פאַרלאַג י.ל. פרץ, 1978.
ס׳גרייט זיך צום דרוק דער צווייטער באַנד זכרונות: **די היימשטאָט מאָקאָוו.**
אונטערגרונט, הינטער די הרי־חושך, קאַטאָרגע, סיביר.
אין מכון לחקר התפוצות גרייט צום אַרויסגעבן: **אַנאַליטישע ביבליאָגראַפיע פון פועלי־ציון־פּעריאָדיק 1906—1928** געדרוקטע אין צייטשריפטן, פּובליציסטיק און ליטעראַטור־פאָרשונג (אונטערגעשריבן וו. בלום און ב. מאַכלין).

שטייגער־נאַטיצן (רוסיש). — יעווריעיסקאַיאַ פּראָלעטאַרסקאַיאַ מיסל, 1923, נומ. 28—29 (דאָס סאָוועטישע באַרדיטשעוו).

איבערן ייִדישן דאָרף (רוסיש). — יעווריעיסקאַיאַ פּראָלעטאַרסקאַיאַ מיסל, 1925, נומערן 32, 33 (די ייִדישע ערד־באַזעצונג).

דער שטורעם־פויגל (צום צענטן יאָרצייט פון י.ל. פרץ), ביולעטין פון א.ק.א.פּ. פועלי־ציון מאָסקווע, 1925.

דער ערשטער אַרויספאָר. די נייע ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין ראַטן־פאַרבאַנד. — „נייע אַרבעטער־וועלט״, וואַרשע, 1925 (אין צוויי נומערן פון 18טן און 25טן סעפּטעמבער, צוזאַמען מיט צ. פינקעלשטיין).

אונדזער פאַרבאַנד אויפן שוועל פון צווייטן אָקטאָבער־צענדליק — דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק, מאָסקווע, 1927, נומ. 49—50 (יוגנט־פועלי־ציון).

באַראָכאָוו און די ייִדישע שפּראַך — פּראָלעטאַרישער געדאַנק, בוך 1—2, וואַרשע, 1928.

דער בירא־בידזשאַנער פּראָיעקט — אַרבעטער צייטונג, וואַרשע, 28, 44.

דער פּסוק אין דער היינטצייטיקער ליטעראַטור — סאָוועטיש היימלאַנד, 1969, נומ. 1.

„לעקסיקאָן פון ייִדן־קינסטלער״. — סאָוועטיש היימלאַנד, 1969, נומ. 3.

פּאַרסמטע בלעטער — פאָלקס־בלאַט, 1970, נומ. 8—9.

„בית יעקב לכו ונלכה״ (אַ הערלעכער יובל פון רוסלענדישער עליה), פּאַלקסבלאַט, 1972, נומ. 9–8.
אַן אַ היים און אַן אַ לאַנד. אַ בינטל זכרונות און געדאַנקען וועגן „סאָוועטיש היימ־לאַנד״ — די צוקונפט, ניו־יאָרק, 1972, נומ. 6.
„האָפענונג און שרעק״ - י.ל. פּרץ און ד. האָפשטיין - ישראל־שטימע, 1975, נומ. 5.
פינף יאָר מאַסן־עליה פון ראַטנפאַרבאַנד — „פאָלקס־בלאַט״, 1975, נומ. 7.
יצחק לייבוש פּרץ (אַ נשמה־ליכט צו זיין זעכציקסטער יאָרצייט) — פאָלקסבלאַט, 1975, נומ. 9–8.
באַראַכאָווס לערע אין אויספירווו פון אונדזער תקופה (משה ארם — משנתו של ברוכוב במבחן תקופתנו), תל־אביב, הוצאת י.ל. פרץ, תשל״ג 1973 — פּאָלקס־בלאַט, 1974, נומ. 2.
מיט פופציק יאָר צוריק — ביי זיך 1974, 1976, נומ. 4, 6 (פראַגמענטן פון זכרונות־בוך).
דוד האָפשטיין — שטריכן צו זיין כאַראַקטער (קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דער געדאַנקען־וועלט פון י.ל. פּרץ און דוד האָפשטיין) — ביי זיך, 1975, נומ. 7.
דער פּאָלטאַווער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון פּועלי־ציון. געשיכטלעכער איבערבליק. ישראל־שטימע, 1976, נומ. 6, 7.
אַ וויכטיקער דאָקומענט פון די טורעם־טעג אין רוסלאַנד. — ישראל־שטימע, 1977, נומ׳ 17, 18.
אונטערגאַנג און אויפגאַנג (מכוח רבקה קוויאַטקאָווסקי פינחסיק און אירע שריפטן) — ישראל־שטימע, 1977, נומ. 5.
עטלעכע ווערטער צו דער פאָרגעקומענער יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים — ביי זיך, 1977, נומ. 8.
פּרצעס חסידות (פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט). — ירושלימער אַלמאַנאַך, 1977, נומ. 8.
האינטרנאציונאל הכל־רוסי, פרק בתולדות המאבק לזכויות המיעוטים — בדרך, חוברת 1, גבעת חביבה 1970. נומ. 1.
נאפוליאון של הספרות היהודית (י.ל. פרץ — ששים שנה לפטירתו) — „על המשמר״, 27.6.75.
ממגילת פועלי־ציון בברית המועצות — „העבר״, ספר י״ח, תשל״א.
„ישו הצלוב״, הערות למאמרו של ש.ל. שניידמן, „התמזגותו של מארק שאגאל״ — „על המשמר״, 29.3.75.
100% ציונות — 100% סוציאליזם. 70 שנה לוועידת היסוד של פועלי־ציון בפולטאווה. — „על המשמר״, 30.4.76.

„די קליאטשע" — „סוסתי" (ביידיש ובעברית) — הגות עברית בברית המועצות — ברית עברית עולמית, ירושלים, תשל"ו.

הפרובינציה החביבה שלנו לפני שנות יובל (נסיעות מפלגתיות בשנות 1921–1927) — „העבר", ספרים כ"א, כ"ב, תשל"ה, תשל"ו, תל־אביב.

פועלי־ציון שמאל בזרקור של ד"ר אלקנה מרגלית — בשער, 1977, נומ. 132, חוברת 2.

תעודה חשובה. מימי הסער ברוסיה — בשער 1977, נומ. 134–135, חוברת 4–5.